STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01461

AAVES TSIEN

Abraham Mapu

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-01461-3

D:\YIDDISH\Titles\9780657014612T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

אהבת ציון

אדער

דיא ליבע פאן ציון

איין זעהר אונטערהאלטענדער ראמאן פאן דעם אבאליגען יודישען לעבען אין זייער לאנד אין ירושלים מיט לעבעדיגע פארבען פאן דעם גרויסען בערימטען ראמאניסט ה' מאפו אין דער העבראישע שפראכע. איז יעצט איבער זעצט געווארדען איינע ריכטיגע אונד פאלקאמענע איבערזעטצונג אין דיא זשארגאנשע שפראכע צו פערגעניגען דיא לעזער:

פאן

נ"ר אוים דובנא

בהוצאות בית מסחר הספרים של ר' הירש בער
ראזענבלאטט ברחוב פראנציסקאנער 30

ווארשא

АГАВАСЪ ЦІОНЪ

т. е. Сіонская любовъ переведено
съ древ. Еврейскаго Ражилеса

Типографія ЛЕВИН-ЭПШТЕЙНЪ
Варшава Павлиная 14

Дозволено Цензурою

Варшава, 17 Декабря 1902 г

די נעהמען די פערזאהנען

יורם אפירשט אין יערוזאלם

חגית)
) זיינע פרויען .
נעמה)

עירא חגית"עס פאטער .

עזריקם חגית"עס זיהן .

עמנון)
) נעמה"ס קינדער .
פנינה)

פורה עמנונס אבעדינער .

עכן יורמס הויז"פיהרער .

חלאעה זיין פרוי. **חגית**עס אדיענסט .

נבל עכנס זוהן .

אבישי) צווייא ברודער .
סתרי)ביידי אוף זעהרס
) איבר יורמס שאף.

עוץ אקנעכט בייא אבישין.

מתן אריכטר אין יערוזאלם

ידידיה יורמס אגוטער פריינד .

תרצה זיין פרוי .

חננאל זיין פאטער .

תימן)
) ידידיהס קינד,ר .
תמר)

מעכה)
)תמרס צווי קינדר.
פועה)

חפר) צוויי גוטע פריינד
) פון דר קאמפאניע
בוקיה) פאלשע מענטשן.

זמרי איינער פון דיא פאלטשע פריעסטר איין אויף זעהער אין ידידיהם הויז .

כרמי אווירטה פון איין שענק הויז .

הדורם עמנונס אבקאנטר.

אין דר צייט ווען (אחז) הט איבר יודן רעגיערט הט גוואנט איין מאן אין דער קרון שטאט יערוזאלם (ירושלים) מיט דעם נאמן (יורם אביעזרם) זוהן . ער איז גוועזן אפירשט אין (יהודה) . אונ אבערסט (פאר קאווניק) ער הט גהאט פיל פעלדר . גערטנר . אונ שאף אין (בית לחם) . אויך פיל גאלד . זילבער . שיינע מעבלן . אין אללערלייא שאטצבארע קליינאדען אונ צוויי פרויען הט ער גהאט . איינע מיט דעם נאמן (חגית) (עירם) . אטאכטער . אונ דיא צווייטע הט גהייסן (נעמה) . יורם אבר האט גליבט דיא לעצטי . ווייל זיא איז זעהר שיין גוועזן . אים דאן זיא פלעגט (חגית) שטענדיג בענייד'ן (מקנא זיין) אונ אויך ערצערנן . ווייל (חגית) האט גהאט צווייא קינדר אונ נעמה איז גוועזן קינדר לאז (עקרה) נאהר אבר נעמה פלעגט זיך זייער עדעל אופ פירן . אלס דען האט איר (יורם) אבזונדר וואנונג אפ געגעבן . זיא זאל ניט מוזן ליידן פון דר שלעכטער פרוי (חגית) . (יורם) האט גהאט איין הויז פירער מיט דעם נאמן (עכן . יורם) הט אים געגעבן (חגיתס) דינסט (חלאה) פר איין פרויא . אונ איין גוטן פריינד הט (יורם) גהאט הט ער גהייסן (ידידיה דער פריי געביגע) איין יונגר אונ איין ארנטליכער מאן ער הט ארויס גשטאמט פון די קעניגע פון (יהודה) . מיט זיין גוטר האנד פלעגט ער שיצן דיא פראפעטישע (נביאימס) קינדר . ווייל ער האט זייער גליבט זייערי בילדונג לעהרע . אלזוא האט מען אים גרופן (ידידיה) דער פרייא געבונגער . דיזע צוויי גוטע פריינד האבן געגלאנצט ווי דימענטן צווישן דעם פארקערטן פאלק . ווייל זייערי גייסטר זענן גוועזן צו טרויליך גאט אין זייני היילגע :

אונ שטן דר ריכטר יוזבדס זון האט זיך בקאנטשאפט גמאכט מיט יורמען אונ איז גווארן זיין ראטה געבר . אבר נאר מיט איין פאר שטעדטי ליבע . זיין פר דרום האט ער טיף אין זיך בהאלטן פון דער צייט אן זינט יורם הט זיין גליבטע (חגית) פר איין פרוי גנומן . דיא אורזאכע דר פון איז גוועזן ווס יורם הט עס ניט באמערקט . אונ האט אים פר איין פריינד גהאלטן . יוזבד שתנס פאטר איז גוועזן איין שלעכטר מאן . ער האט זיך איין רייכטהום ערווארבען . אבר מיט אהן רעכט . ער האט פרעמדי לייט בערויבט אונ נימאנד איז ניט אום שטאנד גוועזן ביי אים עס צו רוק צו נעמן . ווייל ער איז גוועזן איין מאכטיגער מאן . אויך עירא חגיתס פאטר האט זיך מיט אים איין צייט גקריגט איבר איין פעלד . וואס ער האט עס ביי אים צו גנומן . נאר אבר אזו ווי יוזבד הט גהאסט עיראן . אזו הט שתן זיין זון גליבט חגיתן עיראס טאכטר . יוזבד איז שון ניעמאלס גוועזן אופ דר עלטר . הט שתן צום

[illegible]

חגיתן גזאגט לאזן נאר קומן זדי טרויער טעג פון מיין פאטר · וועל איך דיין פאטר צו רוק געבן זיין פעלד אונ אוך פיל אנדרי פעלדר · נאר דו זאלסט מיט מיר הייראטען · איין איינציגר בין איך ביא מיין פאטר · אונ מיין רייכטהם איז זייער גרוס ·

(תגית) אבר האט גהאפט אוף יורמאן · נאר דאך האט זיא אים האפנונג געגעבן · איר הארץ אבר הט גדענקט אין יורמען · ווארום צוא אים הט זיא איר פאטר באשטעלט :

צו מתנם (אוך צו די אונטר דריקטעס פרייד) איז יוזבד גשטארבן זיי האבן גפרובט רעדן מיט מתנען ווענין די פראצעסן וואס זיי האבן גפירט מיט זיין פאטר · זיין הארץ אבר איז גוועזן אהנליך מיט זיין פאטר · אין מתן האט צו עירא גזאגט · מיין פאטר דיין פריינד · איז שון גשטארבן · יעצט נעם דיר צו רוק דיין פעלד · אוך דיא איבריגי פעלדר גוב איך דיר אוועק פאר דיא יארין וואס מיין פאטר האט עס בעארבייטעט · פאר לאנג פון מיר וויא פיל דיר גיפעלט נאר די זאלסט מיר דיין טאכטר מיין גליבטע געבין :

האט אים (עירא) געענפערט דיין פאטר אבר האט אונטר דריקט וויא פיל מענטשן · בערא־ביוועט נעביך גמיינע לייט · אונ דוא וועסט מוזען זיינע קללות ליידן · זיין שאנד הערן · וויא אזו קען איך מיין טאכטער אוועק געבן צו אזונעם וואס פיל מענטשן וועלין אים אייביג שעלטן · נאר אבר ווען דוא מיינסט עס ערינסט · הער מיך צו מיין קונד · רוף צו נוף אלע ווס דיין פאטר הט זיי בעראביוועט · אונ קער זיי צו רוק אום זייערם דאמאלס ווירדען זיי דיך אוף הערן צו זידלען :

זייער פיל הט מתן צו אים גזאגט · זייער פיל פר לאנגסט דוא פון מיר · נאר דאך איז דיזעס אלעס ביא מיר ניט טייערער פון דיין איינער טאכטער :

אלזא ווען דוא וועסט אזו טון האט עירא ווידר צוא אים גזאגט וועל איך דיר מיין טאכטער געבן · נאך דעם ווען עס וועלן איבר צוהן דיא טרויער טעג פון דיין פאטר

(מתן) איז פון אים זייער פרייליך אוועק גגאנגען · אונ האט אין דער זעלבר נאכט צו זאמן גרופן אלע אונטער דריקטע · אונ האט צו זייא גזאגט · איר זענט אלע מיין טאטענס פיינד גוועזן וויא פיל יאר · איין לאנגע צייט האט איר זיך מיט אים גיקריגט · אונ דאך האט איר גאר ניט גיפועלט · אונ אוך מיט מיר הט איר גיפריבט רעדן · איך אבר האב אייך דם זעלבע געענפערט · אוך איך בין מאכטיג וויא מיין פאטר אזוא זאגט מיר וועד פון אייך קען זיך וואגן מיט מיר פראצעסן צוא

פירן

פירן • נאר אבר יעצט ווייסט אז ניט וועגן אייער קראפט • נאר וועגן מיין ניט הארץ מיין ארנטליכקייט קער איך אייך אום אין איין אוגן בלוק דיזעס אלס וואס איר האט פיל יארן גזיכט אונ ניט גפונן :

זיי האבן אים אלע צו זאמן גידאנקט אונ זענן אוועק גיגאנגן מיט פריילכע הערצר • אונ אין איינגע טעג הט זיי מתן צו רוק געגעבן אלס וואס ער הט זיי צו גזאגט מיט דיזען הט די גאנצע שטאט גקריגן אלע באזוטצר האבן גרוסט מתנען פר זיין ארענטליכקייט • אונ האבן אים דריבר פר איין ריכטער בשטימט • ווי עס איז גקומן די צייט וום עירא האט אים צו גזאגט זיין טאכטר צו געבן • איז מתן גגאנגן צו אים מיט גרוס פרייד • אך לעזער • ווי ביטר איז אים אבר גווארן • אז ער האט דר הערט וויא עירא האט אים גזאגט • פערציהע מיר אוף מיין זינד • ווארום חגית הט חתונה גהאט מיט יורמען גאר אן מיין וויסן :

ליבער לעזער קיין פעדר איז עס ניט אום שטאנד אום צוא דריקען וויא גרוס זיינע שמערצען זינדען דאמאלס גוועזן אין זיינעם הערצען וויא ער דיזע ווערטר גהערט האט פון עירא אבער עס איז שון פאר ביא גוועזן :

אלס דען הט מתן גזעהן אז זיא האבן אים גאר בעטריגען • אונ דיזעס גוטץ וום ער האט גיטאן איז שון פאר פאלן • הט ער דעם פאר דרוס טיף אין זיינעם הארצן באהאלטן • אונ הט זיך צו אים אן גריפן גיוויס אז גאט הט זיא צו יורמען אן גצייכנט • אונ איך בערייהע מיך (חרטה) דאך ניט אוף דעם גיטץ ווס איך האב גטאן • אונ איך האב מיך שון באקלייט מיט איין ערליך מאנטעל וויל איך עס פון מיר שון ניט אראפ נעמן • דר אייביגער זאל געבן דאס דיין טאכטר זאל ריה גפונן ביי יורמען • דאמלס ווירדע איך מיך אוף פרייען זיא גליקליך צו זעהן :

דאמאלס האט אים עירא ביי דר האנד אן גנומן אונ האט צוא אים גזאגט פר דע-וועלין דיך אלי לייט רומן פר דיין ערליכקייט : יעצט בעט איך פון דיר איין גענאדע דם דוא זאלסט מיר צו יורמען גיין • אונ זאלסט אים זאגן דם דוא האסט אים פר ציהט ווארום דורך דעם איז זיין פרייד פר שטערט • זייער שיין • הט ער אים גענטפערט אונ זענן צו זאמן אוועק גגאנגן צו אים • אונ עירא הט דר ציילט יורמען אז ער הט אים זיין זינד פר ציילט :

אלס דען הט זיך יורם צו אים אן גרופן • דריבר ווערסט דו מיר פון יעצט אן גרעכנט זיין ווי דר בעסטר פריינד • איך וועל דיך לובן וויא איין איינגעם ברידר • אונ פון דער צייט אן פלעגן זייא זיך אוף פירן ווי צוויי ברידר • אונ הארץ אבר האט מתן גטראכט אים שלעכטס צו

מאן אין איין גליגנער צייט :

אונ חננאל · איינר פון דיא הארין פון שומרון פלעגט יעדן פעסט (יום טוב) גיין קיין ירושלים · זיך צו ווייזן פר גאט ווס ריהט אין ציון · וויא עס איז גקומן דר ליבר היטר פעסט (סוכות) אונ חננאל איז גקומן קיין ירושלים · אונ מיט אים זיין טאכטר תרצה · אפרייליין פון איאר זיבעצן · זיא איז זייער שיין אונ גבילדעט · יעדר פירשטן קונד וואס האט זיא נאר דר זעהן · האט זיך פר וואנדרט איבר איר חן אונ איבר איר שיינקייט · אוך ידידיה האט זיא נאר דר זעהן איז זיא אים העכסט גפעלן · ער האט גמאכט איין באל · אונ האט צוא זאמן גרופן אלי זייני פריינד · וורמען מיט זייני פרויען · אונ חננאלען מיט זיין טאכטר אוך אלי פראפהעטישע קינדר · נאך דעם עסין הט ער זיך צו חננאלען אן גרופן · אלם טייערע ערבליקט יעדער אוג אין ציון · אזו זאל דיין טאכטר אוך זיין ווי יעדרם טייערסטע · אונ זאל בליען וויא איין רויז אוף ציונס געבירגע :

זיא וואלט גבליהט · הט אים חננאל געענפרט · ווען איך זאל זיא איין זיצען אין איין פעטן גארטן וואס ער זעט זיך אן מיט דער הימלישע טויא :

אזו ווינטש איך מיר דם גלוק · הט ידידיה צו אים גזאגט · צו זיין דר גארטן פון דר רויז · גאטס פארכט איז ביי מיר ווי דיא הימלישע טויא אונ אוך מיט דעם ערד זעגן האט מיך גאט גיזעגנט (גבענטשט) :

שון פון איאהר · האט חננאל צו אים גזאגט · האבן עס מיר דיא הארן פון שומרון פאר גליינט איך זאל זייא מיין טאכטר געבן · תרצה אבר האט גוואלט ליבר אקונד פון ציון · דריבר האב איך זיא מיט גבראכט אהער · אונ אצונד שמועס מיט איר אליין · אוב זיא בשטייט דארוף ווינטש איך מיר קיין גרעסר גליק דר פון :

ידידיה איז צו גגאנגן צו תרצהען אונ הט זיך צו איר אן גרופן · זאג מיר עדלע · ווי שיינט דיר אום ציון · ווי ווייזען דיר אוים אירע בזוצר : (ציון) ווי דר פאראדים · (גן עדן) אונ די בזוצער · וויא הימלישע ענגעל · האט זיא אים געענטפערט :

דריבר מעג איך מיך אוך רימען פר דיר · האט ער צו איר גזאגט · ווארום איך בין אוך אקונד פון ציון · עס מעגן זיך רימען אלע בזוצער הט זיא אים געענפרט מיט גרוס חן אוב זיי זענען אהנליך צו דיר :

גינוג פר מיר · הט ער ווידער צו איר גזאגט וואס איך בין אין דיינע אויגן גפעלן · אלוואי איך זאל נאך גפעלן דר וואס מיין זעלע ליעבט :

די זעלבע זאל גזאגט זיין פון גאט · האט זיא אים געענפערט אזו זייא

גזעגגט

גזעגנט פון גאט אונ אוך פון מיר . דיא ערדלע :

שמיעס מיט מיין פאטר · הט זיא אים גזאגט בשעת זיא איז רוטליך גוואָרן · וואס ער וועט זאגן בין איך גאנץ צו פרידען :

בשעת זיא הט גזאגט איז חננאל צו זיי צו גגאנגן · אונ האט זיך אן גרופן : הער צו טאכטער · צו מיין ראטה · זעה דעם ווס שטייט פאר דיר · דעם האב איך פון טוזענטער מענטשן אוס דער ווילט · ער איינר הט מיין ליבע גווינן . ניט אבר ווי איר · הט ידידיה גזאגט מיט איין גלעכטר הט מיך אייער טאכטר גזעהן · ביי איר אין די אויגן האב איך ווי איין ענגעל אוס גזעהן · אלם דען ווינטש איך מיר דם גליק . הט חננאל צו זיי גזאגט · צו זיין ווי איין ענגעל אירע זעלען צוא זאמן צו בינדען פר דעם גאט ווס ריהט אין (ציון) :

אין איינציגען האב איך דיך אוס דר ווייט · הט תרצה זיך צוא אים אן גרופן · דריבר וויל איך אוך זיין איינע ביי דיר · זייער שיין · האט איר ידידיה גענטפערט · איינע וועסט דוא ביי מיר אייביג זיין · קיין פרעמדי וועט זיך צווישן אונז ניט אריין מישען · בייא דיזען גשפרעך איז זייער פר בינדן צו זאמן גשלאסן גוואָרן · אונ ידידיה הט פיל מתנות גטיילט די פראפהטישע קינדער אונ אוף דעם צווייטן טאג הט ער מיט איר גליקליך גהייראטעט · אונ חננאל איז מיט זייא צוא זאמן איין פעליג יאר אין ציון גזעסן · זיך זיין הארץ אן צו זעטן מיט פר גניגען · אונ צוא זעהן זיין טאכטר גליקליך אין ציון · ווארום ער הט זיי גליבט ווי דם אוג אין קאפ :

א-ענדע פון דעם יאר וואס ער איז אין ציון גזעסן · האבן דיא (פלשתים) אן גהובן צו קעמפפען מיט די יודן · זיי האבן זייערי שטעט בלעגערט אוך האבן זיא שון איינגע צוא גנומן אונ יורם וואס ער איז גוועז אפאלקאווניק איבער דעם יודעשן מיליטער איז גרייט גוועזן ארום צוא גיין אין דער שלאכט געגין דיא פלשתים . אונ זיין פרויא חגית · הט אים דאמאלס אזוהן גבוירען ער האט אים אנאמן גגעבן (עזריקם) אונ חלאה איר דינסט האט אוך דאמאלט איין זוהן גווינען צוא איר מאן עכנען : זיא האט אים אנאמן גגעבן (נבל) . אונ דיא בייזע פרוי חגית הט איין באפעל גגעבן אז חלאה זאל איר זוהן נבלען צו איינע פון דיא דינסטען אוועק געבן אונ זאל איר קינד זייגען דם הט אין עכנען צו זשאַרעט דיא פלאמען פינם פאר דרום נאר ער האט אים אונ זיך באהאלטן צוא אגלינגענער צייט · אונ נעמה איז אוך דאמאלס שוואנגער גוועזן · דריבר האט זיא יורם פיל מער אצונד גיליבט ווי פריר · אוך תרצה ידידיהם פרוי איז אוך שוואנגר (טראגידיג)

גוועזן

געוען · אונ יורם האט גרופן ידידיהען צו זיך אין זימער גאבינעט וואס עס איז גשטאנן אוף איין אעלבארג אונ האט זיך צו אים אן גרופן . מארגן גייא איך אין דר שלאכט אריין . אונ ווער ווייסט צו איך וועל שון צוא רוק קומן . אלס דען ווינטש איך מיר מיט דיר איין איביג פריינד שאפט צו שליסען אונ אוך צו אונזרע קונדר זאל עס גשלאסן ווערן · פיליכט וועט מען מיך אין דער שלאכט הארגנען · אודר דיא פיינט וועלן מיך געפאנגען נעמן · זאלסט דו זיין איין פאטר איבר מיין הוז גזונד · זאלסט אכטונג געבן איבר מיינע קינדר . האסט צוא באפעלן ווי דיר וועט גיפעלין : אוסער סתרין מיט זיין ברידר אבישי ווס האבן ביי מיר אין בית לחם שטעלען . זייא זאלסט דוא ניט אפ זאגן · זיי זענען זייער פיינע מענטשן · אוך זענן זיי פריינד מיט מיין פרויא נעמהען · אוך זענן אונזרע פרוען שוואנגר פיליכט וועט איינע איין יונגעל גיבורען אונ די צווייטע איין מאדכען . זאלסט דו זייערי זעלען צו זאמן שליסן · ווארום וויא גרוס מיין ליבע איז צוא דיר . איז נאך גרעסר דיא ליבע פון זיין פרויא צו דיינער · אונ וויא גרוס ווירד זיין די ליבע צווישן אונזרע קינדר · אונ די תבואות (ערנטע) פון מייני פעלדער וועט זיין צוא שפייזען דיא פראפהעטישע קינדר · אונ יעדען פעסט איין מאל צייט צו מאכן פר פיר הונדרט גמיינע לייט אזו וויא איך בין אין דר היים גוועזן · דער פאר גיב איך דיר דם זימער שטיבל צום איביגן טייערן אנדענק :

(ידידיה) האט צו אים גזאגט קיין איינציגע זאך איז ניט טייערער פון דער ליבע · נאר איר אנדענק איז זייער טייער · טייער צוא גוטע פריינד : נעם ביי מיר דם פינגעריל טוא עס דיר אן אוף דיין אידלר האנד צום אנדענק פון אונזער ליבע · גאט זאל דיך מיט גליק צו רוק ברענגן נאך ציון · דאמאלס וועלן מיר זיך צוא זאמן פריען אין דעם זימער שטובל · זיי האבן זיך מיט טרערן גקושט אונ האבן זיך צוא שייט · אוף דעם היינטגן טאג . קוים ווס די זון הט אשיין געגעבן הט זיך יורם גזעגינט מיט זיינע פרויען · מיט זייני קינדר . אונ איז אוועק גגאנגן מיט דעם מיליטער :

אין עטליכע טעג ארום האט תרצה אמאדכען גבורען · זיא האט זיא אנאמן געגעבן (תמר) אונ חננאל הט גמאכט איין גילדען פינגעריל וואס אין דעם איז אום גקריצט געוען צו זאמן זיין נאמן מיט תמרס . ער הט עס געגעבן תרצהן אונ הט גזאגט צו איר · דם איז אצייכן צוא תמרען · אז צווישן מייני זון וועט זיא איין גלייכן טייל נעמן אונ מיין בייכטהום · אז זיא וועט עלטר ווערן זאל זיא עס טראגן אין איר האנד :

ער איז געזעסן אין ציון נאך אטאנאטה · דר נאך האט ער זיך קיין
שומרון צו רוק אום גקערט · אונ אשליח איז גקומן אונ האט אין ציון
גזאגט · אז יורם איז גפאנגען גווארן ביא דיא פיינד ; דא איז גווארן
אגרוס גוויין אין ירידיהם הויז · אוך נעמה האט גאר אן אופהערליך
גיקלאגט · חגית אבר האט זיך גטרייסט מיט דיא צרות פון נעמהען ·
אצונד האט זי ביי זיך גטראכט ווער זיך שון נעמה נימז איבר נעמן ·
איך וועל שון זיין דיא הויז פירהרען ניט זיא · אונ אזו איז טאקע גוועזן ·
זיא הט רעגיערט איבר די קנעכט אונ די דינסטען מיט אירע שטארקע
הענד · נעמה אבר הט אוך גקלאגט אוף יורמען · אונ האט דם אלם
גאר ניט אונ זינגען גהאט · אונ עבן אז ער הט געזעהן ווי חגית באגייט
זיך מיט זיין ווייב חבאהן ווי אמערדערן · האט זיין הארץ אין איהם
גוויינט דרוף · אונ האט אלץ גזיכט מיטלען וויא אזו פון דר שלעכטער
פרוי חגית לויז צו ווערן :

2

ייא שריפה

אונ מתן דער ריכטער אז ער האט געזעהן אז ניט אין אים האט זיך
יורם פר טרויערט גאר אין ירידיהן · וואס ער האט אים גמאכט פאר
אהוז פירער ביי זיך הט עם אים שטארק פר דראסן · אונ אצונד אז
ער האט גהערט אז יורם איז גפאנגען · האט ער זיך גפרייט · יעצט איז
גקומן דר טאג · הט ער זיך גטראכט · וואס איך האב שון לאנג אוף
אים ארום גקוקט אעק צו מאכן פון יורמס הויז · נאר אבר אז ער איז
גקומן אהיים · הט ער גטרייסט געמהן מיט חגיתען מיט זייני פאלשע
רייד · אונ הארצן אבר הט ער זיך גווינטשן זעהן חגיתען ווי אוויטווי
(אלמנה) ביים מאנס לעבן · איין מאל איז מתן אריין גקומן צו גיתען
אונ הט זיא גטראפן שלאגן חלאהן בשעת ער איז אריין גקומן האט
זיך חגית צוא אים אן גרופן · איך האב דר דינסט באפולין זיא זאל
מיין קינד זייגען · קום אבר וואס איך בין נאר פון דער שטוב ארוס
גיגאנגען · איך בין צוא רוק אריין גקומען האב איך זיא שון ניט
גטראפן · זיא איז גאר אריין גגאנגן צווישן די דינסטן אונ האט איר
סיעם קינד אן גזוגען :

אונ עבן ווס ער איז אוך דארטן גשטאנן אונ הט נעבך געמיזט
זעהן זיין טייבס ליידען · הט ער זיך צו מתנען אן גרופן · ריכטע

דוא

דיא מַיין האר אִיךְ הָאבּ גְזֶעהְן וויא מַיין קִינְד וֵויינְט נָעבֶּךְ אִין זַיין
ווִיגֶעלֶע • אונ נִיט אֵיינֶע פון דִיא דִינְסְטְעַן קוּקְט זִיךְ אוּם אוֹף אִים •
הָאבּ אִיךְ אַרַיין גְרוּפְֿן זַיין מוּטֶער זִיא זָאל אִים אַיין שְׁטִילֶען • אונ
וֶוען אִיךְ הָאבּ אָן רֶעכְט גְטָאן • הָאבּ אִיךְ זִיךְ דִי שׁוּלְד • וָוס הָאט זִיא
מַיין פְרוֹי צוּ בַּאשְׁטְרָאפְֿן :

שְׁטִיל פָאדְלִיָעץ • הָט חַגִּית אַגְשְׁרַיי גְטָאן וְוִי אַלֶעוֶוען • וֶוער בֶּעם
דִיךְ אָבֶּר זָאלְסְט דָא זַיין • מַיין מַאן יוֹרָ- הָאט דִיךְ גְוָואלְט אָבַּר פון
דַאנֶעט פָאר יָאגֶען • אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועק פון דַאנֶעט אִין שְׁלַאכְט
אַרַיין • אונ דוּא הָאסְט גְזָאגְט • אִיךְ לִיבּ מַיין הֶער מַיין ווַייבּ • מַיין
קוּנְד • דְרִיבֶּר פָאר שְׁלִיָעם דִיר דָם מוֹיל אונ שְׁוַויג • וֶוען דוּא ווִילְסְט
נִיט מַיינִי קוֹלַאקֶעם פָאר זוּכֶען • אונ מַתָּן אִיז גְשְׁטַאנֶען אונ הָאט קֵיין
וָוארְט נִיט גְרֶעט בַּיי זִיךְ אָבֶּר הָאט עֶר גְטְרַאכְט יֶעצְט וֶועל אִיךְ אוֹף
בְּרָאזֶן דָם פַייעֶר וָוס עֶם בְּרֶענְט אִין עֶכְנַם הָאָרֶץ • אונ דָם פַייעֶר וֶועט
פָאר בְּרֶענֶען דֶר בַּייזֶר פְרוֹי חַגִּית :

אִין דֶעם אָבֶּענְדְם אִיז עֶבֶּן גְקוּמֶען צוּ מַתָּנֶען אונ הָט גְזָאגְט צוּ אִים
הָאסְט הָאטְשִׁי גְזֶעהֶן מַיין וַואשְׁנֶע זִינְד • רִיכְטֶע דִיא אַלַיין • גִיבּ מִיר
עֶפֶּעס אַיין עֵצָה אונ פִיר מִיךְ אַרוּם פון דֶער מֶערְדֶערֶן • קָארְג אַנְדֶרִי
קֶענֶעכְט זֶענֶען דָא בַּיי אִיר צוּ שְׁטַארְבֶּן • אונ מַתָּן הָאט אִים גֶענְטְפֶּרְט
דַיין צַארֶן בְּרֶענְט אִין דִיר וְוִיא אַפְלַאם פַייעֶר • מִיט דֶעם פַייעֶר זָאלְסְט
דוּא פָאר בְּרֶענֶען אִין גַאנְצֶן יוֹרְמֶעם הוֹיז מִיט דִי אַיינְוואוֹנֶער • דַאמָאלְס
וֶועסְט דוּא לוֹז וֶוערֶן פון דֶער מֶערְדֶערֶן :

בַּיי דִיזֶע וֶוערְטֶער אִיז עֶבֶּן זַייעֶר דֶר שְׁרָאקִין גְוָוארֶן • אונ הָאט זִיךְ
צוּא מַתָּנֶען אָן גְרוּפְֿן • מֵיינְסְט דוּא עֶם נָאר עֶרִינְסְט מַיין הֶער ? אוֹדֶר
פִילַייכְט שְׁפֶּעטְסְט נָאר אוּם מִיר •

אוּי דוּ נַארִישֶׁער מַאן • הָאט מַתָּן צוּ אִים גְזָאגְט • וָועל אִיךְ לַאכֶען
אוּם אַזוֹנֶעם וָוס הָט פוּל מִיט שַׁאנְדֶן • טְווִייטִיגֶען אָן גְזֶעט • פָאר וָואס
אָבֶּר זָאל גֶעבֶּךְ דִי אוּם שׁוּלְדִיגֶע נֶעמָה לַייְדֶן חַגִּיתֶעם זִינְד • הֶער אוּם
פְרִיעֶר מַיין רַאטֶה • הָט אִים מַתָּן גֶענְטְפֶּרְט • דֶר נָאךְ וֶועסְט דוּא מִיךְ
אִיבֶּר פְרֶעגֶען • דִיא צוּנְד אָן אַיין פַייעֶר אִין חַגִּיתֶעם וואוֹהְנוּג • אוֹךְ אִין
דֶעם הוֹיז פון דִיא קֶענֶעכְט אונ פון דִי דִינְסְטֶען אונ דַיין זוּן זָאלְסְט דוּא
אַרוּם רַאטֶעוֶוען • אונ זָאלְסְט אִים אַנָאמֶן גֶעבֶּן (עֶזְרִיקָם) וָוארוּם בֵּיידִי
זֶענֶען אַיין מַאנָאטֶה אַלְט • אונ יְדִידְיָה מִיט תִרְצָהְן וֶוערֶן אִים אוֹךְ נִיט
דֶר קֶענֶען • וָוארוּם ווייל זַיי הָאבֶּן גְהָאסְט חַגִּיתֶען • הָאבֶּן זַייא זִיךְ צוּ
אִיר קִינְד נִיט צוּא גְקוּקְט • אונ נַעֲמָתְת הוֹיז זָאלְסְט דוּא אִיבֶּר לָאזֶן
כְּדֵי מֶען זָאל אוֹף אִיר נִיט דִיא בָּאד אוּם נִיסֶן • מֶען וֶועט גְוִים זָאגֶן

די נְקָמָה פוּן גֶעמְהָן הָט יוֹרֶעמְס הויז פַאר בְּרֶענְט · אוּנ אִיךְ וֶועל שׁוֹן זֶעהָן גְעמָהָן פַאר יָאגֶן פוּן דַאנֶט זיא זָאל שׁוֹן מֶער נִיט קוּמֶן · נִימַאנְד זָאל פוּן דֶעם גַאנְצֶן הויז גְזִינְד נִיט בְּלַייבֶּן · אוּנ דַיין זוּן (נְבָלֶען) זָאלְסְט דוּ רוּפֶן (עֲזְרִיקָם) כְּדֵי עֶר זָאל יוֹרֶעמְס רַייכְטְהוּם אַרְבֶּן :

דָאס אַלֶס אִיז פוּן דַיינֶט וֶועגֶן · אוּנ דָאס אִיבֶּרִיגֶע אִיז פוּן מַיינֶעט וֶועגֶן · אַיידֶר דוּ וֶועסְט דָס פַייעֶר אָן צוּנְדֶן · זָאלְסְט דוּ פְרִיעֶר אוּם לַיידֶעגֶען יוֹרֶמְס שַׁאטְץ קַאמֶר אוּנ אִיךְ וֶועל דִיר שׁוֹן אוּנְטֶר שִׁיקֶן צְוַויי גוּטֶע בְּרוּדֶר (חֶבֶר) מִיט (בּוֹקְיָהֶן) אוּנ זַיי וֶועלֶן דָס גֶעלְט צוּא מִיר אִיבֶּר טְרָאגֶן - אַשְׁלִיסֶל צוּא דֶר שַׁאטְץ קַאמֶר גְפִינְט זִיךְ בַּייא מִיר וָוארוּם אַז אִיךְ בִּין נָאךְ גְוֶוען בַּייא יוֹרֶעמֶען אַהוֹז מַאן · הָאבּ אִיךְ מִיר נָאךְ גְמַאכְט אַשְׁלִיסֶל וִוי זַיינֶעם וָוארוּם דוּרְךְ יוֹרֶעמֶען הָאבּ אִיךְ מַיין גַאנְץ פַר מֶעגְ פַר לוֹרֶן אַצוּנְד וֶועט דָס מִיר זַיין אָפּ גְגֶעבֶּן פַר מַיינֶעם :

אָט דָס אִיז אַיין עֵצָה · הָט זִיךְ עֶבֶן דֶר שְׁרֶאקֶן אָן גְרוּפֶן אַלַיין דֶער טַייפֶעל פוּן דֶר הֶעלֶע הָט אַזוֹנְס נִיט גְהֶערְט · נָאר שְׁרֶעק זִיךְ נִיט · הָט מַתַן ווידֶר גְזָאגְט · וֶועסְט דוּא קוּמֶן צוּ מִיר נָאךְ אַמָאל וֶועל אִיךְ דִיךְ שׁוֹן אוּם לֶערְנֶן וִויא אַזוֹ צוּ טָאן · עֶבֶן אִיז צוּ אִים אֲהִיִּים גְקוּמֶן · אוּנ זִיךְ שׁוֹן אוּם גְשְׁמִיסְט וִוי אַזוֹ זִיךְ צוּ בַּאגַיין אוּנ דָס פַר בַּייטֶן דִי קִינְדֶר הָאבֶּן זַיי אוֹךְ פַר חֶבֶרֶען מִיט בּוֹקְיָהֶן נִיט עֶנְטְדֶעקְט :

אַיין מָאל אִין אַפִינְסְטֶערֶע נַאכְט · וֶוען אַשְׁטִיל ווִיסְט פוּנְסְטֶרְנִישׁ הָט דִיא עֶרְד בַּאדֶעקְט אִין דֶער הִימֶל אִיז גְוֶועזֶן מִיט אַטִינְקֶלֶער שָׁאל אִיבֶּר גְצוֹגֶן · דֶר ווינְד הָאט גְזָשׁוּעֶט אִין דְרוֹסֶן מִיט אַיין וַויינֶדִיג קוֹל אַיין מָאל וֶוען דָס גַאנְצֵי הויז גִיזוּנְד יוֹרֶמְס זֶענֶען גְלֶעגֶן אִין דֶעם רִיהִגֶען שְׁלָאף ווָס עֶר קְנִיפְט אוֹיף יֶעדֶן פוּן זַיין שְׁוֶוערֶן אַרְבִּיט פַּפְלוּג פוּן דֶעם טָאג · אִיז עֶבֶן גְקוּמֶן · אוּנ הָט אוּם גְרוּמְט דִי שַׁאטְץ קַאמֶר · אוּנ חֶבֶר מִיט בּוֹקְיָהֶן הָאבֶּן עֶס אִיבֶּר גְטְרָאגֶן צוּ מַתָּנֶען · אוּנ עֶבֶן הָט אוּנְטֶר גְשִׁיקְט אִין אַלֶע עֶקֶען פוּן דֶעם הויז שְׁוֶועפִיל · דֶער נָאךְ הָאט עֶר אַרוּם גנוּמֶן זַיין קוּנְד נָבָל פוּן צְווִישֶׁן דִי דִינְסְטֶן · אוּנ הָט פוּן דְרוֹסֶען דִי טִיר פַאר בִּינְדֶן אוּנ הָאט דָאס פַייעֶר אָן גְצוּנְדֶן אִין אַלֶע זַייטֶן אוּנ אַייגֶענֶע מִינִיטֶען אַרוּם הָט זִיךְ דָאס פַייעֶר שְׁטַארְק צוּ פְלַאמְט · דֶר רוֹיךְ הָאט גַאנְץ הוֹךְ גְשְׁטוֹגֶן · אוּנ עֶבֶן אַז עֶר הָאט גְזֶעהֶן דָס פַייעֶר וֶוערְט אַלֶע נָאךְ גְרֶעסֶער · אִיז אַרַיין גְלָאפֶן צוּ נֶעמֶהֶן · ווָס זִי אִיז זִיךְ גַאנְץ רִיהִיג גְזֶעסֶן בַּייא זִיךְ אִין שְׁטִיבּ · אוּנ הָאט זִיךְ צוּא אִיר אָן גְרוּפֶן · וֶועה · ווירְטֶען · אַפַייעֶר הָט פַאר בְּרֶענְט יוֹרֶמְס וואוֹנוּנג · אוּנ קַיינֶר לֶעשְׁט נִיט · מַיין וַויבּ אִיז דוּרְךְ דֶעם פֶענְסְטֶר אַרוּם גְשְׁפְּרִינְגֶען מִיט עֲזְרִיקָמֶן תְגִיתָם קוּנְד · אוּנ תְּגִית אִיז גְלָאפֶן אִירֶע אִיבֶּרְגֶע קִינְדֶר אַרוּם צוּא

ראטיווען

ראטיוועון. קום אובר ווס זיא איז נאר אריין גקומן האבן זיי די דיקע פלאמן ערגריפפען · וועה. אוך מיין איינציגער זון איז פאר ברענט גוואורן צו זאמן מיט די דינסטן:

ווען ער איז גשטאנן אונ האט גרעט · איז חפר מיט בוקיהן דורך גלאפן דורך געמהס פענסטער. אונ איינר האט צום אפ געבן גזאגט · וועה · דיא נקמה פון געמהן. מען האט פאר ברענט יורמס הויז ביז אין גרונד:

ליבער לעזער · איר קענט עס אייך אליין פאר שטעלן וואס פאר אשרעקן געמהן האבן ער גרופן בשעת זיא הט דם דר הערט. וועה איז צוא מיר. האט זיא גשריגן מיט טוט שרעק. ווער ווייסט ווער דאס הט גיטון · אונ אוף מיר וועט מען עס ארוף לייגן · וועה איז צו מיר · ווי אהין קען איך אנטלופין פר אזוינע פאלשע צינגן · הער מיך ווירטן הט איר עבן גזאגט בשעת ער הט קלאמירשט גוויינט · באקלייד דיך מיט מאנר קליידר אונ באהאלט זיך דער וויל ביז דער שטורם וועט גשטעלט ווערן · איידר חגיתס פריינד וועלן קומן אוף דיר ארוף צוא פאלן · מיט גרוס ציטערניש הט זיך געמה גשווינד איבר גקלייד מיט דעם נייעם קאבטיום (איינצוג) אונ איז גיך אוועק איר לעבן צוא ערעטען · אונ עבן האט זיך צוא אירע צוויא דינסטען אן גרופן · איר גייט ארוס פון דאנעט וועל איך אייך פאר בארגן אין אזיבער ארט ביז דם אלם ווירד איבר גיין:

ער הט זייא פר שלאסן אין דר שאטין קאמער אונ האט אוך דיא שאטין קאמער באלד אונטר גצונדען דיא צווייא דינסטען האבן געבך ביטער גשריגן ביז דר רוך הט זייערי שטימן גשטיקט. דר נאך הט ער זיך צוא זיין פרוי חלאהן אן גרופן. קיינר פון יורמס הויז ווייסט קיין מינצטע זאך דער פון. אצונד זאלסט דוא רופן אונזר קונד מיט דעם נאמן עזריקם:

געך זענין זיך צו נוף גלאפן דיא נאבארען יורמס · אוך ידידיה מיט תרצהן זענן גשווינד צום פייע גקומן זייא זענן גשווינד אריין גלאפן צו געמהן. אונ האבן זיא שון ניט נטראפן · זיי זענן גיך צו רוק גלאפן צו עכנען · אונ האבן אים גפרעגט ווי איז ערגיץ געמה · וועה · האט אים עבן געענפערט איין אום גליק איז גשעהן · איך האב מיך היינט פר זומט אין פעלד ביי מיין ארבט · וויא איך בין אהיים גקומן האב איך דר פילט אשווייפעל גערוך · איך בין גיך אריין גלאפן צוא חגיתן ארוס צוא ראטעווען זיא מיט אירע קינדר · אונ וויא איך בין נאר צוא גקומן · הט זיא ארוס דר לאנגט עזריקמן דורך דעם פענסטר צוא מיין

פרויא

פרויא אין דיא הענד אריין אונ איז גיך צו רוק גלאפן . אירע איבריגע קינדר ארום נעמן גשווינד אבר האבן זיא דיא פלאמן ארום גנומן אונ איז שון דארטן גבליבן . איך בין מיט גרוס שרעק אריין גלאפן צוא נעמן איך האב זיא שון אבר ניט גטראפן . דא בין איך גלאפן מאטשי סיין קונד ארום צו ראטעווען פון צווישן דיא דינסטן עס איז אבר אן מעגליך גוועזן אריין צו טרעטן אהין :

אוך חלאה האט גשריגן ' וועה . צו דער נקמה פון יורמס פרוען . זיא הט זיך גשטארקט ווי דיא העללע אונ האט אום גבראכט וויא פיל אומשילדיגע זעלען . וועה איז צוא מיר . אוך מיין איינציג קינד איז נעביך פר ברענט גווארן גאר אומזיסט :

נעכטן ערשט האט זיך חוית גקריגט מיט נעמהן ו האט זיך עבן אן גרופן אונ הט גזאגט צו איר געניג נעמה . שטאלצירען מיט דר ליבע פון יורמען . מייני קונדר וועלן ארבין . אונ דיך וועלן זייא ארוס טרייבן גאר איין פרעמדי בייטט דוא דא . אונ ידידיה מיט תרצהן זענן זייער דר שראקן גווארן אז זיי האבן דם דער הערט זיי האבן גוויינט . גקלאגט . אונ דיא הענד גבראכן באלד זענן אוך חויתם פריינר גקומן אונ האבן גשריגן ווי איז ערגץ נעמה די מערדערן . ווס זיא הט דאס פייער אן גצינדען : אונ ידידיה האט צוא חלאה גזאגט . טראג אוועק עזריקמן צו מיר אהיים אונ דוא וועסט זיצען ביי מיר אין שטוב אונ דו וועסט אים זייגן . עס זאל מאטשו נאך בלייבן איין פינק פון יורמען . אונ די פריינד חויתם האבן גשרוגן . ווי איז נעמה דיא לעווען . וויא נעמט מען זיא וואלט מען מיט איר בלוט דם פייעד גלאשן . נאר ניט גאיילט . הט ידידיה צו זיי גזאגט . די צייט וועט אונז אלם ענטדעקען . אונ נעמה הט זיך אפ גזיכט אזוכער ארט ביא אבישן דעם בעפעהלם האבער איבר יורמס שאף אין בית לחם . אונ פון דארט הט זיא אבישי אפ גשוקט צוא זיין ברידר סתרין וואס ער האט זיא אוף אזיכער ארט פר בארגן :

דיא צוועליף טעג וועלכע נעמה איז דארט גזעסן האט זיא גבורן אצווילינג איינגעל מיט איין מיידעל זיא הט דעם זון איין נאמן געבן (עמנון) אונ דר טאכטר (פנינה) ו

אונ סתרי איז אוועק גגאנגן קיין ירושלים איבר צו שמיסען דארט ווען יורמס גיטמער ווארין ער האט גהערט אז ידידיה איז בעל הבית איבר זיי ווי ער איז קיין ירושלים גקומן זענן חפר מיט בוקיהן גקומן צו דיא רכטער פון דר שטאט אונ האבן גזאגט צו זיי . פון דעם לאנד פלשתים קומן מיר אן אוף דעט וועג האבן מיר בגעגנט נעמהן פארן

נעבען

געבען איר איז גזעסן אײנגער מאן אונ נאך זיי זענן נאך גגאנגן ווי פי׳
פירן גפאקט מיט אלם גוטן אונ אוף זיא זענן גזעסן צווייא דינסטן אונ
מיר האבן זיי גפרעגט צו וועמן איז דם אלם :

אפריזענט דיא הערין פון פלשתים · הט זיא אונז געענפרט אום צו
לייזען מיין מאן יורמן אונ דר יונגר מאן איז אשליח פון דארט וום יורם
הט אים גשיקט אהער :

גאט זאל דיין וועג באגליקן · האבן מיר צוא איר גזאגט זאלסט
צו רוק קומן מיט דיין מאן מיט גרוס גליק צו זיין פאטר לאנד :

ווי מיר זענן נאר קיין ירושלים גקומן זענן מיר ערשטונט גווארן
אז מיר האבן דר הערט וואס דא האט זיך איבר גטון דריבר זענן מיר
גקומן אייך צו דר ציילן אלם וום אונזרע אוגן האבן גזעהן · דא האבן
אלי ריכטער צו זאמן גזאגט יעצט איז שון די זאך ריין געענדגט גווארן :

אונ (מתן) דער ריכטער האט זיך אן גרופן פאר שרייבן זאל ווערן
נעמהם זונד צום אייביגן אנדענק · אלי בזיצר זאלן אונ דעם אייביג
ניט פר געסן · ער הט עם דר ציילט ידידיהן הט ער אוך גזאגט לוטער
ווי די זון אין איין שיינם זימער טאג איז די זאך : די נקמה פון יורמס
פרויען האבן פר ברענט אומשולדגע זעלען · איין אומגליק איז גשעהן
אזו איין ערלכין מאן · זיין אייגנע פרוי וום ער הט זיא גליבט האט
אים אזונם גטון · קום וואס ער איז נאר פון דער היים אוועק האט זיא
פר וויסט זיין גאנץ הויז ביז אין גרינד · אונ איז אוועק מיט איר גליבטן
אין אפרעמד לאנד אריין :

דם גלייכסטע איז נאר · האט זיך תרצה אן גרופן איטליכר מענטש
זאל זיך נעמן איין פרויא · אונ זאל לעבן מיט איר מיט גרוס פערגניגן ·
אזו האסט דוא מיין מאן גטון · אונ אזו וועלן מיר אוך צו תמרן טון
ווען זיא וועט עלטר ווערן :

נעמה איז אזא זונד בעגאנגן · האט ידידיה צו איר גזאגט דאס איז
אזא צייכן אז שון פון לאנג איז איר הארץ ניט גטריי גוועזן צו יורמען ·
וויא אזו קען מען אירע קינדר רעכינען צווישן יורמס פאמיליע · ווייל
עזריקם איז איינד גבליבן פון יורמס קונדר דריבר איז צוא אים תמר
בשטעלט · קיין אנדרן זאל זיא ניט נעמן · בשעת ער הט דאס גזאגט
הט ער מיט אמיטלייד אונ גקוקט אוף עזריקמן :

אין איאר ארום · צוועלף מאל אז די לבנה הט זיך בנייעט אין הימל ·
הט תרצה אזון גבורן · אונ האט אים א נאמן גגעבן (תימן) דיא דרייא
קינדר זענן דר צוגן גווארן ביי ידידיהן אין שטוב נאר אבר (תמר) אונ
(תימן) זענן יעדן טאג וויא הערליכע צווייגעליך גוואקסן אונ (עזריקם)

ווי אדארען׳ זיין פהיז׳ אנגאמיע (געשטאלט) איז זייער מיעס גוועזן · אויך איז ער זייער אשלעכטער יונג גוועזן · נאר אבר ידידיה האט אויף דעם אלם גאר ניט גקוקט אז ער הט זיך דר מאנט דאס פריינד שאפט וואס ער הט מיט זיין פאטער־יורמן געשלאסן :

אונ סתרי אז ער הט גהערט ווי פאלטשע מענטשן האבן אויף נעמן אזא זונד אום גטראכט · הט ער גענומען מיט אירע צוויי קונדר בייא זיך אויף אזיבער אורט · וויא פריער בהאלטן · אונ זיין ווייב פלעג זייא שטענדיג יעדן טאג עסן טראגן · אזו איז אוועק אלאנגע צייט ביז זיא הט אירע קונדר פון דר בריסט ענטוויינט · דר נאך הט (סתרי) אוועק געשיקט עמנון קיין (בית לחם) צוא זיין ברידר אבישען · אונ אבישי הט אים אוועק גגעבן צו איין אלטן הירט (פאסטוך) ער זאל אים דער צויגן ביי זיך · ווארום ער הט אים גזאגט אז ער הט אים ביי איין פרעמדן גקויפט ווס יענער הט אים אין פעלד גפונען :

עמנון איז בייא דעם הירט אויף גצויגן גווארן · אונ איז זייער שיין גוועזן אונ קיינר הט זיך אויף אים גאר ניט אום גקוקט נאר אבר אבישי ווס ער אליין האט גוויסט ווער עמנון איז · פלעגט אים זייער שיין אויף נעמ׳ · אונ העכסטן ווי אים פאסט · אונ אז דר אלטר הירט זיין ערציער איז געשטארבן · הט אים אבישי גנומען צו זיך צו ווערען יורמס שאף · אונ די אלי איבריגע הירטען האבן אים גרעכינט פר איין גקויפטן צוא אבישען · ווארום אזו ווא טער זייא פיר גזאגט · אזו איז אוועק זעקס יאר׳ זינט נעמה איז באהאלטן גוועזן ביי אים · דר נאך אויף דעם זיבנטן יאר הט איר סתרי אוועק געשיקט אין אקליין געצעלט וואס עס איז אויף אפעלזען גבויעט גוועזן · אונ ארום גפלאכטן מיט יונגע פלומען בוימלך דארט איז זיא זיך גזעסן מיט איר טאכטר פנינהן אונ פלעגט צוא זאמן קלויבן צווישן די איבריגע גמיינע לייט ביי יורמן אין די פעלדר · אונ אלי פלעגן זיא תמיד רעכינן פר אפלשתית וואס איר מאן איז ניט לאנג געשטארבן · ווארום אזו הט זיא זייא גזאגט כדי מען זאל זיא קיינר ניט באמערקען דארט :

3

דער בריעף מיט דעם חלום

אם פירדן יאר זינט (חזקיה) הט אן גהויבן צו רעגירען · איז בצאלט גווארן דס שלעכטס פון דעם קיניגרייך (אפרים) אונ דר גאט דר ר[illegible]ר

וואס

וָואס הָאט שׁוֹן פוּן לַאנְג זַיין אוֹפְמֶערְקְזַאמֶעס אוּנ אוֹיף דֶעם זִינְדִגֶען קֶינִגְרַייךְ גְוָוארְפֶן הָט אַצוּנְד אוֹיף אִים גְבְּרַאכְט דֶר קֶינִיג פוּן (אַשּׁוּר) עֶר הָט זִיךְ פַר שְׁפְּרַייט אִיבֶּר זַיין לַאנְד וִויא אַשְׁטוּרְמְדִיג וַואסֶר אִירֶע גֶעטֶר הָט עֶר נִיךְ פַר וִויסְט אוּנ דִיא דִינֶער הָאט עֶר גַאנְץ וַוייט פַאר יָאגְט:

אִין דֶער זֶעלְבֶּער צַייט אִיז גְקוּמֶן אֵיינֶר פוּן דֶעם גָלוּת פוּן (אֶפְרַיִם) קִיין צִיוֹן • אוּנ הָט אַרַיין גְוָוארְפֶן אַגָאט אוּנ אֵיינֶע פוּן דִי גְרִיבֶּר בְּשַׁעַת עֶר הָט דִי וֶוערְטֶר גְזָאגְט לִיג דָא מַיין גְשְׁנִיצְטֶר גָאט אָן נַיטְצוּגֶער גָאט • צְעהֶן יָאר הָאבּ אִיךְ דִיךְ גְדִיעֶנְט דִיךְ גְלִיטְעֶן • אוּנ דִיךְ דֶער הוֹבֶּן אִין דִיא אוֹגֶן פוּן דַיינֶע דִינֶער • אִיךְ הָאבּ זַיי שְׁרֶעקֶן גְמַאכְט • זַיי זָאלִין פַר דִיר צִיטֶערֶן • אִיךְ בִּין פַאר דִיר גְוֶוען אַפִּירְשְׁפְּרֶעכֶר • אוּנ דוּא מִיר פַאר אַגָאט • צוּא זַאמֶן מִיט אַלֶע פְרִיסְטֶער (גַאלָחִים) הָאבֶּן מִיר גִינַאזֶעלְט גְרַאבֶּווּרֶעס וִויא אִיךְ הָאבּ אַלֵיין גְוָואלְט • דַיין דִינְסְט אִיז מִיר גְוֶוען אֲתָרוּץ אוֹיף אַלְמֶען • אִיךְ הָאבּ גְגֶעסִין פוּן דֶעם פְלֵייש וָואס מֶען הָאט צוּ דִיר גְאָפְּפֶערְט • גְטְרוּנְקֶן פוּן דֶעם וַויין וָוס מֶען הָאט צוּ דִיר גְגָאסֶן • אוֹיךְ אֲפִילוּ קְלַיידֶר אוֹיף מַיין לַייבּ אִיז פוּן דִיר גְוֶוען • וִוי גוּט זֶענֶען מִיר גְוֶוען יֶענֶע צַייטֶן • וֶועה אָבֶּר צוּא דֶר הַיינְטִיגֶר צַייט • דַיינֶע דִינֶר זֶענֶן פַאר יָאגְט אוּנ אַצוּנְד וִויא אַהִין קֶענְסְט דוּא קוּמֶן • זָאל אִיךְ דִיךְ קִיין צִיוֹן טְרָאגֶן וֶועסְט דוּא זִיךְ פַר שֶׁעמְט וֶוערֶן פַאר דֶעם גְרוֹסֶן גָאט וָואס רִיט רָארְט • אוּנ אוֹיךְ צוּ מִיר וֶועסְט דוּ זַיין אַקְלַאפָּאט • לוּג דוּא מַיין גָאט לוּג נַאקֶט אוּנ בְּלוֹס דָא אִין דֶעם גְרִיבֶּל גִיבּ מִיר אַוֶועק דַיין בִּיסֶל גֶעלְד וָואס דוּא בִּיסְט מִיט דֶעם בַּאדֶעקְט וָוארוּם דִיר אִיז עֶס נִיט נַייטוּג • אוּנ מִיר וֶועט עֶס זַיין אַבְלוֹנוּנְג פַאר דִיא יָארֶן וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר אָרֶענְטְלִיךְ גְדִיעֶנְט:

אַזוֹ הָט דֶר אַנְטְלָאפֶענֶר גְרֶעט • זַיין נָאמֶן אִיז גְוֶוען (זִמְרִי) עֶר אִיז גְוֶוען אֵיינֶר פוּן דִיא פַאלְשֶׁע פְרִיעֶסְטֶער וָואס פְלֶעגֶן שְׁטֵיין וִויא ווִילְדֶע חַיּוֹת אוֹיף דֶעם וֶועג • אוּנ נִיט לָאזֶן דִי יוּדֶן גֵיין קִיין צִיוֹן צוּ וַוייזֶן זִיךְ פַר גָאט • אוֹיךְ עֶר אִיז פַר טְרִיבֶּן גְוָוארֶן צוּ זַאמֶן מִיט אַלִי • נָאר וַוייל עֶר אִיז גְוֶוען אַחְוַוט אִיז עֶר גְרֵייט גְוֶוען צוּא אַנְטְלוֹפֶן אִין אַגְלִינְגֶענֶער צַייט אוּנ וַוייל עֶר הָט גְקֶענְט דֶעם פִּירְשְׁט חֲנַנְאֵלֶן פוּן שׁוֹמְרוֹן • הָאט עֶר אִים גְבֶּעטֶן עֶר זָאל אִים זָאגֶן וֶוער זַיין אֵיידֶעם אִיז אִין צִיוֹן • אוּנ חֲנַנְאֵל הָט אִים מִיט גְגֶעבֶּן אַבְּרִיף מִיט אַגִילְדֶען פִינְגֶערִיל אָפּ צוּ גֶעבֶּן עֶם יְדִידְיָהוּן אוּנ אַז עֶר אִיז אַנְטְלָאפֶן פוּן דִיא פַיינְט הָאט עֶר מִיט זִיךְ אִיבֶּערֶן גַאנְצֶן וֶועג מִיט גְטְרָאגֶן זַיין גָאט • עֶר הָאט גְטְרַאכְט עֶר וֶועט נָאךְ עֶרְגִיץ אֵיין אָרְט גְפוּנֶען וָואס עֶר זָאל צוּא רוּק זַיין גָאט קֶענֶן דִינֶען • נָאר אַז עֶר הָאט גְזֶעהֶן אַז אִין גַאנְצֶן לַאנְד קוּקְט זִיךְ קֵיינֶר נִיט אוּם אוֹיף דִיא גֶעטֶר:

הט ער פון אים אראפ גנומן דם ביסל גאלד אונ האט אים אריין גווארפן
אין אגרוב אריין אונ איז אן גקומן קיין ציון פר נאכט · די גאסן האבן
נאך גרושט פון מענטשן · דיא ריכטער אלי זענן נאך גזעסן מיט עהרע
אונ פארכט אונ די טויערן פון דע גערעכט · אונ זמרי ווס ער הט פיל
גליטן אין שומרון אונ די דריי יאר ווס דר קיניג פון אשור הט זי בלעגרט
הט זיך אצונד שטארק פאר ווינדערט אוף דעם שיינקייט אונ שטילקייט
פון ציון · אונ הט זיך אן גרופן ווי מיעס איז שומרון · אונ וויא זיס איז
ציון · שומרון שאלט איין טרויער קלאנגט אין ציון יאפרייליך גזאנג ·
נייע הימלן נייע ערד" ער בליקן דא מיינע אויגן · אלאנד וואס אירע
באזיצר זוצען זיך רייג · דער הימל איז לוטר וויא ריין קרישטאל איבר
זייערי קעפ · איר קיניג האט דאס רעכט פר אגרונד פונקט גמאכט · אונ
ערליכקייט פר אגרונד וואגע גשטעלט · רעכט אונ ערליכקייט זענן פאר
דיא רייכע שטארקע שיטצר זייא היטן זייער רייכטום קיינר זאל עס
ניט אוועק ראביוען נאר אבר ווי דערנר זענן זיי צו אזא גמיינעם מאן
ווי איך · ווס זינט הזקיה הט אום גראמט די געטר פון זיין שאנד האב
איך אן גיוארן מיין ברוט מיין וואסר · נאר אבר ווער ווייסט אפשר
גפונט זיך אוך דא אזונע מענטשן וואס דינן דיא געטר · וואס איז דיא
דינסט פון דיא געטר מארד אונ פאלשקייט וואס זענן זייערי גזעצן ·
ראביירן גזלען טייטון · דרובער לאס איך מיט לעכט ארום גיין אונ
זוכן וועל איך אוך אין ציון אזו מענטשן גפינן·ווארום ניט אין אורט
אונ פרייא פון דער דינסט · פיל הערין רייכע מאנער גפונן זיך דא אונ
אוך ווידר פיל שלעכטי מענטשן בעגיידרם אוף זיי זענן דא אונ אז עס
וועט זיך צו זאמן פר בינדן קנאה מיט פאלשקייט אונ פאלשקייט צוא
האנד ארבייט ווס ניטצען שון דעמאלט דיא געטר :

דעמאלט ווערט דר פאדליעץ אבכבודער מאן אונ דער גמיינר קען
צום גרעסטן גליק דער הובן ווערן · רעכט אונ ערליכקייט האבן זיך דא
אין ארט גקליבן דריבר וועט אוך רעכט מיין מאנטל זיין פאר דעם
אנבליק פון דר שטאט · דם פאלשקייט וועט זיין פיל אין מיין הארצען
אונ דאס ערליכקייט פון מייני ליפען וועט זיין אשיטץ צום דאנקן פון
מיין הארצן · מיין קאפ וועל איך צוא דר ערד גייגן מיין מול וועט נאר
שמוסן פון גאטס פורכט · ווארום גאר מיט דעם פורן זיך אוף עם רוב
מענטשן אונ דורך דעם איז זייער טייל גליקליך · ווער נאך איז בלינד
ווי דר ערליכר · זיי זענן בלינד דורך צו קוקן דעם אן האלט פון דעם
מענטשן איידר נייע גדאנקן ווערן אוף זייגע ליפן ארום גבראכט אין
די רייד צו דר האנד ארבט · אונ אוב איך וועל זייא אוף דעם אן בלוק

נפעלן

געפעלן ווער וועט מיין הארץ צערגלידערן · דא פאר שטעלט זיך דאס פאלשקייט אונ ציהט זיך איבר מיט דער יראת שמים מאסקע אונ וועד עם קוקט עס אן קניעט פר דעם :

אונ זמרי האט זיינע ווערטר דער פילט אוף דעם אנדרן טאג איז ער אין טעמפעל אריין גקומן אונ איז צוא גגאנגן צום גרעסטן פריעסטער אונ האט זיך צוא אים אן גרופן הער צו מיין הער · צו דיין קנעכטס רייד איין פירשטען קינד בין איך · זינד מיין מוטער האט מיך פון דער בריסט ענטוויינט הט מיך מיין פאטר ערצויגן בייא דר געטצען דינסט אין דעם גלובן פון דיא פאלטשע פראפהעטן · גאטס ווערטר זענין ביי מיר צו שאנד גוועזן דס שטראפן פון זייני נביאים צוא גלעכטר · נאר אבר זאל עס אייביג גדויערן · מייני אוגן זענן לעכטיג גווארן צו זעהן אז גאטס ווערטר זענן וואר (אפרים) איז פר וויסט גווארן אין דעם פינסטערן טאג · אונ איז פון זיין לאנד פר טרובן גווארן · אונ שומרון הט זיך אין זיין וויטג גקאטשעט וויא דר קראנקר אוף זיין בעטיל. אלי אירע פאלטשע נביאים אונ כהנים ווס האבן זיא מיט דומהייטען פערפירט זענן פיל פאר שעמט גווארן · נאר איך איינר בין אנטלאפן מיט גאטס הולף פון די פיינד · איין גאט ווייסט ווי מיין זעלע גליסט צו זיין היילגן הוז · אצונד בין איך אהער גקומן הונגעריג צוא גאטס ווערטר אונ דארשטיג צו זיין גוטץ : אונ דיך דער הובענער פריסטער בעט איך זאלסט מיך לערנן מיט וואס איך זאל גאטס צארן אפ מעקן פון מיין יוגענד שאנד · אוב מיט קרבנות. בין איך זייער ארום · נאר מיין זעלע קען איך אים אוועק געבן · קיין געלד ברוכען מיר ניט הט ער אים געגעפרט פון די ווס ווילן גאטס לערע זוכן · ווייס אז איין צוא בראבן הארץ איז ביי גאט טייערער פון וויא פיל קרבנות · יעדן טאג זאלסט דוא קומן אין גאטס הוז אריין וועסט דוא שון וויסן וועלכער וועג עס פורט צום אייבגן לעבן · נאר זאג מיר האסט דוא עפיס אפריינד אודר אבקענטן אין ציון :

איך וועל היינט זיין ביי ידידיהן הט זמרי צו איז גזאגט איך האב צו אים אבריף פון חננאלן וואס ער איז מיט אלי צו זאמן פאר טרובן גווארן פון שומרון זיטץ דא ביז פר נאכט · הט דר פריעסטר צו איב גזאגט יוארום אין דר פריא אונ פר נאכט קומט ער אהער אין טעמפל אריין אונ איך וועל שון מיט אים שמוסן פון דיינט וועגן ער זאל דיר אוואנוג אפ געבן ביי זיך אודר ביי איין אנדערן הער אין ציון :

פר נאכט איז ידידיה גקומן וויא גוואנליך אין טעמפעל אריין אונ הט דארט זיין אבענד גבעט פר פארטיגט דר נאך הט דער פריעסטער

מיט

מיט איט גשטוסט וויטן זמרין · אונ ידידיה האט אים צוא זיך אהיים גפירט אונ דער היים ... אים זמרי אפ געגעבן דעם בריף אונ דאס פינגעריל אובער הט ער ביי זיך באהאלטן ווארום ער האט גטראכט אז עס וועט אים ניטצן צו זייני געשעפטן וואס ער הט אין זין צו טאן :
ידידיה האט גיך אוף גרוסן דעם בריף · אונ האט אים פאר זיין פרוי גילייענט :

הער צו מיין טאכטער (תרצה) אונ פר נעם (ידידיה) צו דיא ווערטער פון אייער פאטער (חננאל) וואס גייט אצונד אין גלות · עס איז דאך אייך בקאנט דס גשרייא פון שומרון · דס קלאגן פון (אפרים) הערט זיך אוך אין ציונס טויערן · וועה · צוא דעם פינסטערן טאג · שומרון איז פאר וויסט אונ אירע באזיטצר זענן פאר יאגט שון פון לאנג האב איך גוויסט אז שומרון איז אונטערדריקט מיין גאלד מיין זילבער אונ אלע מייני עדעל שטיינר האב איך אוף א יבער ארט באהאלטן · איך האב מיר גטראכט לאזן איבער ציהען דיא פינסטערע טעג וועל איך עס אין גאנצן איבער פירן קיין ציון אוך מייני איבריגע קונדר וועל איך דארט אין ציון פלאנצן · אזו האב איך נארישער מענטש גטראכט · ניט אבר אזו הט גאט גטראכט · אלי מייני קונדר זענן פאר שרעק אום גשטארבן אונ דר ביטערער טאג איז גקומען די גאנצי שטאט איז זייער ערציטערט גווארן פר די פיינד אוך איך האב פאר לאזט די גרופטען (קברים) פון מייני קונדר אונ מיין גאנץ בהאלטנים רייכטהום · אונ בין אוועק צו זאמען מיט אלי פר טריבענע · אום זיבעטן טאג ביי נאכט זענן מיר גקומען צום וואסר (כבר) אן שטאט ברוט האב איך טרערן גגאסן איך בין אנטשלאפן גווארן ביי דעם ברעג פון דעם וואסר קום וואס איך בין נאר אנטשלאפן גווארן האב איך גזעהן אין חלום א שיין יונגל זייער איידל גקלייט מיט א שווערד אין דער זייט שווארצע לאקן האבן זיין קאפ באקרייגט זייני באקן זענן רוט גווען · אונ זיין ווטרע שטערן האט ארויס גשיינט · ער האט זיך אפ גשטעלט לעבן מיר מיט דעם פערד וואס ער הט אוף דעם גרוטן · אונ איך אז איך האב אים נאר דר זעהן זיין שיינם פהיזיאנאמע ערבליקט האב איך מיט טרערן גשריגן וועה · מיין גאט אוך איך האב אזונע שייני קונדר גהאט אונ פון זיי איז מיר אצונד ניט איינער גבליבן מיין רייכטהום צו ערבן אונ מייני לעצטי ווערטער פר דעם טוט צו הערן :

אז דס יונגל הט מייני ווערטער גהערט איז ער פון דעם פערד אראפ גשפרינגן אונ הט זיך צו מיר אן גרופן בשעת ער הט מיין האנד אן גנומן מיין זעלע וואס זיא גלוסט צו תפסן דיין טאכטערס טאכטער גליקט

איך צו דיין זעלץ אונ דעם גפאנגענם ארט . איך וועל דיך אום לייזען אונ דיך קיין ציון ברענגען . אויך האב איך אים גפרעגט פון וואנעט ער שטאמט ארום אונ ווי זיין נאמן איז . אונ ער הט מיר געאנטפערט : שטארק פר הולן וועלן דיר מייני ווערטר זיין . אונ איין קערצר צייט אבר וועלן זיי ענדעקט ווערן . אויך האט ער מיר גוויזן דם פינגעריל וואס איך האב תמרען געגעבן אונ האט צוא מיר גזאגט : דס איז צום עבגען אנדענק וואס תמר מיין געליבטע האט מיר גגעבן . ביי דיא ווערטער בין איך ערוואכט גווארן דא האב איך גזעהן אז עס איז נאר א חלום . נאר אבר אוווינדערליכר חלום איז עס מיר גוועזן אין אזא שלעכטער צייט. איך האב מייני אויגן צום הומל אויף גהובן דיא שטערן האבן באלייכט דעם הומל . אונ אפינסטערניש הט די ערד באדעקט אזו זאלן אויך די ווערטר פון דעם טרום . האב איך צוא גאט גשריגן מיין פינסטערע זעלע בעלייכטן . איך בין נאך אמאל אנטשלאפן גווארן . האב איך גזעהן אין טרום ווי איך זיטץ אין אייער פאלץ , אונ תמר שטייט מיט זיידען צייג באקלייד וויא ארוז אין דעם יונגעלס רעכטר האנד אין אייערי אויגן ערבליקען עס אונ איין אייבגע פרייד רוהט אויף אייך . קום הט דם יונגל זייני רוזען ליפען געפינט אונ הט מיר עפים גוואלט זאגן האט מיך אהאנד אן גרירט איך האב מיך גשווינד אויף גחאפט אונ האב דר הערט ווי דר בעפעהלם האבער שרייט צו מיר . שטייא איף פולער . שטייא אויף אונ גייא צוא זאמן מיט דיא איבריגע ווארום דער מארגן שטערן האט שון גשיינט . איך בין אויף גשטאנען מיט איין פאר ביטערט הארץ . אונ בין אוועק גגאנגן מיט אלי צו זאמן אונ מיין הארץ הט אין מיר גקלאפט איבר דעם טרום . איך האב נאך גפרעגט ביא די באשיידערס פון חלומות האבן זייא מיר אויך גזאגט אז עס איז ניט קיין פיסטע זאך . מיין זעלע האפט נאך אז עס וועט קומן תמרם גלובטער אונ וועט מיך אום לייזן פון די פיינד . אונ וועט ערבען מיין רייכטהום . אונ איר מייני קונדר . בעוואהרט אויך אין אירע הערצר דעם טרום . אונ לעבט גליקליך וויא עס ווינטשט אייך אייער פאטר חננאל דער פערטריבענער :

ידידיה מיט תרצהן האבן שטארק גוויינט ביא דעם לעזען דעם בריף אונ זמרי הט זיך צו זיי אן גרופן ווישט אפ דיא טרערן פון אייערי גזעכטר ער לעבט אצונד גאנץ רוהיג נאך דיא דריי אום גליקליכע יאר ער זיטצט אצונד צו זאמן מיט זיין פאלק אין דעם לאנד אשור . אונ זייני חלומות וואס עס האט זיך אים ביא דעם וואסר גחאלימט זענן אטרייסט צו זיין שווערן געמיט . אונ זיי איז זיין גאנץ דענקען :

בשעת

בְּשַׁעַת עֶר הָאט דָאס גֶזָאגְט הָאט תִּרְצָה מִיט אַמִיטְלֵייד אוּנ אוֹיף
עֲזְרִיקַמֶן גֶקוּקְט · אוּנ יְדִידְיָה הָט עֲזְרִיקַמֶן פוּן דֶר שְׁטוּב אַרוֹס גֶטְרָאגֶן
אוּנ הָט צוּ תִּרְצָהֶן גֶזָאגְט הֶער אוֹיף אִין אַזֶעלְכֶע דוּמְהַייטֶען צוּ גְלֵייבֶּן ·
וָוס זַיי זֶענֶן אַטְרֵייסְט צוּ דַיין פָאטֶר · קוּק זִיךְ נִיט אַזוֹ צוּ עֲזְרִיקַמֶען ·
אֶפְשַׁר וֶועסְט דוּא דַיין פָאטֶרְס צֵייכֶנְס אִין אִים נִיט בֶּמֶערְקֶען · וֶועסְט
דוּא נָאךְ תְּמָרְס הַארְץ פוּן אִים אַוֶועק נֵייגֶען · וַוייל זַיינֶע הָאר זֶענֶן
גָאר רוֹט נִיט שְׁוַוארְץ · אוּנ נִיט וַוי דָאס יוּנְגֶעל פוּן דֶעם טְרוּם אִיז עֶר
נָאר אָבֶּר אִיךְ הָאבּ אַפְּרֵיינְדְשַׁאפְט גֶשְׁלָאסֶן מִיט יוֹרָמֶען · דְרִיבֶּר קֶען
דֶער טְרוּם נִיט אוֹיף בִּינְדֶן דֶעם קְנִיפּ וָואס אִיךְ הָאבּ וַואכְזַאמֶר הַייט
פַאר בִּינְדֶן :

וֶוער וַוייסְט אָבֶּר · הָאט תִּרְצָה צוּא אִים גֶזָאגְט · אֶפְשַׁר הָאט נְעָמָה
אַזָא יוּנְגֶל גֶבּוֹרֶען וָוס אִיז עֶהְנְלִיךְ צוּם יוּנְגֶל פוּן דֶעם טְרוּם :

נְעָמָה אִיז זִיךְ גָאר מִיט אִיר גְלִיבְּטֶן אַוֶועק · הָאט עֶר אִיר בַּאלְד
גֶעֶנְטְפֶערְט · אוּנ אֲפִילוּ זִיא הָאט אַיוּנְגֶעל גֶבּוֹרֶען · וֶוער קֶען פוּן אִים זַיין
מוּטֶרְס שַׁאנְד אַרָאפּ נֶעמֶען · וֶוען אֲפִילוּ יוֹרָם אַלֵיין זָאל הַיינְט קוּמֶען
ווָאלְט עֶר אוֹיךְ אוֹיף אִים קֵיין מִיטְלֵייד גֶהַאט · עֶר ווָאלְט אִים גְוִויס פַר
יָאגְט פוּן זִיךְ נָאר אָבֶּר וָואס נִיצְט אוּנְז רֵיידֶען פוּסְטֶע זַאכֶן · וָועט זִיךְ
דֶען נְעָמָה אוּם קֶערֶען · אַז זִיא אִיז אַזָא זוּנְד בַּאגַאנְגֶען · נֵיין · מַיין
פְרוֹיא · דֶר מַאן נִיט מֶער אִיר נָאמֶן עֶס אִיז אַשַׁאנְד צוּ יוֹרָמְס פַאמִילְיֶע :

אוּנ יְדִידְיָה אִיז בַּקַאנְט גֶוָוארֶן פַר אַיין עֶרְלִיכֶן מַאן אוּנ מִיט פִיל
אֶרֶענְטְלִיכְקַייט צוּא מֶענְטְשֶׁען · עֶר הָט פִיל פְרֵיינְד בֶּקוּמֶען נָאר פוּן דֶער
שַׁיין פוּן זַיינֶע אוֹיגֶען · עֶר הָט נִיט יֶענֶמְס הַארְץ גֶקְלֶערְט · צוּ עֶר אִיז
אִים גֶטְרֵייא מִיט דֶעם הֶערְצֶען וַויא מִיט דֶעם מוֹיל · אַלֶס דֶען זֶענֶען גֶוֶועזֶען
פִיל מֶענְטְשֶׁען וָואס הָאבֶּן זַיין פְרֵיינְדְשַׁאפְט גֶקוֹיפְט מִיט דֶער אִיבֶּר
גֶצְוִוינְגֶער מַאסְקֶע :

אַצוּנְד וַוינְדֶערְט אוֹיךְ מֵיינִי לֶעזֶערְס · וָוס זִכְרִי הָאט בַּיי אִים אַזָא חֵן
גֶפוּנֶען · בִּפְרַט נָאךְ אַז יְדִידְיָה הָאט פוּן דֶעם פְרִיעֶסְטֶער אַזוֹינֶע וֶוערְטֶער
אוֹיף אִים גֶהֶערְט :

אוּנ עֶטְלִיכֶע טֶעג אַרוּם הָט עֶר זִיךְ צוּ זִכְרִין אָן גֶרוּפֶן אַצוּנְד מַאךְ אִיךְ
דִיךְ בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב פַר אַיין הוֹיז פִירֶער :

זַייעֶר שֵׁיין · הָאט אִים זִכְרִי מִיט דַאנְק גֶעֶנְטְפֶערְט אִיךְ וֶועל בַּאדִינֶען
דֶעם הֶער מִיט דֶעם גַאנְצֶען הַארְצֶען · אוּנ זִכְרִי אִיז פוּן זַיין יוּגֶענְד אָן
נִיט גֶיוָואנְט גֶוֶועזֶען צוּא קֵיין אַיינְצִיגֶער אַרְבֶּעט · אוּנ אַצוּנְד אַז עֶר הָאט
גוּט אוּם גֶזֶעהֶען וַוי אַזוֹ עֶס פִירְט זִיךְ בַּיי יְדִידְיָהֶן אִין שְׁטוּב הָט עֶר פַר
שְׁטַאנֶען אַז דָא וָועט זַיין אַיין גֶלֶעגֶנְהַייט זַיינֶע גֶשֶׁעפְטֶן אוּם צוּ בְּרֶענְגֶען :

ער

עֶר הָט דָס פִינְגֶעריל וָוס חֲנַנְאֵל הָט אִים מִיט גֶגֶעבְּן בַּיי זִיךְ בַּאהאַלְטְן וָוארוּם עֶר הָט גְוִויסְט אַז דָס וָועט אִים נִיטְצְן :

אוּנ עֲזְרִיקָם אִיז עֶרְצוֹגְן גְוָוארְן בַּיי יְדִידְיָהְן אִין שְׁטוּבּ צוּ זַאמְן מִיט תֵּימָנְן אוּנ מִיט תָּמָרְן • עֶר אִיז שׁוֹן אַלְט גְוֶוען צֶעהְן יָאר • נָאךְ אִין זַיין יוּגֶענְד אִיז עֶר בַּאקָאנְט גְוָוארְן פַאר אַיין שְׁלֶעכְטְן יוּנְג • עֶר פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג קְרִיגְן מִיט תֵּימָנְן אוּנ מִיט תָּמָרְן • דְרִיבֶּר פְלֶעגְט תִּרְצָה שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַזוֹ וִויא דֶר בּוֹם אַזוֹ אִיז אוֹךְ דִיא פְרוּכְט פוּן אִים • אַזוֹ וִוי תַּגִית זַיין מוּטֶר פְלֶעגְט זַיין שְׁטֶענְדִיג אַקְרִיגֶערִין אַזוֹ רוּהְט אוֹךְ קֵיין מָאל אִיר זוּן נִיט פוּן צוּא קְרִיגְן זִיךְ • אוֹךְ תֵּימָן אוּנ תָּמָר הָאבְּן אִים שְׁטַארְק גֶהַאסְט • אוּנ יְדִידְיָה אַז עֶר הָט גֶזֶעהְן אַז עֲזְרִיקָם פַר שְׁטֶערְט אִים דִיא רוּהֶה פוּן דֶר שְׁטוּבּ הָט עֶר אִים בַּאזֶעצְט אוֹף זַיין פָאטֶער יוֹרָםְס גוּטֶער • כְּדֵי זַיינֶע קִינְדֶר זָאלְן זִיךְ מִיט אִים נִיט קְרִיגְן • אוּנ עֶר זָאל תְּמָרְס הַארְץ פוּן אִים נִיט אַוֶועק נֵייגְן • אוּנ יְדִידְיָה הָט גֶבֶּעטְן עֶכָּנֶען יוֹרָםְס הוֹז פִיהְרֶער עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹף עֲזְרִיקָמְן • אוּנ יֶעדְן מָאנַאטְס טָאג אוֹךְ יֶעדְן פֶּעסְט זָאל עֶר אִים בְּרֶענְגְן צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ אַרַיין • עֶכְן הָט עֶס אִים צוּ לִיבּ גֶטָאן • דְרִיבֶּר הָט עֶס אִים יְדִידְיָה פַאר אַיין עֶרְלִיכְקֵייט גֶרֶעכִינְט :

אוּנ עֲזְרִיקָם אִיז אוּם גֶוואַקְסְן גְוָוארְן וִוי אַדָארִין אוּנ יוֹרָםְס הוֹז וָוס מֶער עֶר אִיז עֶלְטֶר גְוָוארְן אִיז זַיין גֶעזִיכְט עֶרְגֶר גְוָוארְן אוּנ תָּמָר אָבֶּר וָוס זִיא אִיז עֶלְטֶר גְוָוארְן אִיז זִיא אַלְץ שֶׁענֶר גְוָוארְן נִיט אָבֶּר נָאר מִיט זֵייעֶרִי גֶעזִיכְטֶר אִיז צְוִוישְׁן זֵיי אַיין אוּנְטֶערְשֵׁיעט גְוֶוען אוֹךְ מִיט זֵייעֶרִי זִיטֶען זֶענֶען זֵייא פַרְעַמְד גְוֶוען • עֲזְרִיקָם אִיז זִיךְ זֵייעֶר בַּייז בֶּעגַאנְגְן מִיט זֵיינֶע הוֹז קְנֶעכְט פְלֶעגְט עֶר צוּא שְׁלָאגְן פַר דִי גְמֵיינֶע לַייט • תָּמָר אָבֶּר אִיז זִיךְ עֶדֶעל מוּטְהִיג בַּאַנַאנְגְן מִיט אִירֶע פָאטֶערְס קְנֶעכְט • אוֹךְ הָט זִיא שְׁטֶענְדִיג יֶענֶם זַיין לֶעבְּן דֶר הַאלְטְן • עֲזְרִיקָם פְלֶעגְט שְׁטָאלְצִירֶען מִיט זַיין רַייכְטְהוּ אוּנ מִיט דֶעם כָּבוֹד פוּן זַיין פָאטֶר • עֶס אִיז בַּייא אִיבּ אַשַאנְד גְוֶוען צוּא רֶעדְן מִיט אַיין פֵיינֶערְן יוּנְג פוּן אִים נָאר נִיט קֵיין פִירְשְׁטְן קִינְד • אוּנ תָּמָרְן אִיז אָן שְׁטֶענְדִיג גְוֶוען צוּ רֶעדְן מִיט אַטָאכְטֶער פוּן דֶעם גִירְרֶגְעְן גְרַאד • עֲזְרִיקָם אִיז גְוֶוען וִויא אַגֶעשְׁנִיצְטֶער גָאט וָוָאס דֶער מַייסְטֶר בֶּרֶעקְט אִים פוּן אוֹבְּן מִיט גָאלְד עֶר זָאל אַגְלַאנְץ הָאבְּן נָאר פַאר דֶעם נַארָאד • אוּנ תָּמָר הָאט אוּם גְזֶעהְן וִויא אַדִימַאנְד אַיין גֶפַאסְט אִין גָאלְד • וָוס נִיט דָס גָאלְד גוּט אִים צוּ • מֶער וֶוערְטֶה • נָאר מֶער הַן • עֲזְרִיקָם אִיז זַייעֶר פֶערְשִׁירְן גֶעשְׁטָאלְצִיג גְוֶוען • אַז עֶר אִיז אַלְט גְוֶוען זֶעכְצְן יָאר • אִיז עֶר גַאנְץ נִידְרִיג גְוֶוען מִיט רוֹטֶע הָאר וִוין גֶזִיכְט אִיז גֶפְלֶעגְט גְוֶוען וִוי בַּיי דֶעם לֶעמְפְּרָט • אוּנ תָּמָר אִיז אָהְנְלִיךְ

טוועז

געוועזן צו פלאמן בום מיט איר שיינקייט · אז זיא איז אלט געוועזן זעכצן יאר איז זיא געוועזן דיא שענהסטע פריילין זייער ליב אונ אן גנומן זענן אירע פאסטעמקס געוועזן זי הט גבליהט ווי די שענסטע בלום · אונ איז אצירונג געוועזן צו יעדן ווס הט זיא ערבליקט · קורץ גרעט · עזריקם מיט תמרן זענן ווייט געוועזן איינס פון דעם אנדרן · מיט דיא געוויכטער מיט דיא הערצר · אונ מיט דיא גייסטר · נאר ווס ידידיהם גייסט האט זייא צו זאמן גשלאסן ווארום ער האט גדענקט אין דעם פריינד שאפט ווס ער הט מיט יורמן גשלאסן · דרובר פלעגט ער ניט וועלן צו הערן די פירשטן קינדר ווס האבן מיט אים גרעט וועגן תמרן :

אונ הנגאלם בריף איז גוט בעוואהרט געוועזן בייא תרצהן · אונ אז תמר איז עלטר גוויארן פלעגט זיא אים שטענדיג לייגן אונ פון איר פיל טראכטן אונ דענקן אונ אים בייא טאג הט זיך דאס גשטאלט פון דעם יונגל אין חלום ביי נאכט פאר גשטעלט · אונ פיל מער וויא זיא האט גליבט זיין גשטאלט אין טרום · האט זיא וואכזמער הייט עזריקמן געפאסט · דרובר איז דר בריף געוועזן צו עזריקמן ווי אדארן · איין מאל הט עזריקם גרופן זמרין צו זיך אהיים אונ הט גזאגט צו אים דוא האסט תמרם הארץ פון מיר אוועק גנייגט מיט דעם בריף וואס דוא האסט גבראכט איר גייסט איז שון גאר פרעמד פון מיר · איר גאנצם טראכטן איז אין דעם חלום · אונ דעם יונגל וואס עס איז גאר אוף דער וועלט ניט דא · אונ אצונד זמרי מוזט דוא זעהן איר הארץ צוא מיר ווידער צוא רוק צוהן מיט דיין קלוגשאפט אונ איך וועל דיר באוויליגען וויא דיר וועט אליין געפעלין :

איך וויים · האט אים זמרי קאלט בליטהיג גענטפרט אז תמר איז בייא דיר טייערער פון דעם לעבין אונ וויים ווידר וויא ווייט איר הארץ איז פון דיר · נאר דאך גייט זיך קיין איינציגע זאך ניט אום פון דעם פאלטשקייט · אבער אן געלד קען מען גאר ניט מאכן · עפין נאר אוף דיין האנד וועל איך דיר אריינם ענטווער געבן ·

אוף דעם דריטן טאג האט עזריקם גפרעגט זמרין וואס זיין עצה איז · אונ זמרי האט אים געענטפרט דער אנפאנג פון מיין עצה איז דוא זאלסט אמונה האבן זאלסט גלייבן אין מיר מיין בעסטע עצה איז פריער צוא פאר שטערן דעם טרום פון תמרם הארץ · דער נאך וועט מען זעהן איר הארץ צוא גווינען · אצונד גיב מיר אהער עטליכי הונדערט טאלער · דאס געלד וועל איך אוועק געבן צוא איינם וואס ער וועט שון דיא זאך אפ ארבטן · דאס זענן זיך מייני ווערטער האב אמונה אין מיר איך וועל אלם פארטיג מאכן :

ווייסט זיך זמרי · האט עזריקם צוא אים גזאגט אז געלד איז בייא מיר טייער · נאר אבר נאך טייערער איז בייא מיר תמר · צעהן מאל אזו פיל וועסט דוא ביי מיר באקומן אז דוא וועסט קאנטשן · אונ זמרי האט אן גקרוגן אמענטש וואס ער האט גוואוגט גאנץ ווייט פון ציון ער הט איר גגעבן דאס פינגריל וואס חננאל הט אים גגעבן אונ האט אים עפים גגעבן שכר טרחה ער זאל גיין צו ידידיהן אונ זאל אים זאגן דיא ווערטר וואס ער הט אים אום גלערינט · אונ יענר איז צוא ידידיהן גקומן אונ הט גזאגט צו אים פון לאנד אשור הט זיך דיין קנעכט אום גקערט · איך האב דארטן גזעהן חננאלן ליגן אויף דעם קראנק בעט · ער הט מיך צו גרופן אונ האט צוא מיר גזאגט · נעם דאס פינגריל אונ זאלסט עס אפ געבן ידידיהן זאלסט אים זאגן אז מיין רייכטהום איז אויף אגווים ארט באהאלטן · נאר שווער מיר זאלסט עס פר קיינם ניט דאכטען · קוים האט ער דיא ווערטר גענדיגט האט אים דער טוט אין דעם אייביגן שלאף צו גנומן · אונ אצונד בין איך גקומן אונ האב עס אייך אפ גבראכט :

אז ידידיה האט עס דער הערט האט ער שטארק גוויינט ער האט דעם מענטשן אביין גפירט צוא תרצהן אונ האט גזאגט צוא איר דאס האפנונג איז ווי אחלום אוועק · ער האט איר דער ציילט אלם וואס ער האט פון דעם מענטשן גהערט · נאר אבר תרצה האט עס זיך ניט גגלייבט זיא האט גטראכט ער זאגט עס איר אמוסנע כדי תמר זאל אויף הערין אין דעם טרום צו דענקען :

ידידיה אבר האט איר גשווארן אז ער מיינט עס ערינסט אזו האט זיא פיל טרערן פאר גאסן איבר דעם פאטרם טוט · אונ תמר האט אויך שטארק גוויינט · נאר דאך האט זיא ניט אויף גהערט עזריקמן צוא האסען · אונ ניט א[ ]ן מאל האט עס איר ידידיה פאר גלייגט תמר אבר האט אים אלץ גענפרט וויא לאנג עזריקם וועט בייא זיך אין דער היים זיטצן וועל איך אים עהרע אפ געבן נאר קוים אבר וואס ער קומט אהער ברענגט ער מיט זיך צו שאנד איך קען אויף אים ניט קוקן :

אויך תרצה האט צוא ידידיהן גזאגט הער אויף מיין געמאל · הער אויף מיט איר האבן צ[ו] מאן ביז זיא וועט אלט ווערן אייאר אכצן אודער צוואנציג זיא וועט אויך דעמאלט ניט פר זומן פון עזריקמן צו ליידן ·

אונ עזריקם אז ער האט געזעהן ער איז שון בייא זמרין אין טוי[ט] האט ער גציטערט ער זאל עס ניט ענדעקן · דרובר הט ער גמוזט איין צוא גשלאסנע האנד עפענן אונ האט אים גגעבן טוזונד דוקאטן פון דר צייט אן איז זמרי גווארן זיין בעל סוד (געהיימניס קאמעראד) :

נימל אלם

4

דער שפאציער גאנג

אלס דער גילדנר מאיי האט זיך בעוועגט אויף דער ערד האט תמר
געבעטן איר פאטר ער זאל איר ערלויבן צו זאמן מיט אלי ציונס טעכטר
ארום צו גיין פון דעם גירויש פון דער שטאט אונ אייגם פון דיא דערפר
אום צוא רוען זיך · אונ ידידיה וואס איר נעכסטער האט ער שטענדיג
געאכט האט ער איר אוועק גשיקט מיט איר דינסט (מעכה) צוא
אבישי קיין בית לחם דארט וויא דיא הירטען האבן יורמס שאן
געוויידעט (גיפאשעט) אונ האט איר אן גזאגט אז אין דריי טעג זאל זיא
זיין צו רוק · אונ תימנן הט ער אוועק גשיקט צו סתרין ער זאל דארט
זוכן ביז דיא ערשטע טרויבן וועלן פארטיג ווערן ער זאל זיא קיין
ירושלים ברענגן · אונ האט אים דריי באדינערס מיט געגעבן :

(בית לחם) איז געגרינדעט ענטגעגן ירושלים געבויעט אויף איין הויך
בארג · לויטרי קוואלן וויא קרישטאל פליסן ארום · אונ דאס וואסר
וואס רוזעלט (פליסט לאנגזאם) דארט איז זייער זיס צום טרונקן לעבן
דעם וואסר זענען גפלאנצט אלערלייא ארטן בלומן · דארט ווייד[ן] זיך
דיא שאף · אונ לויפן ארום מיט אזים גרויש דאס לאנד פליסט מילך אונ
האניג פון דארט האט דער קיניג דר קליגסטער · שלמה · דריי גרובן
גגראבן אריין צוא זאמלן דאס וואסר פון דארט אין זיי א אונ עס אריין
צוהן אין זיין רעזידענטס שטאט ירושלים אריין · דער אן בלוקן פון דיא
קוואלן זענען וויא מיט גאלד בעשטיקט · אויף דיא ביימער זונגען זייער
איינגענעהמען אלערלייא פייגיל אויף דעם ארט הט עמנון דיא שאף
געווייעט אלי הירטען האבן אים גרעכנט פאר אהירטן קונד · אונ האבן
אים שטארק גלויבן איבר זיין חן · אונ איבר זייני זיסע שטימן ער הט
זייער שיין אויף דער הארפע געשפילט · אונ האט געזונגען זייער זיס :

דער שיינר פריהלינג האט קיין בית לחם פערזאמלט אלי פירשטנס
טעכטער פון ציון · אונ אויך תמר איז אן געקומען צוא אבישי זייער
איידל גקלייד · אונ האט מיט מעכה ארום געשפאצירט · אויף דיא פרייע
וואגן פון די הירטן · דארטן וויא עמנון האט זייני שאף גפורט · אונ
אלי הירטן האבן זיך שטארק פאר וואונדערט איבר איר שיינקייט · אונ
האבן גזאגט איינר צום אנדרן זעהט נאר דיא שענסטע יונג פרוי פון
ציון · אונ עמנון האט אויף זיי אן געשריען לאזן מיר בעסר אויף אונזערי
שאף אכטונג געבן · ניט אונזרי אויגן אויף צוא הייבן אונ נאך צוא קוקן
דיא טעכטר פון דעם גרויסן גראד · דאך אבר הט ער אויך זייני בליקן

באלד

באלד גוואָרפן אויף איר שיינם גאַנג · דיא זון האַט אשיינם בליאַסק אונ אלוטערי וואַרים אויף דער גאַנצר געגענד גוואָרפן · דאס וואַסר האַט איין גנומן גערוישט · דיא בלעטליך פון דיא ביימר האָבן גקלאַפט פון דעם פרישען ליפט) ווינד וואָס האַט צווישן דיא צווייגליך געזשאַייעט · אונ דאס גזאַנג פון דיא פייגל אונ פון דיא שעפיליך האַט זיך ווייער זים גהערט · אונ דיא בערג האָבן זיא אפ געענטפערט מיט זיסע קולות · דם אלם האַט אשיינע אום זיכט גמאַכט אויף דער גאַנצר געגענד · אונ האַט דער קוויקט דיא הערצר פון דיא הירטן · אפרייליך גזאַנג האַט זיך גהערט אין דער גאַנצר געגענד · אונ תמר האַט זיך אנודר גשטעלט מיט מעכהן אויף דעם וועג וויא זיא זענן גגאַנגן אונ אויך עמנון הט מיט זייני רוזן ליפען אשיין ליעד גזונגן :

1

דיין פערגנוגען גאַט · איז צום
אָרימען ווי צום רייכען באַקאַנט ·
אין דעם וועלט דער הער ·
פאַרין געמיינם דער קענט :
ניט אָבר אזו איז דעם מענטש
פערגניגען ·
נאַריש זענן זייא · אין שטוב
טוהן לוגן :
דיא זון שיינט גלייך ·
צוא אָרום צוא רייך :
פרייען זיך אין איינם ·
איבערין וועסיען דעם שיינעם :
אין דיא גרינע פעלדר ·
אין דיא פרייע וועלדר :
איז אפריידן קלאַנג ·
אונ אשיין גזאַנג :

2

דיא גרוסע שטאָט האַט גאָט
דיא רייכע גגעבען ·
וועלט זייא אודר מיעסט · אין
אגערוש צוא לעבן ·
קוים אָבר וואָס דער פריהלינג
גוט נאָר אשיין ·
אונ דיא הירטען וואַנונגען
טרעטן זייא אריין ·
מיט אגילדען קריינדל ·
גפאַסט צום היינדיל :
געהט שפאַצירט ·
דיא הערין גציירט :
מיט ארוזן רענציל ;
אבלומן קרענציל :
געהט אָבר גצוירט ·
דיא גליבטע פון דעם הירט :

הער נאָר מעכה · האַט תמר צוא איר גזאַגט · הער נאָר אויב דייני אויערן זענן ניט פר מאַכט · אונ זעה אויב דייני אויגן זענן ניט בלונד ?

אונ מעכה הט זיך צו איר אן גרופן אזים פערגנוגן הט דר גילדענר פריהלונג אויף יעדן טרוט אפ גטיילט · אזא פערגנוגן וואָס דיא גרום

שטאדטינע

שטאדטיגע מענטשן זעהן עס ניט אין זייערי שיני פאלעטצן · קום ווירטהין · קום צום טאל · דארט וויא דיא הירטן זונגן · אונ זייערי פרויען שפילין אויף הארפען זייער איין גנומן · אונ אלי פירשטן טעכטר שטייען מיט גרוס פערגנוגן אונ בטראכטן דיא שיני קמצנגע ·

הער מיך אויף צוא צווינגן איך זאל ווייטר גיין האט איר תמר געענפערט איך קען פון דעם ארט ניט אוועק טרעטן · דיא אלי זיסע טרוימע (חלומות) וואס איך האב ביא נאכט געזעהן · זעה איך אצונד וואכזאמערהייט · מייני אויגן ערבליקן דאס יונגל וואס מיין גרוס פאטר חננאל האט אין גילדענם טרום געזעהן · קוק זיך נאר צו צו דעם יונגל וואס ער זונגט דארט · באטראכט זייני שווארצע לאקין · אונ זיין שיינעם פהיזאגנאמע · לוטר וויא שניא שיינט ער וויא רוט זענן זייני באקן · אונ ווי זים זענן זייני שטומען · אויך האלט ער אבוגן אין דער האנד · ער שיינט וויא אקריגס העלד :

אונ מעכה בשעת זיא האט אויף עמנון איר ע בליקן גווארפן · אונ האט זיין שיינעם געשטאלט ערבליקט האט זיא זיך צו תמרן אן גרופן גיין · ווירטהון · זייא ניט איבר גלובעש אין אזוינע נארישע חלומות · ווער ווייסט צו וואס זייא קענן דיך ברענגן · חננאל איז דאך שון טוט זינדין אויך זייני אלע טרוימע דומהייטן אונ דאס וואס ער האלט איין בוגן וועל איך דיר זאגן ווירטהין · ניט אום זוסט קומן דיא הירטען מיט בויגענס אום פריהלינגס צייט · פילייכט טרעט ארום אלייב אודר אלעמפפארד פון זיין פערבארגן ארט אונ ברענגט אום שאף · דרובר גייען זייא ארום ווי דיא העלדען אין דער שלאכט · קום ווירטהין · קום צום פערזאמלונג לעבן דעם טאל · תמר אבר האט זיא ניט געהערט אונ איז צו עמנון צוא גנאנגן · אונ האט זיך צו אים אן גרופן זייא אזו גוט אונ גיב מיר דאס קרענציל בלומן וואס דוא האלטסט ווען דיין הארץ איז אזו גוט ווי דיין געזעכט ווייסט אום :

נעם עס דיר ווירטהון · האט איר עמנון מיט חן געענטפערט · אוב עס איז דיר אן שטענדיג אזא קליינקייט פון דיין קנעכט צו נעמן · איך ווינטש מיר קיין בעסר פערגנוגן :

איך האב געהערט · האט תמר צוא איר גזאגט דייני זיסע ווערטר ·

מיט ארויזן רענציל · גייט אבר גצווערט ·
אבלוטן קרענציל · דיא גלובטע פון דעם הירט ·

אצונד זאג מיר ווער דיין גליבטע איז · איך ווינטש זיא מיר צוא זעהן · איר אראנק אם צוא געבן פאר דעם בלומן קרענציל וואס דוא האסט עס פון אירט וועגן בוואהרט · אונ איך האב עס צו גנומן · ביי

מיין

מיין: לעבן שווער איך דיר · האט ער איר געענפערט · אז אוך איך האב זיא ניט געזעהן צווישן דיא טוזענדר יונג פרוען וואס איך האב ביז היינט איבר געזעהן :

אונ תמר האט זיך צו אים אן גרופן צווישן טוזונד ווילסט דוא זיא אום קלובן · דרובר זאל זיא פון טוזונד איינע זיין :

באלד איז מעכה צו איר צוא גקומן אונ האט זיך אן גרופן · הער אוף ווירטהן · קום אוועק פון דאנט · עס איז אשאנד פר דיר פיסטע זאגן צו רעדן · זעה · דארט גייט אקייגן אמאן · נאך שטייט זיא אזו אונ רעדט · איז (עוץ) אבישים באדינר צוא זייא צו גקומן · תמר איז גשווינד אוועק גגאנגן · אונ עוץ האט זיך צו עמנונן אן גרופן ווס האט מיט דיר ידידיהם טאכטר גרעט · מיינסט דוא ערינסט · האט עמנון צו אים גזאגט אז זיא איז ידידיהם טאכטר · איך האב עס גאר ניט גוויסט · אה · זייער שיין זענן דיא ווערטר פון אירע רוזן ליפען · וויא טראפן טויא פון דער בלום · איך בין ברוגז אוף דיר דיין אן קומן האט צוא שטערט איר איידלן שמים מיט מיר · זעה נאר עמנון · האט עוץ צו אים גזאגט זעה נאר וויא ווייט דייני אוגן בלוקן · יאה זייער שיין איז תמר מיט איר גזוכט אוך מיט אירע זיטען (מדות) · אלי יונג פרויען פון ציון זענן שטאלץ בייא זיך · עס איז זייא אומפאסענד מיט איין ארום מאן צוא שמוסן . ניט אבר אזו איז תמר אירע עדלע הענד עפונט זיא אוף צוא דיא ארימע לייט · אונ שיטצן זייא אין דיא נוטען · היינט אין דער פריא האב איך זיא גזעהן אין איר גארטן ארום שפאצורן וויא שיין האט זיא דעמאלט אום גזעהן - אהנליך צוא דער בלום ווען דיא טויא טראפן גלאנצן אונ אירע בלעטליך וויא פעריל :

איך אבר · האט עמנון צוא אים גזאגט . איך אבר האב זיא גזעהן וויא דיא שענסטע יונג פרוי · וואס עדעל מוטה אונ חן האבן זיך ביי איר אנעסט אפ גקלובן · אוי פיעל דענקט מיין הארץ אין איר · אוף מייני ליפען קען איך עס ניט ארום ברענגן :

קורץ וועל איך דיר זאגן . עוץ · ווען צווישן דיא שטערן פון דעם הימ׳ זאל איר וואנונג זיין · וואלט זיא איינע גשיינט צווישן זייא וויא דער לעכטיגסטר מארגן שטערן · אוף דער ערד זענן אלי בלומן בלאס אקעגן איר :

הער אוף עמנון : אזו הוך צוא פלוען . האט עוץ צוא אים גזאגט האסט פר געסן אז דוא ביסט אהירט . דרובר גיב בעסר אכטונג אוף דייני שאף :

אונ תמר אז זיא איז אוועק גגאנגן פון עמנונן · האט זיא זיך צוא

מעכהן

מעכה אן גרופן אלוואי איך זאל אין מיין גאנצר לעבנס צייט דא אין דיא הירטן וואהנונגען מיינע טעג פר ברענגן · עס איז מיר ליבר דאס בלומן קרענציל וואס עס איז אוף דיא קעפ פון דיא הירטען פון דיא גילדינע קריינדליך ווס בעשמוקן (באצירן) דיא קעפ פון דיא פירשטען אונ דיא שטומן פון דיא הירטן אין דיא גרינע פעלדר איז מיר זיסער פון דיא הארפען שטומן פון ציונס טעכטר :

אונ מעכה האט זיך צוא איר מיט גלעכטר אן גרופן וייל דם יונגל דער הירט האט מיט זייני שטומן דיא געגענט דער קוויקט · דרובר זעסט דוא דיא נאכט טרייםע וואכזאמהייט · נאר אבר הער וירטהן · וואס איך זאג דיר אז דיא דומהייטן וועלן דיך ווער וייסט צוא וואס ברענגן · ווען אפילו חננאל זאל לעבן ווער וואלט עם אהירטען קנאבע צו אזא עהרע אוף גנומן מיט דיר צו זאמן צו זוצן :

הער אוף נארישע דינסט · האט איר תמר גענפרט אמת אז ער איז אהירט · נאר דאך הט ער עדעל מוטהיגען גייסט · אונ זייני הירטן קליידר פערטינקלען אים ניט · וויא זים זענן זייני לידר · ווי צו ציהענד איז זיין געזיכט · זייני אוגן בליקן מיט חן אונ מיט ליעבע · זייני ליפן זענן וויא רוזן : ווען איך זאל אים אהיים ברענגן צוא מיין מוטער · וואלט זיא אוך דם איינגע נזאגט · ער איז אהנליך צום יונגעל וואס ער האט אין טרום גזעהן :

אזו האבן זיא צווישן זיך איבר דעם גאנצן וועג גשמיסט ביז זייא זענן צו אבישין אהיים גקומן · דיא זון איז אונטר גגאנגן . אונ עמנון האט זיינע שאף צוא נוף גנומן אונ איז אין זיין הירטען גצעלט אריין גקומן אום צוא רוען זיך פון דעם טאג · אוך תמר איז אריין גגאנגן אין איר צומער וואס אבישי האט איר געגעבן אום צוא רוען זיך נאר אבר זיא האט אגאנצי נאכט קיין אוג צוא גטון . זיא האט גגעבן דר ווארטעט דעם מארגן · זיא זאל אליין גיין אוף דעם ארט וויא זיא הט נעכטין דאס יונגל גזעהן אונ צו שמוסן מיט אים :

אונ דיזער נאכט האבן זיך ווילדע לייבען איבר דיא שאף צוא שפרייט · אונ גטייט וויא פיל שעפליך אונ דיא הירטען · אז זיי האבן גזעהן · אז עס פעלט זיי שאף האבן זייא זיך באקלעדט מיט שווערדן אונ האבן גטראגן בוגענס אונ דיא הענד · אונ האבן זיך אין דיא טאלן באהאלטן אוף דיא לייבן צו לאקרן · אונ תמר וואס זיא הט פון דעם גאר ניט גוויסט · איז זיא גאנץ פריא אוף גשטאנן אונ איז איינע אליין אוועק גגאנגן צוא דעם ארט וואס זיא האט דארט גרעט מיט דעם הירטן קנאבע · דיא שטומען פון דיא הירטען האבן זיך גהערט גאנץ

ווייט

וויט וואס זייא האבן צוא זאמן גשריגן אונ האבן נאך גיאגט אליינ • אונ תמר וואס זיא האט גאר ניט גוויסט וואס דאס גשרייא באטייט איז זיך גאנץ ריהוג ארום גגאנגן • אונ הט צוא נוף גקריבן בלומן • אונ האט אשיין קרענציל גמאכט • אונ איז צו גקומן צום ארט וואס עמנון האט זייני שאף גווידט • לעבן דעם וואסר וואס עס האט דארט גרויזעט • וואס פר אפרייד שרעקן האבן זיי ערגרופן • אז זיא הט דר זעהן עמנון פון דער אנדרער זייט וואסר • וויא טובן בייא דעם וואסר אזו האבן זייא זיך בייד דיא געזוכטר גשפיגעלט אין דעם לוטערן וואסר וואס ער הט זיי וויא איין אמתער עדות אלם גזאגט :

נאר תמר האט זיך מיט חן צו אי אן גרופן • איך בין גרייט • שיין יונגל • דיר מיין פפליכט צו רוק צוא געבן • בשעת זיא הט דם גזאגט • האט זיא אים גוויזען דאס בלומן קרענציל • אונ עמנון האט צוא איר גזאגט דאס וואסר • ווירטהן • פליעסט צווישן אונז • איך וועל עס ניט קענן נעמן ביי דיר :

איך אבר • האט תמר גזאגט • איך אבר קען יאה דער לאנגן • זיא האט אוואר גטון דאס בלומן קרענציל אוף דער אנדרר זייט לעבן עמנונן • אונ עמנון האט מיט אמאל אגישרייא גטון • וועה ווירטהן • תמר האט זיך גשווינד אום גקוקט • אונ טוט שרעקן זענן אוף איר גפאלן • אווילדר לייב האט זיך ארום גוויזן פון זיין וואנונג • זייער פורכטבאר איז זיין גשטאלט • דיא האר פון זייני רוקן זענן וויא דערנער • זייני אוגן שפייען פייער • זיין האלז איז וויא איין אפענע גרופט • אונ זיין צונג וויא איין רוטר פייער פלאם • דארשטיג צו בלוט • ער איז ארום גשפרונגן אונ האט זייני טרוט גשטעלט צו דיא שאף • וואס ער האט גזעהן פון יענער זייט וואסר • וויא אהעלר בלוץ שיינט דורך דיא חמארם • אזו האבן אוך עמנונס פיילן גשווינד דורך גשנוטן דעם לייבס בוך • אונ איין אוגן בלוק האט מען שון פון אים קיין דאך ניט גהערט • ער איז אנודר גפאלן טוט לעבין תמרן וואס זיא איז גבלובן לוגן אין אן מאכט • נאר אבר עמנונס הארץ וואס עס האט זיך גפרייט איבר דעם לייבס טוט • איז אצונד ווי וואסר צו גאנגן אז ער האט דער זעהן תמר לוגן אוף דער ערד ער האט זייני שאף איבר גלאזט • אונ איז איבר גגאנגן דם וואסר • אונ איז צוא איר צוא גקומן • אבר נאר איר קערפער הט ער גזעהן לוגן • קיין איינצוגע שטומע הט ער ניט גהערט פון איר • ער האט אזו לאנג גשריגן • אונ די טרערן האבן זיך אוף זיינע באקן גקאטשעט • ביז זיא האט זיך אבוסל דער מונטרט • זיא הט אירע אוגן אוף געפונגט • אונ האט דר זעהן לעבן זיך

דעם

דעם לייב טוט . אונ אירע אויגן האבן גהערט עמנונס ווערטר וואס ער האט צו איר גזאגט . זייא רוהיג פערשטן טאכטר . שרעק זיך ניט דאס אום גלוק איז אוועק . דאנק גאט . ער האט קראפט גגעבן אין זיין קנעכטס האנד . זייני פיילן האבן גצולט דעם לייב . זעה ווי ער לוגט פאר שטורט מיט זיין בלוט . זעה ווירטהן . אונ שטארק זיך מוטה :

גאר אבר תמר איז נאך זייער דער שראקן גוועזן פאר שרעק אונ פרייד . אירע אויגן וואס זענן נאך פיל מיט טרערן גוועזן . האט זיא אוף גהויבן צום הומל . אונ אוך צוא איר ערעטער . איר הארץ איז פיל מיט לוב גראנקן . אירע ליפן אבר זענן נאך צוא גשלאסן . אונ עמנון האט זיא אזו לאנג דער ווארטעט . ביז זיא איז רעכט מונטר גווארן . דער נאך האט זיך תמר אן גרופן גאט . ווינדר בארער גאט . וועלכר מענטש זעהט אין איין אויגן בלוק טוט אונ לעבן . אונ זיין גייסט איז שטאנד האפט :

אוך איך ארימע יונג פרוי . האב זיי צו זאמן באגעגנט . וויא אזו קען איך שטולן דאס וושען פון מיין הארץ ; דר לייב לוגט טוט פאר מיר . אוי . וויא פורכטבאר איז זיין גשטאלט . נייני ציין זענן אזו וויא דיא גישארפטע שווערדען . ער לוגט גלייך וויא ער וואלט מיך גערין איין גשלונגן . (בייא דיא ווערטר הט זיא אן גנומן עמנונן בייא דער האנד) . דייני הענד האבן מיך ערעטעט פון צוא זיין איין פרישטוק צום לייב . וויא אברודר בישט דוא מיר גוועזן . וויא אהומלשר ענגל האסט דוא גוואלט מיך צוא ערעטען . זייער פיל האסט דוא גטון מיט מיר מיט וואס קען איך דיר אפ דאנקן . צוא גאט איז דיא הילף . האט איר עמנון גענפערט . ער האט מיר קראפט גגעבן צוא טייטן דעם לייב ; שטייא אוף . אונ דאנק גאט דיין ערעטער :

זייא נאך אזו גוט . אונ זאג מיר . וויא דיין נאמן איז . האט תמר צוא אים גזאגט :

מיין נאמן איז עמנון . האט ער איר גענטפערט . דרובר וועל איך דיך פון אצונד אן עמנון רופן . האט זיא צוא אים גזאגט . עמנון . מיין זעלן ערעטער . נעם בייא מיר דיא פינגערלך וואס איך טראג אוף דר האנד צום איבגן אנדענק . ניט פר קיין באלוינונג אוף דיין גוטקייט . גאר צוא דאנקן אין מיין נאמן . דיין באלונונג איז בייא מיין פאטר . ער וועט דיך מיט זיין פרייא געבינר האנד צום גרעסטן גלוק אוף הייבן . ווארום ניט צוא אזא טייער יונגל וויא דוא איז דא איין ארט צווישן דיא הירטן . צוא ווייזן דיא טייערי פון דעם וואלד דיין קראפט . אונ צוא דיא בייסר . דייני זיסע שטומן מאכן הערן . מיין

פאטר

פאטר ידידיה איז אפירשט אין ירושלים · זיין רייכטהום איז גרויס · זיין האנד איז אין שטאנד דיך צום גרעסטן גליק דער הייבן · הער אויף פירשטן טאכטער . האט עמנון זיך צוא איר אן גרופן · הער מיך אויף צוא צווינגען פון דיר אנאנדריק צוא נעמען · גדענק אז איך וועל דיך גדענקן · מוז איך אין דר גאנצר וועלט פר געסין ·

בייא דיזע ווערטר זענן טראפן טרערין אויף זייני באקן גפאלן · אונ תמר האט גזאגט צו אים . דייני עדות זענן דייני טרערין אז דוא וועסט אין מיר ניט פר געסן · אזו וויא איך האב דיך ביז היינט ניט פר געסן :

וויא האסט דוא מיך דען גזעהן · האט עמנון זיא גפרעגט זייער פערוואונדערט :

אין חלום · האט זיא אים מיט גלעכטר געענפרט · גאט האט אן גצייכנט דעם טאג · אונ האט מיר דיך וואכזאמערהייט גוויזן ·

פערצוהע מיר · ווירטהן · האט עמנון צו איר גזאגט . איך פאר שטייא ניט דעם ראטהזעל · (רעטעניש) :

דרובר הט תמר גזאגט צו אים . אז דוא וועסט זיין אין ירושאלם אויף דעם וואכען פעסט (שבועות) · זאלסט דוא קומן צו מיין פאטר · פון דארט וועט דיר דיין האפנונג בלוהען · צו רומען זיך צווישן דיא קריגס העלדען · אודער צווישן דיא פראפהעטישע קונדר · וואס זענן אונטר דעם שוטץ פון מיין פאטר . דארט וועסט דוא מיין ראטהזעל פר שטיין . זעה · איך באשווער דיך בייא גאט וואס רוהט אין ציון . אונ דיא פערגנוגן זיך דא מיט פיל גוטץ · אונ דענק אין תמרן · וואס זיא קוקט ארום אויף דיר · אונ וואס זיא וועט אין דיר אייביג ניט פאר געסן · נאך שטייט זיא אזו אונ רעט איז זיא מעכה גקומן זוכן · אונ איז זייער דער שראקן גוואורן · אז זיא האט דער זעהן דעם לייב לונגן טוט · אונ תמר האט איר דער צייילט דאס גוטץ · וואס ער האט מיט איר גטון . אונ האט זיא באשווארן זיא זאל קיין שלעכטס אויף איר ניט אן ריידן בייא דעם פאטר · זיא זאל אים נאר זאגן אז דאס יונגל האט איר דאס לעבן ערעטעט · אונ מעכה · וואס זיא האט אויך גהאפט צוא גפונן דאס וואס תמר זוכט . האט זיא זיך זייער גפרייט · אז זיא האט גהערט פון תמרן · אז זיא וויל אים ברענגן אהיים צו זיך · זיי זענן ביידי אוועק גגאנגן צוא אבישין . אונ עמנון האט דער וייל פון דעם לייבס פעל גמאכט איין צו דעק צו זיין פערד :

אינ עטליכע טעג ארום איז עוץ גקומן צוא עמנונן · אונ האט אים טראפן זוצן גראנקן פאל . אונ קוקן אויף אבלום . וואס זיא איז פון דער היטץ פערוועלקט (בערוואלעט) גוואורן · אונ רעדן דיא ווערטר

ניט

מיט גרוס מוטליוד :

1

וויא שיין ביסט דוא בלומעלי ·
מיט דיין גרונם ציימעלי :
געווען גצוירט געשמוקט ·
ווען אוף דיר האט גגלוקט :
אונ לעכטיג גשיינט ·
דער מארגן ברילאנט :

2

ווען דייני בלעטליך ·
זענען גוועז רוטליך :
אונ דיא טויא פון דעם הומל ·
האט גגלאנצט צום רומעל :
וויא שייני ברילאנטען ·
אונ קאלירנע דימאנטען :

3

ביימר · דיא גרעסטע ·
שענסטע · דיא בעסטע :
האבן דיך גזעהן ·
אונ מקנא גוועז :

4

אצונד אבער · וועה ·
זעה נאר מענטש · זעה ·
דאס געזוכט איז ערבלאסט ·
וואס עס האט צוא דעם גפאסט :
דיא בלעטליך צוא רוסן ·
צוא קנייטשט צוא בוסן :
דיא טויא פון דעם הומל :
האפט שון אשומל :

5

גאר אבער אוף אין פעלד ·
איז אונז פאר גשטעלט :
אמוסטער אריינער ·
אקלענער אשיינער ·

6

אוףאיטליכן ארט ·
ווערט באקאנט דארט :
אונזר גרוסער לעהרער ·
אבוכל מעהרער

7

וויא אביך פאר שפרייט ·
איז פאר אונז גגרייט :
דער זומערער הומל ·
שיין צום רומעל :

8

אונ אוף אלי ערטער ·
זענן גאטס ווערטער ·
שיין אזוי גשלאגן ·
ער טוט אונז אן זאגן :

9

קוק זיך מענטש צוא ·
מיט גרוס מוה :
אונ דיין לעבן ·
זאלסט דוא גלייבן :

10

דאס וויכטיגע ביך ·
וואס עס לערינט דיך :
ווערסט דוא האבן זייגן ·
אין אלי דייני וועגן ·

11

ווארום וויא דיא רוז ·

וואקסט

וואקסט דער מענטש גרוס :
אין זייני יונגע יאר •
שיין אונ קלאר :
ביז עס ווערט פארטיג •
אין אים גרוס ארטיג :
דיא פינסטער ליעבע •
דא האט ער טריעבע :
ער ווערט פערוועלקט •
זיין לעבן בעוועלקט :
ער קען ניט גפונען •
וואס אים איז אין זינען :

וואס איז דיר • עמנון • האט אים עוץ גפרעגט • שון וויא פיל טעג ווע איך אין דיר פר ענדרונג • דייני טרוט שוואנקען • איך פר שטייא עס ניט • אונ גדעכטין נואלד ווילסט דוא זיטצן ווי דער פרייער פוגל • אונ דאך פליהסטו דוא ארום • זינט דיא זון גייט אוף • ביז זיא ווערט פאר זינקען פון ארט צוא ארט • ניט צו וויסן וואס דוא זוכסט • דיא שאף בלאנקן זיך ארום אן איין פירער • זענן צוא שפרייט אוף אלי ערטר • אונ דוא האסט זיא גאר ניט אין זינען • דיין הארץ איז פיל מיט נאך דענקן • דיין מול זינגט לידער : איך פר שטייא עס ניט :

הער נאר עוץ • האט אים עמנון געענטפרט • הער נאר ווינדערליכם פון מיר • דוא קענסט זיך תמרן וואס מיין הארץ האט זיך ניט גוואגט צוא דענקן אין איר • נאר אבר איך האב זיא היינט ערעטעט פון אליב • דרובר האט מיך תמר אוף גנומען צוא זוצן אין ציון אונטר איר פאטרס שיטץ • דרובר דענקט מיין הארץ אין דער עהרע ווס זיא האט מיר פאר גלייגט :

ביא דיא ווערטר איז עוץ ערשטונט גווארן אונ האט גזאגט צוא איב אזונס האסט דוא גטון • אונ גאר קיינם ניט גזאכט דר פון • אוי • מיין הארץ ווייגט אוף דיר • אזונע גדאנקן זענן ביא דעם אנפאנג • ווי טובין באדעקט מיט גילדענע פלוגל • נאר אבר וויא דיא רוב פייגל פיקען זייא דער נאך אוס דעם מארך פון דיא יוגענד ביינר • וועסט דוא קענן נאך פלועין דעם שאלק ביז אין היטל • פאר געס אין דעם • וועסט דוא אוך פר געסן אין אלי ליידען :

עוץ האט עס דר ציילט אבישין • האט ער זיך אוך שטארק פאר וואונדרט • אונ איז דר ביא אוך דר שראקן גווארן • ליבע לעזער • איר בעדארפט עס אליין וויסן פאר וואס •) ער האט עמנון אוועק גשוקט קיין (בצרה) ער זאל דארטן שאף קופן • אונ ידידיה האט קיין בית לחם גשוקט נאך עמנונן מען האט אים אבר צוא רוק גשוקט • אז עמנון איז אין דר היים • ניט דא • ער הט גמאכט אריינע אוף עטלכי טעג :

5

אבייע ליעבע

אונ תימן איז אויך קיין בית לחם אן גקומן צו סתרין (דורך דעם באפעהל פון זיין פאטר) סתרי האט אים זייער שיין אויף גנומן · אויף דעם אנדרן טאג זענן זייא גאנץ פריא אויף גשטאנן · אונ זענן אוועק גגאנגן אין דיא גערטנר · דר מארגן האט זייער לוטר גשיינט אונ אלי ווייגערטנר הערט זיך אשיין גזאנג · דיא אגארארדניקעס האבן מיט שיינע שטומן גזונגן · אונ תימן איז מיט זיינע קנעכט אריין גקומן אין דעם בעסטן ווייגארטן · אונ האט זיך צוא זייא אן גרופן · קוקט זיך צוא · צו יעדן צווייגעלע · וואס עס איז ארום גפלאכטן מיט שטרוי פאר אין צייכן · אז דאס איז היליג · פון דיא ערשטע פריכטע קערן צוא דיא כהנים · זעהט דארטן דעם שיינעם וויין שטאק וויא ער צוא שפרייט זייני צווייגן איבר דיא טאלען · עס דר קוויקט דאס אוג וואס עס ערבליקט אים · דיא צווייגן זענן אזש צו דער ערד גבויגן · פון דיא רייפע (צייטוגע) טרובן וואס זייא בעלאסטן זייא · וויא זיס זענן זייא אז זייא גלאנצן מיט ארוטן קאליער · פון צווישן דיא בלעטר · שיינן ארום דיא טרובן וואס זענן פול מיט זאפט · זייא בלוקן צוא מיר · גלייך וויא זייא בעטן מיך · איך זאל זייא פאר איין פריזענט פיהרען אין דעם היילוגן ארט אריין · צוא זייא קער דאס גרוכט פון דיא ערשטע פרוכטן · צוא דיא וואס זוצן פר גאטס טיש קומט זייער זיסן וויין · (ער הט זיך אום גקערט צוא דיא אגארארדניקס · אונ האט זיך צוא זייא אן גרופן ·) געסט ניט אויף אלי טרובן · עסט וויא פיל איר ווילט · נאר לאזט אבר אויך איבר פון דיא ארימע לייטס וועגן · וואס קומן אהער ערנערן זיך דער פון · ווארום ווער ווייסט וואס דיא צייט קען מיט ברענגן · פיליכט וועלן אויף אונזרי קונדר הונגעריגערהייט ארום גיין אין פרעמדי פעלדר אונ גערטנער ברוט צו זוכן ·

דיא אגארארדניקעס זענן גשוקט צוא זייער ארבוט · זייערי צונגן זענן פיל מיט גזאנג · אונ זייערי הערצר מיט פרייד · קליינע יונגליך אונ מיידלעך ליידגן אום דיא טרובן אונ קרוגן אריין · אונ די גרעסרע פערזאנען טראגן זיי אוועק אין דיא קעלטערס אריין · אונ מוטן גארטן זענן גשטאנען צווייא ארביטארערס · אונ האבן צווישן זיך גשמוסט · איינר האט גזאגט זייער רוט איז דער זומר וויין · אונ לוטר וויא דיא טויא פון דעם הומל · אונ דער אנדר ענפרט אים · דיא משקה וואס עס ווערט גבראכט אין גאטס הויז אריין איז זייער זיס · אונ אסען

שרייען דיא איבריגע ארבוטארעס . פריידע · פריידע . דער ווין דר
קוויקט גאט אונ דעם מענטשן . פון אים טרונקן אלטע שוואכע לייט ·
אונ ווערן צוא רוק יונג · אונ גזונד . גוטע פריינד פערגניגן זיך מיט
אים ; עס איז גקומן די מיט טאגס צייט ; די ארבוטארס פון דעם גארטן
זינגן מיד גוואורן · אונ האבן זיך צוא שפרייט אין אלי ווינקלן פון דעם
גארטן אוף דעם גראז · זיך פערגניגן מאכן · אט דא גייט איונגל
ארוף אוף איין הוכן פלומן בום · זייני הענד חאפין אן דיא צווייגען
דיא פים אבר גלוטשן זיך אראפ · אונ פאלט אראפ אוף דעם גראז ·
דא ווערט אגרוס גלעכטר צווישן זייא דארט ווידר יאגט אמיידל נאך
איונגל · וואס ער האט איר עטליכע מיסע ווערטר איין גראמט · אונ
האלט אין דער האנד אשטענגל מיט טרובן . זיא חאפט אים · אונ
קוועטשט אום דיא טרובן אוף זיין גזיכט · זיין פנים ווערט גפארבט ·
דרוף ווערט אגלעכטר צווישן זיי . אזו האבן זיי זיך פר בראכט דיא
צייט · אז זייא זענען גגאנגן עסן דעם מיטאגס מאל צייט · אונ תימן
האט ארום גשפאציערט איבר דעם גארטן · צווישן דיא ביימר איז
איונג פרוי ארום גגאנגן · אונ האט אוף גקליבן דיא אראפ גפאלינע
טרובן . אונ האט גאר ניט גקוקט אוף דעם גלעכטר פון דיא יונגע
קונדר . ווען אפילו זיא האט שון יאה אלאך גטון איז דאס גלעכטר
איבר אירי רוזן ליפן איבר גגאנגן וויא אפריש ווינדעל איבר אשיינער
בשמים בייט . אונ עס האט נאך מער חן גמאכט אוף איר גזיכט ·
קום אבר איז דאס גלעכטר אוועק · האט ווידר פון אירע אויגן אטונקל
טרויעריגקייט ווי פריער ארום גשיינט · אונ תימן אז ער האט זיא דער
זעהן · האט ער פון איר זיין אונ ניט אראפ גנומן · זיין הארץ איז
פערווינדערט איבר איר חן · ווארום זייט ער לעבט האט ער אזא
שונהייט נאך ניט גזעהן . מיט גרוס פרייד האט ער צוא זיך אליין
גזאגט . אט דיא שיינע וועט זיין אגליקליכר טייל צום יונגעל פון דעם
נידריגען גראד · אונ מיר האט גאט אפ גטיילט רייכטהום אין אפירשטן
טאכטער . גיב בעסר גאט אפירשטן טאכטר צו דיא וואס ליבן געלד ·
אונ מיר גיב בעסר דאס פריילן . וואס איך וועל זיא אוף קיין העניגע
טעכטר ניט אום בייטן . גיב מיר אקליין וואהנונג אונ דיין ברייטער
וועלט · צו זאמן צוא זוצן מיט דר איינצוגער ; דאמאלס וואלט איך
ערשט רעכט גליקליך גוועזן :

נאך שטייט ער · אונ רעט צוא זיך אליין · איז איינר פון זייני
קנעכט צו גקומן . אונ הט אים גבעטן ער זאל צו גיין צו די ארבוטארעס
ווארום זיי ווילן אנדערש ניט עסן · ביז ער זאל זייא דם ברוט זעגנען ·

תימן

תימן איז אוועק גגאנגן אונ האט זיא גזעגנט · אונ איז באלד צוא רוק גגאנגן אוף דעם ארט וואס ער איז פריער גשטאנן · דאס מיידיל אבר איז דר וויל אוועק · אונ ער האט זיא שון ניט גטראפן · ער האט זיא גזוכט אין דעם גאנצן גארטן · אונ האט זיא ניט גפונן ; דאס הט אים זייער גקרענקט · נאר אבר אזו איז אים דער ורוטער טאג אוך אוועק גגאנגן מיט ליידן :

אוף דעם פערדין טאג איז תימן מיט צווייא קנעכט זייני · ארום גגאנגן אין פעלד אריין אוף דער יאגט (אחאטע) אשיינר הערש איז גלאפן מיט זיין האלז אום גצונגן גלייך ווייא ער שטאלצירט מיט זייני שייני הערנר · וואס באזקריינן זיין קאפ · צוא מאכן אים פאר איין קיניג איבר דעם וואלד · דאס קול פון דיא מענטשנס טרוט האבן אים פאר יאגט פון זיין וואנונג · ער איז אנטלאפן אין פיסטע וועגן זיין לעבן צו ערעטען · אונ תימן האט זייני קנעכט אוועק גשוקט צום טאל אונ ער אליין איז אים נאך גלאפן · ביז ער הט אראפ גבלאנזיט פון דעם וועג · ער האט אן גהובן הוך צו שרייען צו זייני קנעכט · ער האט אבר קיין שטומע פון זיא ניט גהערט · ער איז ארום גגאנגן אוף אלי ערטר אונ האט ניט גוויסט וויא אהין ער זאל זיך קערן · פלוצלונג האט ער דר זעהן פון ווייטען אמענטשן גיין · ער איז גשווינד אוועק גלאפן צוא דעם ארט · אונ האט דער זעהן אז דאס פריילייג · וואס ער האט אין גארטן גזעהן · זיא שיינט אזו וויא אבלום פון דעם גרעכטן וואלד ארום · אונ גייט ארום לעבן איר גצערט וום עס שטייט אוף אפעלן שטיק · וויא זיא האט אים נאר דר זעהן האט זיא זיך גגעבן מיט אמאל אהאפ צו רוק · צוטער ניט · מיין שייני · האט ער גזאגט צוא איר : איינס פר לאנג איך פון דיר · קער מיר אום צוא רוק וואס דוא האסט בייא מיר צוא גנומן :

ניין מיין הער · האט זיא אים געענפערט ; לייג ניט אוף מיר אזא זונד ארוף · קיין פרעמדס וועט דיין דינכט ניט נעמן · שון פיר טאג אז איך בין אין דיין גארטן גוועזן · דיינע טרובן האב איך ניט געגעסן · קיין איינציגע זאך האב איך ניט גנומן · אוסער דיא אראפ גפאלינע · דר פון ערנער איך מיך מיט מיין מוטר :

ווער איז דיין מוטר · הט זיא תימן גפרעגט ווער זענן דייני עלטרן · מיין מוטר איז אפלשתיות · האט זיא אים געענפערט · אונ מיין פאטר האב איך ניט גקאנט · נאר צוא מיין מוטר · איז זיין ארום שטאמן גוויס באקאנט · ער הט זיא גפרעגט · וויא איר מוטר וואהנט · · אונ זיא האט אים געענפערט · אין דעם גצעלט אוף דעם פעלן שטיק · נאר

זיא איז היינט אונ דער היים ניט דא · אונ דריי טעג ארום וועט זיא זיין צוא רוק · אצונד זאג מיר מיין הער · וואס האסטו דוא מיך אזו איבר גשראקן · האסט פון מיר פאר לאנקט · איך זאל דיר אום קערן · אזונס וואס איך האב בייא דיר גאר ניט גנומן ׃

אזו האט תימן צו איר גזאגט פיל האסט דוא בייא מיר צוא גנומן פיל וואס קיין רייכטהום איז ניט גלייך צוא דעם · קער מיר אום דעם שלאף צוא מייני אויגן · אונ רוא צו מיין זעלע · דיא צוויי זעגן פון מיר אוועק · זינט איך האב דר זעהן ׃

וואס האסט דוא דען דר זעהן אזונס אין דיין דינסט · האט זיא אים דר שראקן גפרעגט ׃

דיא גאנצי וועלט · האט ער איר געענטפערט · דר נאך האט ער אראפ גנומן זיין פינגעריל פון דר האנד אונ הט עס איר געגעבן בשעת ער האט גזאגט צו איר · וויא איז דיין נאמן · מיין שיינע ׃

דיא (זיז) רופן מיך דיא נאכבארען · האט זיא אים געענפערט ׃

וויא שיין פאסט דיר דער נאמן · הט ער צוא איר גזאגט · אצונד זאלסט דוא וויסן · מיין רוז · אז אזו וויא דער דימאנט איז צוא זאמן גפאסטומיט דעם רייפעלע · אזו איז אוך דיין שיינעס גשטאלט צוא זאמן גקניפט מיט מיין הארץ · איינס פון דיא צוויי · אודר דוא וועסט מיט מיר צו זאמן אין ציון זוצן · אודר איך וועל מיט דיר אין דעם גצעלט וואנן · אונ זיא האט זייער פאר ווינדערט אום גהערט זייני רייד · דער נאך האט זיא אים גזאגט · ווייס אבר מיין הער · אז איך זייא דא מיט מיין מוטר אין דעם קליינם גצעלט · וועט דיר גוויס ענג זיין צוא וואהנן · נאך וואס זאלסט דוא פאר לאזן דיא שענסטע פאלטצן · אונ זוצן אין אזא ארט וויא קיין מענטש טרעט ניט אריין · נאר אבר אין דרייא טעג ארום זאלסט דוא אהער קומן · וועסט דוא מיט מיין מוטר רעדן דער פון ׃

תימן הט זיא גקושט · אונ האט גזאגט צו איר · האסט רעכט עדלע · איך וועל שמוסן מיט דיין מוטר · אצונד ווייז מיר דעם ארום גאנג פון דעם וועג · זיא הט אים גוויזן דעם וועג וואס גייט גלייך צוא סתרין · ער איז באלד אוועק גגאנגן · אונ האט גערן ארום גקוקט אוף דעם דרוטן טאג ׃

אוף דעם אנדרן טאג האט סתרי אן גגרייט דיא ערשטי טרובן · אונ האט דיא בעסטע פריכטע אריין גלייגט אין גילדענע קארבן אריין · אונ הט מיט גגעבן תימן ער זאל זייא קיין ירושלים פורן · אוף דעם דרוטן טאג איז תימן אוף גשטאנן · אונ האט מיט גנומן אלם · אונ איז מיט

זייני

זייני קנעכט אוועק גפארין אהיים אויף דעם וועג האבן זייא מיט גפורט אשיינם אקס . שיין גצורט מיט זיינע הערנר . וואס זענן דערענט גוועזן מיט אעל בלעטר . צוא ווייזן אז ער איז קעניג איבר דעם פעלד . מיט פיל קראפט דינט ער דעם מענטשן . צוא אקערן זיין ערד . אונ אצונד אז ער האט שון זיין ארבוט גקאנטשעט . האט ער זיך גזעגענט מיט דיא טארן . וואס ער האט פון זייא ברוט ארוס גצוגן . ווארום מען האט אים אצונד גפורט קיין ירושלים . דארט וועט זיין אנעק צוא זיין לעבן . אונ מיט זיין טוט וועט זיך פרייען גאט אונ לייט :

אונ תימן האט זיך צוא זיין קנעכט אן גרופן . איר רייזט אהיים . אונ איך מוז מיך צוא רוק צוא סתרין אום קערן . איך האב עפיס פאר געסן דארט . זייא זענן אוועק גפארן . אונ תימן איז גיך גלאפן צוא דעם וואנונג וויא דיא רוז בליט . ווי פינסטער אבר איז אים גווארן . אז ער האט דארט קיינם ניט גטראפן . נאר איין אלטע פרויא איז דארט גזעסן אונ האט גזאגט צוא אים :

נעם דיר צוא רוק דאס פינגעריל . ווארן אזו האט דיר דיא מוטר באפוילען . דאס שטיינדעל איז ארוס פון דעם פינגערל אונ אויף קיין פאל קאן עס ניט באהעפט ווערן :

דא האט תימן מיט שרעק גשריגן . וויא זינדען דיא צוויא פרויען אהין גקומן · זאגט עס מיר . אונ וואס איר וועט פון מיר פאר לאנגן . וועל איך אייך געבן :

איך ווייס אויך ניט וויא זייא זענן . האט זיא אים שטול געענטפערט . נאר דאס וואס זיא האט דיר גהייסן זאגן · האב איך דיר שון גזאגט . אונ ווייטער ווייס איך קיין איינציגע זאך ניט ; אויך דאס האט זיא מיר גזאגט . אז זיא וועט מער ניט צו רוק קומן אהער :

תימן האט זיך מיט איין פאר בוטערט הארץ אום גקערט צו רוק צו זייני קנעכט . אונ זיין הארץ אין אים גקלאפט . ער האט זייני קנעכט נאך אויף דעם וועג אן גקראגן . אונ זיי זענן אלי צו זאמן קיין ירושלים אוועק . דארט האט ידידיה דיא (בכורים) (ערשטע פרוכטע) פאר גאט גבראכט . אונ תימן איז אלץ ארום גגאנגן מיט איין צוא בראכן גמוט אונ האט זייני עלטרן גאר גיט גדאכט דר פון :

על משכבי בלילות בקשתי את שאהבה נפשי

(שיר ג"א)

אויך אויף מיין בעט ביא נאכט •
אז איך האב מיך שלאפן געלייגט :
האב איך מיך באלד ערוואכט •
אונ אויף מיין געליבטען געפרעגט :

איטליכען באשערט גאט זיין ווינטש •

עטליכע טעג פרויער • איידער עס האט אריין גטרעטן דער היילגער לויב ערהיטעפעסט (סוכות) איז תמר געזעסן אונ האט ארוס געקוקט דורך דעם פענסטער • אונ הט גטיילט פיל געלד אלע ארימע לייט וואס זעגן נאר פר ביא געגאנגן • אונ תרצה איז צו איר אריין געגאנגן • אונ האט זיך צוא איר אן גרופן • האסט מיר גזאגט • אז דם יונגל פון בית רחם איז הויך וויא דער בארונער • דרובער האב איך אויף אים דיא מאס גנומען • נעם דיא קליידר אונ פאר שליעם זייא ביא דיר ביז ער וועט אהער קומן • באלד איז אריין געקומן איין משרת • אונ האט אויף דר האנד גטראגן אשיינם קאסטיום • וואס תמר האט באפולן אן צוא גרייטן פון עמנונס וועגן • זיא האט גנומן דיא קליידר אונ האט זייא פאר שלאסן ביי זיך • דר נאך האט זיא זיך ווידר אום געקערט צום פענסטר • צוא טיילן געלד דיא גמיינע לייט אויף יום טוב • ארום האלבן טאג • איז עזריקם צוא איר אריין געקומן • אונ האט איר גזאגט : צו אזונע עדלע הענד וויא דוא האסט • פאסט גאר ניט צו טאן אזונע נארישע זאכן • צו געבן געלד אזעלכע פארלע מענטשן :

זאג מיר נאר • עזריקם • האט תמר צו אים גזאגט • מיט וואס זענען זייא פארלע • ווער הט זיי דען ארום גמאכט • האבן זייא דען גגאנבית • גראביוועט • ווער ווייסט אפשר גאר וועגן זייער ערליכקייט איז זייא דאס געקומן • דער מענטש וואס וויל זייא ניט מיט העלפן • האט גוויס אשטיינערן הארץ • וואס עס קען ניט צוא וויקט ווערן פון זייערי טרערן :

זייא זענען ליידיג גייערס • האט ער איר גענפערט • דרובער זענען זייא ארום • נאר אבר דרוף זאגט זיך שון דר אלטר שפריך ווארט :

ביא אזעלכע הענד • זאל דם מול פר געסן •
וואס ארבייט איז געשענט : אויך אין עסן :

איך האב אמוסנע אן גזאגט עבנען מיין הוז פירער • ער זאל זייא אום שטראפן פאר זייער פולקייט • אונ ער האט מיט דעם טאקע נפולט • ער הט זיי אריין גגעבן חשק צוא דר ארבייט • זייא קומן שון

מער ניט :

דיא ארימע לייט האבן אוף געהערט גיין צוא דיר · האט תמר גזאגט מיט גלעכטר ווארום דיין שטיב איז אלייבן גרוב · ווען זיי זאלן האבן שכל · וואלטן זייא דיך גפרעגט · זאג אונז נאר דיא אן געהארוויטער מאן · מיט וואס דיין מיה איז אזו גרוס · אז דוא זעצט דיך צוא · צוא אטיש וואס ער איז באדעקט מיט אלעם גוטען · איז דיין מיה אפנים צו צו טראגן דעם לעפיל אין מול אריין · לייג אוף אונז אוך אזא ארבייט ארוף · וועלן מיר פר שפארן ארום צו גיין מיט ליידיגע בעכר :

זיי נאר דער ווייל ניט קיין פיר־שפרעכערין · האט עזריקם גזאגט מיט כעס פאר אזוגע פאדלע מענטשן · צוא זידלען אהער אין צוזן · אונ נאך דיין גליבטן :

איך בעט דיך עזריקם · הט תמר צו אים גזאגט · נאך וואס ביסט דוא אהער גקומן מיט מיר האבן צוא טאן · וועגן דיין שיינקייט אפנים · הט ער גזאגט צו איר · ביסט דוא זעכר · אז איך וועל דיר קיין שלעכט ווארט ניט ענטפערן · בשעת ער האט דאס גזאגט · הט ער ארום גנומן תמרן · אונ הט זיך אן גרופן · איך בין ברוגז אוף גאט · וואס ער האט דיר אזא חן אפ גטיילט · ווען ניט וואלט איך מיט דיר אנדערש גרעט :

אונ תמר האט אראפ גריקט זייני הענד פון זיך · אונ הט זיך אן גרופן · איך זאג אוך דאס אייגינע · איך בין ברוגז אוף גאט · וואס ער האט מיר אזא שיינקייט אפ גטיילט · איך זאל בייא דיר אין דיא אויגען חן גפונן :

זאג מיר נאר · תמר מיין גליבטע · האט ער גזאגט צו איר · מיט וואס וועל איך גפונן חן אין דיינע אויגן · אז דוא וועסט מיך פיינט האבן · האט זיא אים גענטפערט · עזריקם האט זיך שון ניט גקענט איין האלטן אונ האט גזאגט צו איר · ווען איך זאל זיין איין בעוארצטער מענטש : וואלט איך גוויס צו ריסן דעם קניפ וואס אונזערי עלטרן האבן פאר בינדן · דוא ביסט דאך נאר ניט מיר פאר בינדן מיט דעם שיין פון דייני אויגן · האט זיא אים גענטפרט · ווען דוא זאלסט זיך אבר אוך צוא הערין צוא מיינע ווערטר · וואלסט דוא גוויס צוא רוסן דאס פאר בינדונג :

טאקע דאס אליין איז מיין גאנצר חסרון · הט ער צו איר גזאגט · דער שיין פון מייני אויגן לאזט מיך ניט אוף דיר בייז צוא ווערן · נאר דם וועל איך דיר טוהן דר פאר וואס דוא זידעלסט אהער אין צוזן · איך מוז פרועער הייראטען מיט איין אנדרר · דעמאלט וועסט דוא שון וויסן ווייא אזו עס קומט כבוד אהער :

אוּנ תָּמָר הָאט קְלָאמִירְשְׁט גִזִיפְצְט אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּ אִים • זַייא אַזוּ גוּט • אוּנ זָאג מִיר וויא אַזוֹ ,דוּא וֶועסְט זִיךְ אוֹף פִירֶן מִיט דַיין פְרוֹיא • כְּדֵי אִיךְ זָאל וִויסֶן דֶעם שָׂאטֶן פוּן אַהֶער וִויא דוּא • נָאר לָאז דָאס זַיין אוֹף אַיין אַנְדֶר מָאל • דֶער וַוייל בֶּעט אִיךְ דִיר • מַיין הֶער זָאלְסְט אַוֶועק גֵיין פוּן הַאנְגְט • וָוארוּם אִיךְ וִויל מִיךְ נִיט קְרוּגֶן :

זִינְט אִיךְ קֶען דִיךְ • הָאט עֶר צוּ אִיר גְזָאגְט • בִּיסְט דוּא שׁוֹן גָאר ווִילְד גְוָוארֶן • וִוי דֶר פְרַייעֶר פוֹגֶל קֶענְסְט דוּא אוֹךְ קֵיין מֶענְטְשֶׁן נִיט לַיידֶן • עֶר אִיז אַוֶועק גְגַאנְגֶן פוּן אִיר זַייעֶר פַר שֶׁעמְט • אוּנ מִיט גְרוֹס כַּעַס • וִויא עֶר אִיז נָאר אַוֶועק גְגַאנְגֶן פוּן דֶער שְׁטוּב • הָאט תָּמָר אָן גְהוֹיבֶּן צוּא זִינְגֶן :

1

דֶער וָוס הָט צוּם פוּנְקְטֶערְנִיש אַצִיעֶל גְגֶעבֶּן •
דֶער זָאל מִיךְ אוֹךְ דֶער קְוִויקֶן מַיין לֶעבֶּן :
אוּנ הָאט עֶס פוּן דֶעם לֶעכְט אָפּ גְטֵיילְט :
מַיינִי וִוינְדֶן זָאלֶן וֶוערֶן גִיהֵיילְט :

2

אוֹךְ אֲפִילוּ דִיא בֵּיימֶר אִין דֶעם וַואלְד •
קוּמְט נָאר דֶער פְרִיהֶלִיג וֶוערֶן זַייא בַּאלְד :
וָואס זֶענֶן ווִינְטֶער מִיט שְׁנֵייא בַּאדֶעקְט •
ווִידֶער בֶּעלֶעבְּט • אוּנ אוֹיפְס נַייא דֶר וֶועקְט :

3

נָאר אִיךְ אַלֵיין גֶעבִּיךְ •
פִּיסְטֶער בּוֹים •
מַיין לֶעבֶּן אִיז נָאר וִויא אַיין שְׁלֶעכְטֶער טְרוֹים :
פַאר מִיר שַׁיינְט קֵיין מָאל קֵיין פְרִיהְלִינְג •
צוּא מַיינִי צָרוֹת אִיז גָאר קֵיין אָפּ קִילִינְג :

4

אוּי צִיוֹן • דִיא שֶׁענְסְטֶע קְרוֹן שְׁטָאט •
יֶעדֶר אִין דִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט :
אִין דִיר פִילְט זִיךְ יֶעדֶר אִין פֶערְגְנוּגֶן רַייךְ •
נָאר אִיךְ אַלֵיין בִּין זַייעֶר שְׁוַואךְ :

5

וִוי שֵׁיין אִיז גַאנְץ פְרַיא דִי בְּלוּם •
זִיא בַּאקְלֵייט זִיךְ דַאמָאלְס מִיט אַנַייעֶם קַאסְטִיוּם :
וֶוען דֶר הוּמֶל אִיז נָאךְ לוּטֶער אוּנ בְּלוֹי •
מִיט פְרִישֶׁע בְּלֶעטֶר • מִיט טְרָאפֶּן טוֹי :

6

נָאר אִיךְ גֶעבִּיךְ בִּין תָּמִיד אַיין גְהִיעֶלְט :

דיא

דיא טוי פון מיין יוגענד איז
ניט גגעלט :
מיט אפונסטר מאנטל וויא
דיא נאכט .
מייני קנאספען זינדען שטענדג
פר מאכט :

7

ווי טינקל דר הוטל זאל אום זעהן .
פון שווארצע וואלקן . פון
פונסטרע חמארם :
טוט נאר אפריש ווינטל אביסל
וויען .
שיינט שון צו רוק די זון זארם :

8

מיין לעבענס אין הוטל איז ווינדר דר צײלט :

אבר שטענדיג באוועלקט .
אוי . איך אליין בין שטענדיג
פר וואלקט :
איך זעה ניט פאר מיר קיין
לעכטיגע שטראכן .
מיין לעכטיגע זון איז שון פאר
פאלן :

9

דר וואס הט צום פונסטערניש
אציעל גגעבן .
דער זאל מיר פון צוריקקמן
ארום הייבן :
אונ האט עס פון דעם לעכט
אפ גטיילט :
דעמאלס וואלט איך זיינע

זיא האט זיך ווידר אנודר גזעצט בייא דעם פענסטר ; אונ האט
ארום גקוקט · דיא זון האט אן גהובן צו פאר גיין · דיא גאסן פון דער
שטאט רושן נאך פון מענטשן . יעדר הט פר לאזט זיין ארבוט · אונ
איז אהיים גלאפן זיך צוא פרייען מיט זיין ווייב אונ קינדר אין דעם
הייליגן יום טוב סוכות · איטליכער לופט זייער פרייליך · נאר אבר תמיד
זיצט זייער טרויעריג · אירע אויגן קוקען אוף דעם ערשיינונג וואס עס איז
פר איר · איר הארץ אבר גלוסט צום ערשיינונג פון בית לחם :

דיא טויא האט זיך אוף געפונט . אונ מעכה איז צוא איר ארײן
גקומן · פאר וואס . ווירטון · האט מעכה צוא איר גזאגט . זאלסט דוא
זיין טרויעריג ווען יעדער איז פרייליך · דיינע גדאנקן פליען גאנץ
וויים ארום :

ניין · האט איר תמר געענטפערט · ניט ווייט פליען ארום מייני
גדאנקן · זיי שטייען נאר צווישן דעם לוטרן הוטל · אין דר פינסטערר
ערד · צווישן עמונן מיט צוריקקמן · זינט דיא זון איז אוף גגאנגן
שטייא איך אונ קוק ארום אוף עמונן מיין גליבטן · וואס ער דארף
אהער קומן · וויא ער האט מיר אין בית לחם צוא גזאגט · טוזענדער
מענטשן

מענטשן פון אנדרי שטעט קומן אן קיין ציון · נאר איין עמנון פעלט נאך · ווער ווייסט וואס אי- האט גטראפן · מייני גדאנקן ווערן צוא מישט אז איך טראכט פון דעם · דרובר זיץ איך טרויריג ·

דער טאג איז אוועק · עס איז גקומן דיא נאכט · וואס דער הייליגר יום טוב האט אריין גטרעטן · יעדער האט פאר לאזט זיינע בעסמיע מוערן · אונ האט זיך באזעצט אין דער היטע · זייער פרייליך איז אין דער גאנצר געגענד מען הערט גאר שרייען אין אלי ערטער · גוט יום טוב · דא פר זאמלן זיך צו נוף · אוף איין ארט · מען טרונקט · מען הייעט · תמר אבר זיצט נעבך פאר זארגט ביי זיך אין קאבינעט · וואס איר געליבטר איז ניט גקומן · מיט גרוס בייענקעז אונ זארגן האט זיא זיך אנודרגלייגט אוף איר געלעגר · אונ האט גהאט אגאנצי נאכט איין צו רידערטן שלאף :

דיא זון איז ארום גגאנגן פון איר נאכט געצעלט · אונ האט אירע שטראלן דורך דיא שפאלטן פון דיא פענסטר גווארפן אוף דיא שיינע קאליערינע פאר האנגן · וואס זענן גהאנגן ארום תמרס בעטל · פאר איין צווישן שייד צווישן דעם פונסטערניש פון דר נאכט · אונ דעם שיין פון דעם מארגן שטערן · אז ער זאל ניט אוף וועקן דיא איידעלע תמר :

אוף איר פר בוטערט הארץ פלועגן נאך ארום דיא נאכט · חלומות · פליצום האט זיא זיך אוף גחאפט · דורך דעם נאמן עמנון · וואס זיא האט מיט אים גרעט אין דעם גילדענם חלום · אונ מעכה איז צו איר צו גקומן אונ האט גזאגט צוא איר · שטיי אוף · ווירטון · עס איז שון צייט צו גיין אין טעמפעל אריין · בשעת זיא האט דאס גזאגט · האט זיא אוף גרעקט דעם פארהאנג · דיא זון האט גשיינט אוף תמרן · אונ תמר האט גזונגן ·

זון באלייכט

1

וויא זיס אונ ליב איז דער
שיינר מארגן ·
יעדר איז ערפרייט · מען הערט
יט זארגן :
נאך דער פונסטערער ·
שעמנר נאכט ·
דיא געגענד ווערט פון דער

2

נאר אבר מיר איז עס גאר ניט ליב ·
דער לעכטוגער טאג איז
אפונסטערע גרוב :
מייני גדאנקן האבן צווישן
זיך קיין שלום ·
אקייגן דעם זיסן גילדענם חלום :

זייא ניט אזו נאריש האט מעכה צוא איר גזאגט · צו גלייבן אין

אזונע

אזונע דומהייטן • דיא זון וואָרפט אריינם שיין אוף דיר • דיא חלומות אבר ווארפן אוף דיר פינסטערי שטנם :

תמר איז אוף גשטאנען • האט זיך אן גטון • אונ איז אוועק גגאנגען מיט מעכהן אין טעמפעל אריין :

אונ אלי ערטר זעהט מען גיין אגרוסן נאראד אין טעמפעל אריין : אונ תמר מיט מעכהן זענען גגאנגען דורך דעם ברוקל וואס דער קיניג (שלמה) האט אום גסטרויעט • פר איין דורך גאנג פון זיין פאלאץ אין טעמפעל אריין • עמנון • מיין גלובטער • האט תמר איבר דעם גאנצן וועג גשרוגן אלוואי איך זאל דיך גפונן צווישן דיא טוזענטר מענטשן וואס עס גייען דארט • ווארום פון טוזנט ביטט דוא מיר איינר גפעלן • נאר אבר וואס רעד איך • ווען ער זאל זיין אין ציון וואלט ער גוויס נאך גערכטין צו מיר גקומן :

אונ אלס זיא איז צום טעמפעל צוא גקומן • האט זיא דיא ווערטר מיט גרוס גוויין פאר גאט גבעטן • אלגיטגטטער גאט • שיטץ עמנונן מיט דיין האנד • אז קיין אונגליק זאל אים ניט טרעפן • ער האט מיר איין מאל זיין ווארט גגעבן אז ער וועט קומן צוא מיר • וועט ער עם גוויס היטן • הומלישער גאט • דוא ווייסט זיך יאה זיין טראכטן , זיין דינקען • אונ זיין ריין הארץ • שיטץ אים • אז קיין אום גליק זאל אים דארט ניט טרעפן • זיא האט זיך דארט פר זאמט אקערצע צייט • דר נאך האט זיא זיך מיט מעכהן אהיים אום גקערט • ווייא זיא איז אהיים גקומן • האט זיא זיך צוא איר מוטר תרצהן אן גרופן • איך וועל נאר עפים פריהשטיקען • דר נאך וועל איך אשפאציער מאכן מיט מעכהן • אונ ארום האלבן טאג וועל איך זיין צו רוק :

זיא האט איר דער לאנגט עסן • אונ יא האט אפ גגעסן • אונ איז אוועק גגאנגען מיט מעכהן : אונ אלע גאסן איז זיא ארום גגאנגען • אונ האט גקוקט פיליכט וועט זיא דער זעהן דעם • וום איר זעלע לעבט : אומזיסט אבר איז איר מיה גוועזן • זיא הט זיך פר זאמט ביז האלבן טאג • קום שון צו רוק • האט זיא מיט טרערן צו מעכהן גזאגט • דעם וום איך זיך • האב איך ניט גפונן :

אונ עמנון • האט זיך דר פרעגט צו ידידיהן • אונ איז אהין גקומן • בשעת תמר איז ארום גגאנגן אים זוכן אלס ער צוא ידידיהן אריין גקומן האט זיך ידידיה צו אים אן גרופן • ווער ביסט דוא שיין יונגל : אהירט ביי אבישין דיין אוף זעהרם שאף • הט ער גזאגט • עמנון • איז דיין נאמן • האט אים ווידר גפרעגט :

עמנון • איז אייער קנעכטס נאמן • האט ער אים גענטפרט • דוא

האט

הָאסְט עֶרֶעטֶעט מַיין טָאכְטֶר פוּן דֶעם לֵייבּ · הָט עֶר אִים גְּפְרֶעגְט :

מִיט גָאטְס קְרַאפְט וָוס עֶר הָאט גֶגֶעבֶּן אִין דַיין קְנֶעכְטְס הַאנְד · הָאס עֶר אִים גֶעֶנְטְפֶערְט · פוּן גָאט זָאלְסְט דוּא גְזֶעגֶנְט זַיין · הָאט יְדִידְיָה צוּ אִים גְזָאגְט · דוּא וֶועסְט מֶער קֵיין הִירְט נִיט זַיין · אִיךְ וָועל דִיךְ מַאכֶן פַר אַהֶער אִין צִיוֹן · דַיין בַּאלוֹנוּנְג אִיז מִיט מִיר :

אוּנ רְצָה הָט זִיךְ צוּ עַמְנוֹנֶן אָן גְרוּפֶן · טוּא אוֹס · עַמְנוֹן · דַיינִי הִירְטֶן קְלֵיידֶר · אוּנ בַּאקְלֵייד זִיךְ מִיט נַייעֶ קְלֵיידֶר · וָוארוּם דוּא וֶועסְט מֶער קֵיין הִירְט זַיין :

זִיא הָאט גְהֵייסֶן אִירֶע בַּאדִינֶערְס · אוּנ זֵיי הָאבֶּן אִים אַרַיין גְפוּרְט אִין אַיין בַּאזוּנְדֶר צוּמֶער · אוּנ הָאבּ אִים אִיבֶּר גְקְלֵייד נָאךְ דֶר שֶׁענְסְטֶר מָאדֶע · אוּנ הָאבֶּן אִים צוּ רוּק גְבְּרַאכְט אִין שְׁטוּבּ אַרַיין · אוּנ יְדִידְיָה הָאט זִיךְ צוּא אִים אָן גְרוּפֶן · זִיטְץ דָא מִיט תֵּימָנֶען בִּיז תָּמָר וֶועט פוּן דֶעם שְׁפַּאצִיֶער קוּמֶן ; יְדִידְיָה אִיז אַוֶועק גְגַאנְגֶן · אוּנ נָאר תֵּימָן אִיז מִיט אִים אִיבֶּר גְבְלִיבֶּן · מִיט גְרוֹס פְרֵייד הָט עֶר אָן גְנוּמֶן עַמְנוֹנֶן בַּיי דֶער הַאנְד אוּנ הָאט אִים אַרַיין גְפוּרְט אִין תָּמָרְס צוּמֶער · אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּא אִים · בַּאלְד וֶועט תָּמָר צוּא רוּק קוּמֶן · אוּנ וֶועט שׁוֹן גָאר נִיט דֶר קֶענֶן אִיר עֶרֶעטֶער · וָוארוּם דִיא קְלֵיידֶר הָאבֶּן פַר עֶנְדֶערְט דַיין גֶעזוּכְט · אוּנ וִוי שֵׁיין פַּאסֶן זֵייא דִיר :

נָאךְ שְׁמוּסֶן זֵיי צְווִישֶׁן זִיךְ · אִיז תָּמָר אַרַיין גְקוּמֶן מִיט אִיר מוּטֶר אוּנְטֶר דִיא הֶענְד אִין שְׁטוּבּ אַרַיין · אַלֶס זִיא הָאט דֶער זֶעהְן עַמְנוֹנֶן אִיז זִיא רוֹט גְוָוארְן · אוּנ מִיט גְרוֹס פְרֵייד הָאט זִיא אוֹס גְשְׁרוּגֶן · דֶער עֶרֶעטֶער פוּן מַיין זֶעלֶע זֶעה אִיךְ בַּייא מִיר אִין שְׁטוּבּ ; אוּנ עַמְנוֹן הָט זִיךְ אוּף גְהוֹבֶּן פוּן זַיין שְׁטוּל · אוּנ אִיז זֵייעֶר אִיבֶּר רוּשְׁט גְוָוארְן · הָאסְט גְהַאלְטֶן וָוארְט · הָט תָּמָר צוּ אִיר גְזָאגְט · דְרוּבֶּר וֶועל אִיךְ אִין דִיר אֵייבִּיג נִיט פַר גֶעסֶן · תִּרְצָה הָאט אִים זֵייעֶר שֵׁיין אוּף גְנוּמֶן · אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּ אִים · נִיט מֶער וֶועסְט דוּא קֵיין הִירְט זַיין · דֶר פַר וָוס דוּא הָאסְט בִּיז יֶעצְט גְרוּהֶט אִין אַהִירְטֶן גְצֶעלְט · וֶועסְט דוּא הַיינְט רוּעֶן אִין צִיוֹן אִין דֶר שֶׁענְסְטֶר וֶועלְט :

אוּנ תֵּימָן וָוס עֶר הָט פוּן עַמְנוֹנֶן זַיין אוּנ נִיט אַרָאפּ גְלָאזְט דִיא גַאנְצִי צַייט · הָאט זִיךְ צוּא תִּרְצָן שְׁטוּלֶערְהַייט אָן גְרוּפֶן · עֶר אִיז אָהְנְלִיךְ צוּם יוּנְגֶל וָוס דֶר גְרוֹס פָּאטֶר הָאט אִין חָלוֹם גְזֶעהֶן :

אוּךְ תִּרְצָה הָאט עֶס בַּאמֶערְקְט בַּאלְד · נָאר זִיא הָאט עֶס אִין זִיךְ טִיף בַּאהַאלְטֶן · אוּנ דֶר רֶעכְטֶר זַייט פוּן תָּמָרְס וואהְנוּנְג אִיז גְפְלַאנְצְט אַנָארְטֶן · אַלֶערְלֵייא בְּלוּמֶן שׁוּקֶן אַשֵׁיינֶם רֵיחַ אִין אִיר קַאבִּינֶעט אַרַיין · וָואס עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אוֹס גְפוּצְט · אוּנ דֶר לִינְקֶר זַייט אִיז דֶר פַּארְק

פוּן

פון דר קרון שטאט־ירושלים :

בשעת זיא זענן דארט אלע גזעסן • איז צוא גקומן פון דער גאס איינר צום פענסטר • אונ האט עפיס גשאקלט מיט דיא ליפן • באלד איז תימן צוא גגאנגן צום פענסטר . אונ האט גזעהן • וויא אבוואהרטר מאן שטייט • אונ פון זייני מינעס האט מען דער קענט אז ער האט גנומן אביסל בראנפען :

ווער ביסט דוא • האט אים תימן גפרעגט • פון דעם לאנד חברון • האט ער אים גענטפערט • אפנים אגוט ביסל משקה איז דא אין דיין שטאט • האט תימן ווידר גזאגט צוא אים מיט גלעכטר • זאלסט אבער וויסן • האט ער אים גענטפערט • וויא גוט דר וויין איז צוא דעם שוואכן מענטשן צום צוא בראכענם גמוט • וואס פלודערסט דוא שכור • אין דרוסן • האט תרצה צוא אים גזאגט • האסט עפיס צוא זאגן קום אין שטוב ארײן :

קוקט ניט דרוף • האט ער איר גענטפערט • וואס איך פאל פון דיא פיס • דר שיין פון מייני אוגן איז נאך לעבטוג פר מיר • איך זעה ביי אייך אין שטוב דעם וואס הט מיט מיר גוטץ גטאן • פון דעם לאנד חברון בין איך קיין ציון אוף יום טוב גגאנגן • אין סוטן וועג אבער זענן מיך באפאלן מערדער • אונ האבן מיך בארא בוויט פון קאפ ביז פיס • אלי שאף וואס איך האב גמורט צו אפערן פר גאט • האבן זייא בייא מיר צו גנומן • אונ האבן מיך איבר גלאזט נאקט אונ בלוז • איך האב מיך גוואלט בריהן אקיינן זייא • איך האב אבער גזעהן • אז איך קען גאר ניט מאכן • האפט זיא דר שווארץ יאר • האב איך זיך גטראכט אבי איך זאל חאטשי לעבן בלייבן • נא • ווי פר שייט איר • איז עפיס שיין צוא קומן קיין ציון פר גאט ליידיג • אונ בפרט נאך מיט אלײדגן סאגן • ווארו טוט הינגעריג בין איך געכטין קיין ציון אן גקומן • איך בין גגאנגן פון שטוב צוא אלי רייכע לייט • אונ האב זייא גבעטן • זייא זאלן מיר עפיס געבן אין מול ארײן • ווער • וואס • זייא האבן מיך ארום גטריבן מיט דעם וואס איך בין גקומן • ווארום בייא זייא הייסט נאר דער אגאסט • וואס גייט אשיינם ראק אן גטון • אונ איך האב זייא מיט דעם גענטפערט • דער פאר זאל אייך גאט קיין מאל ניט העלפן אין אייערי נוטן • אונ בין אוועק גגאנגן מיט איין פאר ביטערט הארץ • קוים וואס איך בין נאר אוועק גגאנגן • האט מיך דער זעהן דאס שיינע יונגל • אונ אין איין מינוט ארום האט אים שון מיין בויך אונ מיין לייב הערצליך גדאנקט • עסן • אוך קליידר אוף דעם לייב האט ער מיר גגעבן • אוך עטליכע גראשן אין קעשינע ארײן אוף

יו״ט

יום טוב · נאר אבר גיך איז ער פון מיר אוועק · אונ האט אפילו קיין דאנק פון מיר ניט גקומן · דיא גאנצי נאכט האב איך קיין אונ ניט צוא גטון · ניט אנדרש · האב איך גטראכט · עס איז נאר אמלאך פון דעם הומל · אונ פון גאנץ פריא אן גיה איך אים ארום זוכן · איך האב אים דר זעהן · אונ בין צו אים צוא גלאפן צו דאנקן אים פר זיין גוטץ · ער האט זיך אבר גמאכט פרעמד צוא מיר · אונ האט גזאגט צוא מיר · ניט איך בין דער וואס איר זוכט · אונ איז אוועק גגאנגן · איך אבר האב אים נאך גקוקט וויא אהין ער גייט · ביז ער איז צו אייך ארייון גקומן · אצונד זאגט אליין · איז ער ניט ווערט · איך זאל אים דאנקן · איך וועל ניט אוועק גיין · ביז ער וועט מיר מודה זיין אז ער איז עס · גייא צוא עמנון · האט תרצה גזאגט מיט גלעכטר · אונ נעם אדאנק פון אים · עמנון איז צוא גגאנגן אונ האט גזאגט צוא אים · הער אוף צוא פלודערן · שווארץ יאר · שווער מיר · האט ער אים געגנטפערט · אז ניט דוא ביסט דער וואס איך דארף · ער הט רעכט · האבן זייא אלי צוא זאמן גזאגט · אונ עמנון האט זיך צוא אים אן גרופן · וועסט קומן מארגן צוא מיר אהיים · דוא ווייסט דאך וויא מיין וואנונג איז :

זייער הייליג זענען מיר דייני ווערטר · האט ער אים געגנפערט · אונ ביא דעם גאט וום רוהט אין ציון · שווער איך דיר · אז ווס מער דוא וועסט עס וועלן פאר דאנקן · וועל איך עס אלץ פאר יעדן ענטדעקען · איז דאס דען אשאנד פר דיר · אלוואי וואלטן אלי רייכע קינדר פון ציון אזא הארץ גהאט וויא דוא :

וויא ער האט זיין שמום גענדיקט איז ער אוועק גגאנגן פון דעם פענסטר · אונ אלי האבן זיך פאר וווּנדערט איבר עמנונס גוטקייט · באלד איז אוך עזריקם אן גקומן · אונ דער שכור אז ער האט אים דר זעהן אריין גיין האט ער זיך נאך אמאל אום גקערט · אונ הט זיך צוא זייא אן גרופן · אט דער וואלד יונג האט מיך נעכטין ארום גטרובן מיט לוידוגע הענד · אונ האט נאך אין מיר אן גשריגן · ער איז דאך דאכט זיך רייך · נאר אבר ער איז בייז וויא אשלאנג · וואס ניטצען אבר אזונע פארלעצים אין ציון · האט עזריקם מיט כעס גשריגן בשעת ער איז זייער פר שעמט גווארן · קארג שכורים זענן דא היגע · וואס קומן זיך נאך צוא נוף פון אלדע שווארצי יאר · טראג זיך אפ גשווינד פון דאנעט · ווען ניט וועל איך דיך אן לערנן · וויא אזו צוא רעדן מיט אהערם אזון :

גנוג רוטר זענן אן גגרייט · האט ער אים געגנטפערט · פר דיא רייכע לייט וואס האבן פר מאכטע הענד · זיי אליין זופען אונ פרעסן · אונ

די ארוסאן איז ביי זייא געשענד ׃ שטולר ׳ האט עמנון צו אים גזאגט .
ווייס מיט וועמן דוא רעדסט ׳ מיט אהערם אזון ׃

מיט אהערם אזון ׳ האט דער שכור אגשריי גטון . ניין . צווישן
הערן איז ער ניט גרעכינט ׳ נאר צו דיא אקסן פון ציון קער ער ׳ גיך
איז ער אנטלאפן צווישן באריאד ׳ ווארום ער הט דער זעהן אז עזריקם
איז ארום גלאפן אים חאפן . אונ תימן בשעת עזריקם איז ארום גגאנגן ׳
האט ער צו עמנונן גזאגט ׳ ווייס עמנון ׳ אז דאס איז עזריקם ׃ צוא
אים איז תמר באשטעלט ׳ איך האף ׳ ער וועט דיך גוויס באלונן ׳
דר פר וואס דוא האסט אזא גוטץ גטון מיט זיין גליבטער ׃

אונ עזריקם אז ער איז אניין גקומן אונ האט געזעהן ׳ אז תימן רעט
אזו פריינדליך מיט עמנונן ׳ אונ אוך תמר לאזט פון אים קיין אוג
ניט אראפ ׳ האט ער זיך צוא תרצהן אן גרופן ׳ ווער איז דאס יונגל .
פון וואנט איז ער ׳ דאס איז עמנון ׳ פון בית לחם ׳ האט זיא אים
געענטפערט ׳ וואס ער האט תמרן ערעטעט פון דעם טוט ׃

אט דאס איז עמנון דר פאסטוך . הט עזריקם גזאגט ׳ זייער צוא
פרודן בין איך פון אים . אונ זיין הערדע (סטאדע) פעלט קיין מאל
קיין שעפילע ניט ׳ גוט באלונן וועל איך אים דר פאר ׳ ער וועט פון
אצונד אן ווערן בייא מיר דער אוף זעהר איבר אלי פאסטיכער ׳ נאר
איינם וווּנדערט מיך ׃ ער איז דאך אפאכטן ׳ דאך גייט ער גקלייד
וויא דער גרעסטר הער ׃

קליידר קען מען איבר בייטן אלי מאל ׳ הט זיך תמר מיטנגלעבטר
אן גרופן ׳ אבר דאס הארץ קיין מאל ׃

האסט רעכט תמר ׳ האט עזריקם גזאגט . מיט כעס ׳ אוך דוא
האסט דיין שלעכט הארץ ניט פר בוטען ׳ איך פרעג דיך ׳ וויא קומט
צוא אפסטוך אזונע קליידר . אונ דוא ענפערסט מיר עפיס אנדערשט
אונ תרצה אז זיא האט גזעהן ׳ דא וועט עפיס ארוס קומן פון זייער
שמיעס . האט זיא זיך צו זיי אן גרופן ׳ גייט בעסר ׳ מאנספערזאהנען ׳
אין דר היטע אריין ׳ אונ נעמט דר ווייל עפיס אין מול אריין ביז סיין
מאן וועט קומן ׃

איך וועל ניט נעמן קיין גאנצי זאך אונ מול אריין ׳ ביז עס וועט
מיר זאגן איינר פון דיא פריעסטר ׳ אז מייני שאף האט מען שון
גפורט אוף דעם אלטר ׃

פאר וואס גיסט דוא בעסר ניט דיא אריטע לייט עפיס צוא עסן ׳
האט אים תימן גפרעגט ׳ עט . האט תמר גזאגט מיט גלעכטר . נור
וועט זיך אפ געבן מיט אזונע פארליע מיגמשן ׃

ביא אזעלכי הענט • זאל דאס מול־פר געסן
וואס אזבייט איז געשענט • אוך אין עסן :

דם בעסטע איז מען זאל זיי אוס שטראפן פאר זייער פולקייט • בין זיא וועלן אוף הערין צו קריכן אין דיא שטיבר • וואס רעדסט דוא טאכטר • הט תרצה גזאגט זייער פו ווינדערט :

גלייב מיר • מאמע • האט איר תמר גענטפערט • דיא לעהרע האב איך ניט פון מיין קאפ אוס גטראכט • נעכטין האב איך זיא גהערט פון אהערם אזון • בשעת זיא הט דאס גזאגט • איז עזריקם זייער פאר שעמט גבליבן • ווארום זיא האט גווינקן מיט דעם פונגר אוף אים • וויא זיי שטייען אזו • אונ קוקן זיך איינם דאס אנדרי אן • איז עזריקם משרת אריין גקומן • אונ האט אים עפים איין גראמט אין אויער אריין • עזריקם איז באלד אריין גלאפן אין שטוב אריין :

וויא ער איז נאר אוועק גגאנגן • איז באלד גקומן נאך איינר אים רופן • תרצה האט אים דארט אוף גהאלטן • אונ האט אים גגעבן אבוסל ווין • ער זאל איר דר ציילן • וואס ביא עזריקמן איז עפים נייעס גשעהן • דר משרת האט זיך ארום גקוקט אומעדים • אונ האט זיך אן גרופן • דא בין איך ערשט גוואר ווערן אז היינט איז יום טוב • ניט אבר אזו איז ביא מיין הער אין שטוב • דארט איז אלץ איינם יום טוב מיט וואך • אוסער דעם שטוקל בארן ברוט האב איך היינט ניט פר זוכט קיין איינציגע זאך • האלט מיך ניט אוף לאנג • הט תרצה צוא אים גזאגט • ווארום איך בין נייגעריג צו וויסן :

איר ווייסט • מיין ווירטון • האט ער גזאגט צו איר • אז יורם פלעגט זיך אלי יום טוב מאכן אמאל צייט פאר פיר הונדערט ארומע לייט • זינט אבר עזריקם הט אן גהובן צו רעגירן • האט ער אוף גהערט צוא מאכן • ער האט אן גזאגט עבן • אז ער זאל זייא פאר שטיפן דאס מול מיט אקליינקייט • אונ עבן איז זיך אלץ איינם שווארץ יאר וויא ער גערכטין ביא נאכט זענין זיך צו נוף גקומן דיא ארימע לייט צוא זעהר גרייטן טיש • צום סוף איז ער ניט גדעקט גוועזן • אונ עבן האט זייא ארום גטריבן מיט דיא ווערטר • מיין ווירט וועט קומן וועט איר גיין צו אים • וועס קריכט איר צוא מיר • איך בין נאר אשטעקן ביא אים • היינט גאנץ פריא זענן גקומן צוויא ארימע לייט • אונ האבן גזאגט צו עבנן • דער פאר וואס דיין ווירט האט אונז אזו פר שעמט • וועט זיין אזא צייט וואס דיא ערד וועט זיך מיט אים ניט וועלן קענן • דרובר האט מיך עבן גשוקט איך זאל אים רופן • ווי ער שטייט אזו אונ זעער ווילט עם איר • איז עזריקם אן גקומן • ווי ער הט דער זעהן זיין משרת

דארטן

דארטן שטיין · האט ער אן גהויבן קרוצן אויף אים מיט דיא ציין · גלייך וויא ער וואלט אים גערן איין גשלונגן · ער האט אגשרייא גטאן · אז איך זאל זיך אהיים אום קערן · אונ ער האט זיך אן גרופן · גאט האט מיך גזעגנט מיט אזא גלוק · מיט אזא רייכטהום · נאר אבר משרתים האט ער מיר גגעבן בלוז גקלויבענע שכורים · לייד־אקעם · פון דעם גרעסטן ביז אין קלענסטן איז ניט דא איינר ארעכטער · זונט איך בין צוא לייט גוואָרן · האב איך אויך עכן ארויף גלייגט · ער זאל זיין דער מכניס אורח · ער זאל געבן צדקה · נוא · זאל איך מיך רעכטן · אז ער וועט זיך אן שכורען · אונ וועט דיא ארימע לייט ארום טרייבן מיט ליידיגע הענד · אונ איך זאל ליידן אומזיסטע קללות · דאס וועלן זיי שון פולן פון אצונד אן · זיי וועלן זיך שון ניט באדן אין אלם גוטן ווי ביז אהער נאר אום גזעצט וועט מען זייא געבן דאס שטיקל ברויט :

איך אבר · האט תמר גזאגט מיט גלעכטער · איך טראכט אבר אז שון וויא לאנג גוט מען זייא אום גזעצט · אונ דאס וועט בייא זייא קיין גרויסע קארע ניט זיין :

עזריקם האט אויף איר גקוקט זייער בייז · נאר ער האט איר ניט גקאנט אפ ענטפערן דרויף · ווארום ידידיה איז גקומען מיט דרייסיג פראפעטישע קונדר · אויך מיט סתרין אויף דעם מאל צייט · וואס הערט זיך עפעס ביי מיין ברודר אבישי · האט סתרי עמנונן גפרעגט · דאנקן גאט · האט ער אים גענטפערט · אונ תמן וואס ער איז לעבן פענסטער גשטאנען אונ האט ארום גקוקט · האט אגשרייא גטאן · אט גייט אויך אבישי · צו אונז · ער האט אויף גפונט דיא טיר אונ אבישי איז אריין גקומען · אונ ידידיה האט זיך צוא זייא אן גרופן · מיט וואס קען מען אויך עמנונן אפ דאנקן פאר זיין גוטץ וואס ער האט מיט מיין טאכטער גטאן :

איך ווייס וואס ער לעבט · האט סתרי אים גענטפערט · דם בעסטע איז בייא אים בילדינג · ער זאל אלם לערנן · אויך אין בית לחם גוט ער זיך שטענדיג מיט דיבב אפ :

זאג אונז עמנון · האט ידידיה צוא אים גזאגט · וואס דיין פערלאנגן איז :

מיין פערלאנגן איז · האט ער אים גענטפערט · האבן איין אייגאנג צווישן דיא פראפעטישע קונדר :

געמט אויף גלערנטי קונדר · האט ידידיה גזאגט עמנונן · זיין פאלאנג איז נאר דאס :

דער טיש איז שון גדעקט אין דר היטע · האט זיך תרצה אן גרופן נייט זעטצט זיך צום טיש :

7

דיא אויגן פר שיינט · אוך אפילו קבצנים ·
דר ריינר בריליאנט : זענן אוף אים באגנים :
אז מען האט אגילדינע מטבע דער טאפט ·
וואלט זיא איטליכער גערין אום גחאפט :

דיא היטען ידידיהס איז גוועזן אין אשיינם גארטן צווישן הויכע פלומן (לולבים) ביימר ארום גפלאכטן מיט יונגע צווייגליך · ארום דר היטע איז אום גזעצט מיט ארדענונג אלערלייא ארטען בלומן · אונ דר אנדרר זייט פון דער היטע ריעזעלט אלוטר וואסריל · אונ דער היטע שטייט גדעקט אטיש · מיט זילבערן גיפעס · אונ ארום טיש שטייען פאר גאלדעטע שטולן · מיט פאמס סאמד גבעט · ידידיה מיט אלי אין וואהנער האבן זיך גזעצט ארום טיש · אונ תרצה הט דר לאנגט עסן · טרונקען · אונ תמר האט ארום גקוקט דורך דעם פענסטר ווס עס איז אפען גוועזן אין גארטן ארין · זיא האט גווארפן אירע בליקן אוף עמנון איר ערעטער · זיא הט זייא אבר באלד גמוזט צו רוק נעמן · ווארום דארט זוצט אקיגן דער · וואס איר זעלע ליבט ניט קיין מאל · אזו ווי אדימאנט אין אלייבן גרוב · ווס עס איז זייער באנק אים איבר צו לאזן · אונ דאך ציטערט מען פר דעם ווילדן לייב · אונ ידידיה הט זיך אן גרופן · וויא זיס אונ ליב איז · אז פריינד זוצן צוא זאמן זייער רוהיג · אזו זאלין מיר זיין תמיד רוהיג · אן איין איינציגע שרעק פון סנחריבן דעם קיניג פון דעם לאנד אשור :

עס איז נאר איין אומזיסטע מורא האט סתרי גזאגט · רוהיג וועלן מיר זיין שטענדיג · וויא גאט האט אונז גזאגט דורך זיין היילגן נביא · לאמיר ליבער זונגן · אפרייד גזאנג · לאז אונז עמנון זונגן · האט ידידיה גזאגט · ווארום אבישי האט מיר דער ציילט אז ער איז אשיינער זונגער :

וויא קען איך מיך איין שטעלן · האט עמנון גזאגט צו עפונגן דאס מול פאר אזונע פאר נעמסטע לייט · נאר דאך אז איר האט עס מיר פאר גלייגט ווי אזו קען איך אזא עהרע פון מיר אוועק לאזן · ער האט ניט לאנג גווארט · אונ הט באלד אן גהובן זונגן :

נאר

1

נאר צוא דיר גאט • איז אונזר
ארום קוקן •
צוא דיר טוהן מיר אונזרע
טרערין שוקן :
רעכטיג זאל זיין אין דר קרון
שטאט ציון •
ווי דוא טוסט פון אייביג אן רועהן :
זייא אונז מיט העלפיג אין דר
שלאכט •
נעם דיין גטרייא פאלק גוט
אונ אכט :

2

אוף היינטיגס מאל זאלסט דוא
אונז שיטצען •
גרוסר גאט • וואס טוסט וועם
הומל באזוצן :
עפין אונז אוף דיין גוטע האנד •
אונז מיט צו העלפן פון דיא פיינד :
וויא מיר זענן גוואָרן פון
עגיפטען באפרייעט •
ועסט דוא ווערן איבר גייעס
ערנייעט :

3

אוי סנחריב • פון אשור •
סטראגר קיניג •
דיין מיה • איז אומזוסט • דיין
חיל ווייניג :
דער גרוסר גאט • וואס זיצט
אין הימל •
ער איז תמיד וואך • ער האפט
קיין דרומעל :
וויא איז דיין שכל • וויא איז
דיין טאלק •
ער גייט שיצען זיין ליב פאלק :

4

אזו ווי אין אלי גוועזינע שלאכטן :
וועט ער אונז אוך היינט הוך
אכטן :
ער וועט אונז שיטצען מיט
זייני פלוגל •
אזו ווי דורך אהערן שפוגל :
דעמאלט וועסט דוא סנחריב •
אונזר פיינד •
ארום זעהן דיין חרפה דיין
שאנד :

5

אונ רוהיגע היטען זאלסט דוא
אונז באזעצן •
כדי מען זאל דיך נויסן וויא
צו שאצן :
נאר אוף גאט קען האבן
פערטרויען •
אוף זיין ווארט קען מען איין
ווארט בוען :
מיט פרייליכע געמוטר דיך
צו לובן •
נאר גאט איז איבר אלי ערהובן :

אלי פראפהעטישע קונדר האבן זיך שטארק פאר ווינדערט אוף זייני
זיסע שטומן • אונ אוף זייני זיסע ווערטר • וואס האבן זיך וויא פעריל
גשוט פון זיין מול :
ווען ער זאל זיין פון דיא לעוויטען (שבט לוי) • האבן זייא גזאגט •
וואלט

וואלט ער זייני שטומן גמאכט הערן אין דעם הייליגן טעמפל (בית המקדש) · ווען ער זאל בעסר זיין בו· יט· נאם (נתן) האט זיך תמר אן גרופן צוא מעכהן שטולעהייט אונ האט פון אים קיין אונ גיט אראפ גלאזט · אונ עזריקם הט זיך מיט כעס אן גרופן · אזונע זינגערס איז דא גנוג אין ציון · נאר ווער קוקט זיך גאר אום אוף זייא · ניט אבער אזו זענן דיא בויערן · דיא ערד ארביטארעס אונ דיא פאסטיכער · זייא זענן ליידיג פון געטליכע וויסן שאפטען · אונ קענין כמעט מיט קיין מענטשן ניט רעדין · דרובער אז איינר איז קלאמירשט ניט אזו גראב · איז דאס ביא זייא אנאווינע · איטלכר רימט אים · דאס איז אגילדענע סחורה · דאס איז אפיינער יונג :

פר ציה מיר · האט סתרי צו אים גזאגט · אז איך וועל דיר עטליכע ווערטר רעדן · אוך איך בין איין וואהנר פון אדארף דרובר צווינגט עס מיך צו רעדן :

אמת טאקע אז כבוד ריהט אין דיא שיינע פאלאצען · געטליכע וויסן שאפטן אין דיא הערליכע געלטן · נאר אבר גאטס פורכט רוט נאר אין דיא דערפר · חאטשי זייא זענן ווייט פון דעם טעמפעל · נאר אבר גאט איז שטענדיג נאהונט צוא זייא · אונ אלי פיר צייטן פון דעם יאר ווערט גאט צו זייא באקענט · דא מאכט זיך אז עס גייט ניט קיין רעגן · פאר זאמלן זיך אלי בויערן · הייבן אוף דיא הענד צום הימל · אונ בעטן גאט · ער זאל זיי זיין זעגען שוקן · אמאל ווידר איז אגיראטן יאר · דיא תבואות אלי זענן פארטיג · דא הערט מען אשיין גזאנג פון דיא פעלדר · זייא פר זאמלן דיא תבואות אונ דיא קאמרין ארין · אונ דאס איבעריגע גובן זיי אוועק ארימע לייט · געכטוגט נאר אמאל אין דיא דערפר · וועט איר זעהן · וויא דער איין וואהנר שטייט אוף גאנץ פריא · ווען דאס פינסטערניש רעגירט נאך · אונ גייט ארוס אין פעלד ארייין צו זייער ארביט · אונ דיא ווייבר · דיא אום גפאסיטע וויא דיא אקסן · פר פארטוגן דר וייל אין דר היים זייער ארביט · צו פאר זארגן יא הוז מענטשן מיט עסן מיט קליידר · ווס זיי מאכן אליין פון וואל זון פלאקס · זייא פר זאמן זיך אין פעלד ביז דיא זון טרעט ארוס מיט זיר גאנץ שיינקייט · אונ צווישן דעם גזאנג פון דיא פייגל · מישט ער זוך ארייין זיין מארגן גבעט · דער נאך קערט ער זיך אום אהיים · אלי יוני קונדר שטייען אוף · דאס ווייב לופט אים אקייגן · זייא זעטצין יך אלי צום טיש · אונ דאנקן זייער עריגסט גאט פאר זייני גשענקע זו פאר ברענגן · זייא זיך דיא צייט מיט גרום פאר גנוגן ביז עס ווערט עבט טאג :

אונ דר איין וואהנער פון דער שטאט אבר לונט נאך דעמאלט אוף זיין געלעגר · ער קערט זיך ערשט אום אוף דר אנדרר זייט · קוים איז דר פולר שון אמאל אוף גשטאנן · אונ גייט ארום אפאר טריט בייא זיך אין שטוב · גוט ער אנגשרייא אוף דעם משרת · אז עס ווערט אזש אנצומערט · ער האפט גיך אונ וואשט אים אפ אונ פיצט אים אום וויא אהיקצערנם גאט · ווס ער הט קיין הענד אליין צוא טאן · ער ברענגט אים אריין קליידר · אונ ער גוט אים עטליכי קלעפ פאר שכר טרחה · ווארום אים שמעקט גאר ניט דיא קליידר אופן לייב צוא נעמן · אים פאסט גאר אמיטץ פון (צור) · אונ אזשילעט פון (צידון) · אווי דומהייטן · ווען איך זאל איבר ציון רעגירן · וואלט איך שון אפ גרופן דעם האנדיל פון אלדע שווארצי יאר אין אונזר לאנד · קארג פאבריקן זענן דא היגע · וואס מען דארף זיך ארום ברענגן קליידר פון ערגיץ אנדרש · קארג וואל איז דא פון אונזרי שאף · וואס מען דארף נאך זוכן פון אום לאנד · קוים הט שון דר פיינר בריה זיך אום גפוצט גייט ער זיך ארום אוף דר גאס · דארט באגעגנט ער שון זיין געזעלען · אוך אזונע פריצים וויא ער · זייא גייען אין אשענק הוז אריין · אונ מאכן דארט אטרונק :

דארט אין דיא גאסן פליט ארום דאס פאלשקייט פון אייגם צום אנדרן · מיט דעם מול רעט ער מיט יענם גאנץ רוהיג שטול · קוים ווי מען הערט אוואורט · אונ הארצן אבר איז ער אים אפיינד אוף מעסי שטעך · אוך אפילו אין דער אמתער זיסר ליבע · איז אוך איי אונטערשיער צווישן דיא דארפם לייט מיט דיא גרום שטעטיגע מענטשן ווי פיל מענטשן · וואס יאגן גאר נאך כבוד אונ געלד · פר קופן זייער קונדר צוא אשטוק הארץ וואס זיא איז פון אובן מיט גאלד באדעקט אבי עס זאל האבן איין גלאנץ · דר נאך אבר אז דאס גאלד רייבט זי אפ · זעהט מען ערשט ארום וואס פר אצרה מען האט אן גקרוגן · די ווייבליך געביך ליידן אזא ווייטוג · וואס עס איז ניט אן שטענדי פר יענם ענטדעקן · זייא גייען נעביך ארום גפרעסט מיט צרות · זיי ווערן פאר וועלקט וויא בלומן אז זייא דער שמעקן אפראסט · א האבן דיא שטאט לייט קיין מאל קיין ריה · אוך אפילו ביי נאכט נעמ זייא קיין שלאף · ניט אבר אזו לעבן דיא דארפס לייט · דארט גוי גיט קיין כבוד · ניט קיין פאלשקייט · יעדר לעבט זיך רוהיג אונ צו פרודן מיט זיין ווייב · אונ מיט זייני קונדר · דרובר בלועז זייא אפי אין דער עלטר וויא פרושע בלומן · פרענט דיא גרעסטע דאקטור וועלן זייא אייך אוך זאגן · אז נאר אין דארף איז דאס גלייכסטע צ

וואהנן

נן · דארט גשעהט ניט קיין צענטיל שלאפקייט וויא אין דער
זר שטאט · ווען איר זאלט מיך פאלגן · מיינע פריינד · וואלט איר
לאזט אייערע שיינע טועכן · אונ וואלט זיך איבר גקליבן אין דיא
ני שטיבעליך פון בית לחם :

באהאלט דיינע רייד אוף איין תענית ; הט ידידיה צוא אים גזאגט ·
ילט וועט זיין גוט אום צוא שטראפן דיא שטאט לייט · ניט אבר
נט אום יום טוב · היינט איז גמאכט גווארן אוף עסן אונ טרונקן ·
: זיך פערגנוגן צוא מאכן :

ער האט אן גגאסן וויין ; אונ דיא געסט האבן גטרונקן · אוך
יקם האט גמוזט טרונקן · ער זאל זיך פר שלאגן דאס טרויעריקייט
ן זיין הארצן · איך האב גהערט זאגן · האט זיך ידידיה צו עזריקם
גרופן · אז עבן דיין הוז פירר האט נעכטין באליידיגט דיא ארימע
יט · טאקע איבר דעם האב איך זיך אוף אים היינט אן גבייזערט ·
אט אים עזריקם גענטפערט · אונ אצונד וועל איך שוקן איינם פון
יערע באדינרם · זאגן עבנן · ער זאל זייא דר פר באלונן :

זייער שיין · מיין זון ; האט ידידיה צוא אים גזאגט · פיר זיך אוף
רדענטליך וויא דיין פאטר יורם :

עזריקם האט גמוזט זיין דאס מאל · דר ווידר זיין נאטור · מקיים
וא זיין וואס ער הט גזאגט :

בייא נאכט האבן זיך דיא פראפהעטישע קונדר מיט ידידיהן אונ
מנונן אפ גזעגנט · אונ זענן אוועק גגאנגן · אונ עזריקם איידר ער
יז אוועק גגאנגן · האט ער גבעטן תמרן מיט תימנן זייא זאלן בייא
אים אוויזיט מאכן · תמר אבר האט אים אפ גזאגט · נאר תימן האט
ע' אים צו ליב גטאן · אוך זמרין האט עזריקם מיט גרופן :
לאט נאר עמנונן דר וייל ניט אוועק גיין · הט תימן גזאגט איידר ער
איז מיט עזריקמן אוועק גגאנגן :

אונ ידידיה האט צו עמנונן גזאגט פון דיינט וועגן · עמנון · האב
איך אן גגרייט דאס שטובל אונ דעם גארטן · דארט וועט דיין וואונונג
זיין · אונ דיין בעדערפניש איז אוף מיר :

ער האט אים ביי דר האנד אן גנומן · אונ האט אים אריין גפורט
אין שטובל אריין · אונ האט גזאגט צו אים · איך האב עס אומיסנע
... גימעבעלט פון דיינט וועגן · אוך אפידל האב איך דיר אן גגרייט
ווארום איך האב גהערט ; אז דוא ליבסט זייער דיא פידעל שפיל ·
מיינע ווערטר סטוען גאר ניט · האט עמנון גזאגט · אייך אפ צוא
דינקן פאר אייער גוטן וואס איר טוט מיט מיר · ידידיה האט זיך מיט
אים

אים גזעגענט · אונ איז אוועק גגאנגן פון אים · אונ עמנון איז אלי גבליבן זיצן ביי זיך אין קאבינעט זייער איבר רושט מיט זייני גדאנקן

אפרייליך גזאנג הערט זיך אין דר גאנצר שטאט ציון · יעדר לוי מיט אפרייליך געזונגט טווענדר לאמפען האבן באלייכט דיא שטאט וויא אין מיטן העלען טאג · אוך דיא לבנה האט אראפ גשיינט די דעם הימל זייער פארכטוג · אונ עמנון איז גזעסן · אונ האט ארונ גקוקט דורך דעם פענסטר פון זיין קאבינעט :

בשעת ער איז דארטין גזעסן איז אים פאר ביא גגאנגן תמר מיט מעכהן · זיא האט זיך אפ גשטעלט · אונ האט מעכהן אוועק גשוקט · אן רייסן איר בלומן · אונ זיא איז דר וויל צוא עמנונן צוא גגאנגן · אונ האט זיך צוא אים אן גרופן · זייער שיין ביסט דוא גווארן פאר גשטעלט אין דעם מרום · אלוואי דער חלום זאל באשייד ווערן · דעמאלט וואלסט דוא ביי דעם גרעסטן גליק גוועזן · אצונד זאג מיר עמנון · ווער זענן דייני עלטרן · פון וואנעט שטאמסט דוא ארוס · ביא דיא ווערטר איז עמנון גבליבן זיצן · אונ וויא פעריל האבן זיך זייני טרערין גקאטשעט · גלייב ניט · עדלע · האט ער גזאגט צו איר אין אנאריישן חלום · דען וואס זעסט דוא אונ דיין קנעכט · ווס ער זאל קענין גליקליך ווערן · אום גליקליך אונ אצונד בין איך גבורן · אונ אומגליקליך וועל איך ווידר ווערן פר לורן · מיין האפנונג וועט קיין מאל קיין בלוהט ניט טראגן · אוי · ארום באשעפניש · אוי · עלטרן מייני · ניט איין מאל האב איך אייך גגעבן · אוך אפילו ניט גהערט פון אייך · ער איז שטול גבליבן ווארום ער האט ניט גהאט מוטה צו רעדן · וויש אפ דייני טרערן · האט תמר צו אים גזאגט · ווארום דורך זייא פליעסן אוך מייני · פיל טייערי זאכן זעהט מען אין דיר שיינקיי אונ עדעלמוטהיגן גייסט · וויא איז נאך פאר אנדרן איין יונג פרוי אין דר וועלט · ווס זיא זאל דיך זעהן · אונ דיך ניט לובן · וויא איז אבר פר אנדרן אייגר אוף דר וועלט · האט ער איר געטפרט · ווס ער זאל רעכנן מיין שיינקייט פאר אריכטום · אונ מיין עדעל מוטהגען גייסט פר בכבודע עלטרן :

ווער ווייסט · האט אים תמר גזאגט מיט וון אפשר געפונט זיך אין ציון איינע וואס איין ליעבע איז ביא איר ליבער פון לעבן · אונ דע ווארציל פון דיין ארוס שטאמן וויל זיא גאר ניט זעהן :

זיא האט מער מיט אים ניט גקאנט רעדן · ווארום מעכה איז צוא גקומן · אונ האט איר גזאגט · אז תרצה ווארט אוף איר · זיא ווי אשפאציר מאכן מיט איר · אונ תמר האט אוך עמנונן מיט גרופן

אונ עֶנְן אַלִי צוּ זַאמֶן אַוֶועק גְנַאנְגֶן ׃

אונ תָּמָר ׃ אַז זִיא הָאט פוּן אִים גְהֶערְט ׃ אַז זַיינֶע עֶלְטֶרְן זֶענֶן אִים נִיט בַּאקָאנְט ׃ הָאט עֶרְשְׁט אִיר הָאפְנוּנְג אָן גְהוֹבֶּן ׃ אִין אִיר צוּ בְּרוּעֶן׃ וָוארוּם אַזוֹ הָאט אוֹךְ חֲנַנְאֵל גְזָאגְט פוּן דֶעם חָלוֹם ׃ זַיין גֶעבּוּרְט וֶועט זַיין פַר הוֹלֶן ׃ אִין אַקֶערְצֶר צַייט אָבֶּר וֶועט עֶס עֶנְטְדֶעקְט וֶוערֶן ׃

אונ עֲזְרִיקָם ׃ בִּשְׁעַת עֶר אִיז אַהֵיים גְקוּמֶן הָט עֶר גְפְרֶעגְט עֶבֶּן צוּ עֶר הָאט בַּאפְרִידִיגְט דִיא אָרִימֶע לַייט ׃ אַזוֹ וִויא עֶר הָאט אִים גְהֵייסֶן ׃ יָאה ׃ מַיין הֶער ׃ הָאט עֶר אִים גְעֶנְטְפֶערְט ׃ אִיךְ הָאבּ יֶעדֶן גְגֶעבֶּן תְּבוּאָה ׃ אונ וַויין גְנוּג ׃

דָא הָאט אִין עֲזְרִיקָם גְבְּרֶענְט דֶר כַּעַס וִוי אַפְלַאם פַייֶער ׃ עֶר הָאט אָבֶּר גְמוּזְט דֶעם פְלַאם אִין זִיךְ בַּאהַאלְטֶן ׃ אַזוֹ וִויא בְּלַייא וָואס עֶס בְּרֶענְט אִינֶעוֵוייְנִיג ׃ אונ קֵיין רוֹיךְ זֶעהְט מֶען נִיט אַרוֹיס ׃ בִּיז תֵּימָן מִיט זִמְרִין זֶענֶן אַוֶועק גְנַאנְגֶן ׃ דֶר נָאךְ הָאט עֶר עֶרְשְׁט זַיין גַאנְץ בּוּטֶר הַארְץ אוֹיס גְרָאזְט צוּ עֶכֶנֶן ׃

פוּן אַצוּנְד אָן ׃ הָאט עֶר צוּ עֶבֶּן גְזָאגְט ׃ אַז אִיךְ וֶועל דִיר זָאגֶן ׃ גִיבּ דֶעם אונ דֶעם ׃ זָאלְסְט דוּא גוּט קוּקֶן אוֹיף מַיינֶי רֵייד ׃ וָואס עֶס פַּאסְט מִיר אַזוֹ צוּא זָאגֶן ׃ אִיךְ מֶעג זָאגֶן ׃ וִויא עֶס לוֹינְט מִיר ׃ אונ דוּא דַארְפְסְט דֵיינְס טָאן ׃ פַר וָואס אָבֶּר זָאל אִיךְ זַיין דִיא צִיל צוּ דִיא קְלָלוֹת פוּן דִיא אָרִימֶע לַייט ׃ הָאט אִים עֶבֶן גְעֶנְפֶערְט ׃ שְׁטִיל פָּאדְלְיֶעץ ׃ הָאט עֲזְרִיקָם אַגְשְׁרֵייא גְטָאן ׃ דוּא דַארְפְסְט הֶערֶן ׃ זֶעהֶן ׃ אונ שְׁוֵויגֶן ׃ וֶוען נִיט וֶועסְט דוּא עֶטְלִיכִי יָאר וָואס דוּא הָאסְט בַּייא מַיין טַאטֶן אִין פֶערְגְנוּגֶן גְלֶעבְּט ׃ בַּייא מִיר אוֹיף דֶר עֶלְטֶר גוּט אָפּ בִּידְיוֶועְן ׃

אונ עֶבֶן הָאט גְמוּזְט זַיינֶי וֶוערְטֶר גוּט הִיטֶן ׃ וָוארוּם עֶר הָט גְצוּטֶערְט פַר זַיין שְׁלֶעכְטֶר הַאנְד ׃

דֶס גַאנְצִי הוֹז גְזוּנְד יְדִידְיֶהְס הָאבֶּן זִיךְ צוּ רוּק אַהֵיים אוֹם גְקֶערְט ׃ דִיא לַאמְפֶּען אַלִי ׃ וָואס הָאבֶּן בַּאלַייכְט דִיא שְׁטָאט ׃ זֶענֶן שׁוֹן אוֹיס גְלָאשֶׁן גְוָוארֶן ׃ נָאר וָואס מֶען הֶערְט דִיא וֶוערְטֶר פוּן דִיא שְׁטָאט שְׁוֵרייֶען ׃ גְלוֹיבְּט אִיז גָאט פוּן צִיוֹן ׃ דֶר בַּאזוֹצֶר פוּן יְרוּשָׁלַיִם הַלְלוּיָהּ ׃ אונ עַמְנוֹן הָאט זִיךְ אַנִידֶר גְלֵייגְט אוֹיף זַיין גְלֶעגֶר ׃ זַיין אוּמְרוּהִיג הַארְץ הָאט אִים נִיט גְלָאזְט קֵיין אוֹג צוּ טָאן ׃

טָאמִיר וֶועט נָאךְ תָּמָרְס פָאטֶר פוּן מִיר גְוָואר וֶוערֶן ׃ הָאט עֶר בַּייא זִיךְ גְטְרַאכְט ׃ וֶועט עֶר מִיךְ גְוִויס אַרוֹיס טְרַייבֶּן פוּן זַיין הוֹז מִיט גְרוֹיס שַׁאנְד ׃ אונ אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶער מַאנְט אִין דֶעם נָאמֶן עֲזְרִיקָם אִיז עֶר אַזוֹ עֶרְצוּטֶערְט גְוָוארֶן ׃ אוֹי ׃ תָּמָר ׃ הָט עֶר צוּ זִיךְ אַלֵיין גְשְׁרוּגֶן גְרוּסֶע בֶּעתֶן שְׁטַייֶען אַרוֹם דִיר ׃ וָואס דוּרְךְ זַייא קֶען אִיךְ צוּא דִיר נִיט

צוא טרעטן . אזו איז ער גלעגן דיא גאנצי נאכט . אונ האט גהאט אין צוא רוהערטין שלאף . גאנץ פריא . קוים וואס דער מארגן שטערן האט אן גהובן צוא שיינן . איז ער אוף גשטאנן . אונ האט גשפולט אוף דעם פידל אשיינם ליעד . וואס ער האט עס אוך מיט זיין שטימע גזונגן . אונ תמר האט אוך אגאנצי נאכט קיין אוג ניט צוא גמאכט . גאנץ פריא איז זיא מיט מעכהן ארום גגאנגן אין גארטן . ניט וויט פוו עמנונס שטובל . אונ האט דער הערט וויא עמנון זונגט זייער איין גנעהם מיט אטרויעריגע שטימע :

אשיינם בריליאנט :

1

רוהיג איז נאר . אין דעם
הירטן גצעלט .
פליה ניט גרוס . אין דער
שענסטער וועלט :
צוא וויס . נארישער מענטש .
האסטו עס פר לאזט :
לאז זיך באנוגן מיט דעם וואס
דוא האסט :

2

אזוי . תמר . פון אלי יונג
פרויען דיא שענסטע .
אפראסט שטענגדיל . גאר דאס
קלענסטע :
דיין ליבע צוא מיר איז מיט
אשטרוי גשפאנט .
דוא האסט עס איין גפאסט מיט

3

גרוס בריליאנט . פון דעם
רייפעלע דעם פראסטן .
דאס איין פראווען אונ דעם .
איז גאר אומזיסט .
אונ אגולדן רייפעלע : וואס עס
טוט מיליאנען קאסטן .
ועט מען וויסן . וואס פאר
אסחורה דוא ביסט :
רוהיג איז נאר אין דעם הירטן
גצעלט :
פר לאז צוין דיא שענסטי וועלט :
נאך וואס זאל איך האבן
אומזיסט מיה :
קיין בית יתם צו רוק וועסט דוא
האבן ריה :

אונ מעכה זונט זיא האט עמנונן אין בית לחם גזעהן . האט זיא זיך אין אים שטארק פאר ליבט . נאר וויל זיא האט גצוטערט פאר דעם פאר דרוס פון איר וירטון . האט זיא עס גמוזט אין זיך באהאלטן . אונ אצונד אז זיא האט גהערט עמנונס ווערטער . האט זיא זיך צו תמרן אן גרופן . וויא אום גליקליך נעביך איז עמנון . אומזיסט הט ער אוט גבוטן זיין רוהיג גצעלט אוף איין אומרוהיג לעבן . זיין האפענונג וויאלעט . ווארום וועגן דעם דייני עלטרן עס דיר לאזן אונ וואס זאגקם

דוא אצונד ווירטון :

דאס אלס האט איר מעכה גזאגט . כדי תמר זאל זיך באריכען און זאל אוף הערן עמנונן צו לובן ׳ לאז נאר עמנון אוועק פון ציון האט זיך מעכה גטראכט וועל איך אים נאך גיין . און וועל גוויס אים באלד הייראטען :

און תמר אבר האט איר אוף שטענדיג אפ געענטפערט . מיין הארץ ציט נאר צוא עמנונן . ער איינער האט מיין ליבע גוויגן . אוסער אים וועל איך קיינם ניט קענן ׳ איך האב האפנונג אז מיין דיינקען פון מיין הארצן וועט נאך דר פולט ווערן . ווארום ווער ווייסט . וואס דיא קינפטיגע צייט קען נאך מיט אונז מיט ברענגן ׳ מיר מוזן נאר האפן אז אונזר ווינטש פון דעם הארצן . וועט אונז גאט צו שוקן :

8

ווילסט זיך מיט אגנב אן הייבן : לעבן ,
גרייט דיר אן אפיל באטעלע : עס וועט אויף דיר צוטערן דאס
ווען ניט וועסט דוא מיט פחד הייטילע :

דער וואלד בליעהט

זינט חפר מיט בוקיהן האבן דעם געשעפט אפ גארבייט . האט ז׳ א אן גהובן גיין שלום שליסאזל . זייא זענן כמעט אום גגאנגן פר הונגר . זייא האבן גבעטן מתן ער זאל זייא עפים מיט העלפן ׳ וויל זיי האבן אים אזו גטרייא גדונט . דיא גאנצי שאטץ קאמר יורמס האבן זייא צו אים איבר גטראגן . און האבן אוף נעמה דיא זונד ארוף גלייגט :

וואס אבר קומט מיר ארוס . האט מתן צו זייא גזאגט . עס איז מיר קיין איינציגע זאך גבליבן . אוסער מורא און שרעק . איך אליין האב אוף חרטה וואס איך האב עס גטון . נאר דאך ווארט מיר אבוסל . איך וועל שון זעהן אייך העלפן און אייער נוט :

אוף דעם אנדרן טאג . איז מתן גקומן צו עזריקמן און האט זיך צו אים אן גרופן . דוא זוצט זיך גאנץ רוהיג . און ווייסט גאר ניט וואס פאר אשרעק עס ווארט אוף דיר . נעכטין איז צוא מיר גקומן חפר מיט בוקיהן . און האבן גזאגט צוא מיר . גאר אומזיסט האבן מיר נעביך דיא אומשילדיגע נעמה פאר יאגט : מיר האבן שון אצונד חרטה דרוף . מיר וועלן עס היינט ענטדעקען . אוב וואל מיר וועלן אונז שלעכטס טאן . נאר דאך אבי מען זאל נעמהם זינד אפ מעקן .

און

אונ דוא האסט דאך געהערט פון עבן אז געמה איז שוואנגר בשעת זיא איז אוועק ווער ווייסט טאמיר האט זיא איינגל גבורן איז דאך דאס גאנצי פריינד שאפט וואס יורם דיין פאטער האט מיט ירדיהן גשלאגן · איז נאר פון זיינט וועגן גוועז · דרובר זאלסט דוא זעהן זיא עפים מיט העלפן אין זייער נוט · ווען ניט וועסט דוא · ווער ווייכט צוא וואס קומן · זעה · איך ראטה דיך וויא דער בעסטער פריינד · ווארום דוא קענסט זיא ניט וואס פר אמענטשן זיא זענן · זיא וועלן עס גווים ניט לאנג פערדעקען · זיא וועלן זיך טראכטן · מיר זענן דאך אלם איינם פר לורן · לאזין מיר חאטשי ניט אזא זונד אוף אונז טראגן :

גנונ האסט דוא שון פון מיינט וועגן גטון · האט אים עזריקם געענט רמז · איך וועל אין דעם אייביג ניט פר געסן · אונ זיא וועל איך שון געבן וואס זיא דארפן · איך וועל זיא האלטן אוף מיין קאסט :

אונ עבן אז ער האט געזעהן · וויא עזריקם (זיין זון) גוט אוועק פרעמדע זיין גוטץ · אונ ער מיט זיין ווייב זענן גייא אים פאר קופט וויא קנעכט · האט ער זייער גווינט פאר זיין ווייב חלאהן אונ האט גזאגט צו אים פאר שאטן זאל זיין מתן · וואס ער האט מיך אן גרעט אזא זאך צוא טאן · צוא מאכן אונזר אייגן קונד · פאר אהער איבר אונז · עס איז מיר שון אזו דר גאנגן צום הארצן אז היינט אבר מארגן מוז איך דעם אמת אום זאגן · לאז זיין וויא עס וויל · שטיל · עבן : הט חלאה מיט שרעק גזאגט · מיר וועלן נאך מיט אונזרי אייבריגע קונדר אוף אייביג פאר פאלן ווערן · אונ וואס וועט דיר ארום קומן · אז דוא וועסט זיך בארומן · אז דוא ביסט ביז אהער גוועזן אטאטע איבר אהער אין ציון :

ווארט נאר נאך אביסל · האט איר עבן געענטפערט · דער הער וועט אונז נאך ווייזן וויא פרום ער איז וועלן מיר צוטערן פר זיין דעך · דאמאלס וועלין מיר ערשט וויסן וויא ביטר אונז איז ·

אוף דעם אנדרן טאג האט זיך עבן גקלאגט פר מתן וועגן זיין זון. וואס ער מוז ליידן פון אים גרוסע צרות · אונ מתן האט גזאגט צוא אים · זאלסט אבער וויסן וויא בוטור מיר איז · איין מונוט נאר האט גדוערט מיין נקמה אין דר בייזר פרוי חגית · אוף אייביג אבר איז מיר דר ווייטוג גבליבן · אז איך בארעכן מיך · אז איך האב דיך אן גרעט צוא פר ברענן יורמס הוז · אונ צוא פאר יאגן נעמהן · אונ וועמין איז דער גאנצר כבוד גבליבן · צוא דיין זון · דאס ברענט אין מיר וויא אפייער · וואס האב איך עס בארארפט צו האבן · האט עבן גשרוגן אונ האט זיך ארום גרוסן דיא האר פון דעם קאפ · עס איז דאך מיר

ליבר גוועזן הונדערט מאל צוא זיין אונטר גוואָרפן פון חניתן אידר אונטר מיין זון · דען שלאנג · דעם ביזן קראקאָדיל · איך דער מאן זיך אין געמהן · ווייגט אין מיר מיין הארץ · ווער ווייסט געביך וואס איר סוף וועט זיין :

וואס קומט מיר ארום · האט אוך מתן גשרוגן · יורמס גאלד אוג זילבר וואס עס לוגט ביא מיר אין אטופער העל באהאלטן אוג איך קען עס ניט ארוס ווייזן פר קיינם · דרובר · עכן · מוזן מיר פר שלוסן אונזרי מאלר פר קיינם קיין וואָרט ניט צוא רעדן :

אוג עמנון האט זיך אוף גפורט צווישן דיא פראפהעטישע קונדר · דאס גאנצי הוז גזונד ידידיהס האבן אים שטארק גלובט · אוסער איין זמרי · וואס האט מיט אים גרעד זייער פריינדליך · אוג אין הארצן הט ער גידענקט אנדרס · ווארום עזריקם הט מיט אים איין האנר גשלאסן · דעמאלט אן האט ער אן גהובן נאך צו קוקן עמנונן מיט תמרן · אוג וואס ער גזעהן האט ער ר ציילט עזריקמן :

וואס אטאג מער · האט עמנון מער חן גפונן ביא זייא אין דיא אוגן זייא האבן אים גליבט וויא זייער איינן קונד · אוג ידידיה הט אים באזונדר אמשרת גגעבן · מיט דעם נאמן (פועה) ער פרעגט אים יעדן טאג טראגן עסן אוג טרונקן פון ידידיהן · אוסער שבת יום טוב · דעמאלט פלעגט עמנון קומן צוא ידידיהן אהיים אוך עזריקם פלעגט דעמאלט זיין איין געלאדען :

אין דרייא טאג ארום זונט עמנון איז ביא ידידיהן גזעסן · האט ידידיה גמאכט איין מאל צייט אין אמאנאטהם טאג · דאס גאנצי הוז גזונד · אוך עזריקם מיט זמרין זענן דארט גוועזן · אוג ידידיה האט זיך צו עמנונן אן גרופן וויא זיס זענן דיא ווערטר וואס ישעיהו האט היינט גפרעדיגט פר דיא באזוצר פון ציון · דוא עמנון · פאר שטייסט זיך יאה אזונע ווערטר · עט · ווער פאר שטייט דען ניט · האט זיך עזריקם אן גרופן · וועלכר באזוצר פון ציון פאר נעמט דען ניט אזונע רייד · ניט יעדר הארץ אבר · האט אים ידידיה גענפערט · ניט · יעדר הארץ פאר שטייט גרינדליך דיא מיינונג פון דיא ווערטר · ניט אפשר אזו · עמנון · יאה · מיין הער · האט עמנון גזאגט · ישעיהוס ווערטר האבן מער זיסקייט פון אלי איבריגע ווערטר וואס אנדרי פראפהעטין ריידען · זיין הארץ איז דער היצט מיט אגעטליכען כלאם זיין גייסט פאר לאזט דיא נארישע וועלט · אוג פליהט גשווינד וויא איין אדלער אין דעם העכסטן הימל ארוין · דארט מאכט ער זיך אשפאציער ארום דעם אלער העכסטן גאט צוא הערן וואס זיין גאטליכע מאיעסטעט (גראסהייט) וויל טאן ·

ז דארט קוקט ער אראפ אויף דער נידעריגער וועלט · זייני אויגן קוקט
קך יעדענס הארץ · אונ באטראכטן יעדן טריט פון דעם מענטשן ·
נ אז ער זעהט אז יודען זענן דער ווידער גאטס באפעלן · פלוה: ער
ראפ גשווינד וויא איין אדלער צו זיין רוב · ער רוישט · ברומט מיט
ים צארן · פון זיין מויל פלוהט פייער צוא פאר ברענן יעדר זונד · נאר
בר איין אויגן בליק ווערט דער שטערם · גיך · אבר טוט אפרישע
ופט וועהען · דא הערט מען שון פון אים זיסע טרייסטענדיגע ווערטער
מאל שטעלט ער אונז פאר וויא דיא גאטהייט רוהט אויף דעם הייליגען
הראן (שטוהל) · אונ ארום אים שטייען מיט פורכט אלי זייני ענגעל ·
ונ זענין גרייט צוא גיין · וויא הין ער וועט זייא שיקן · אמאל ווידר
לוהט זיין גייסט ארום צווישן דיא איבריגע נאטציאנען · (פעלקער) צו
אטראכטן זייער גלוק · אונ זייער אומגליק · ער שטעלט עס אונז אזו
זאר · גלייך וויא מיר זעהן עס מיט אונזרי אייגענע אויגן · אויך ווידער
מיט זיין עדלער שפראכע איז ער בריממער פון אלי פראפהעטין · מיט
זייני ווערטער צוהט ער צו וויא אמאגנעט יעדעס הארץ צו וואס ער וויל
עס נייגן · דיא אלי געכט האבן זיך מיט גרוס פערגנוגן פערווונדערט
אויף זייני זיסע ווערטער · אונ ידידיה האט זיך צוא עמנון אן גרופן · דייני
ווערטער · עמנון · זענן וויא ברילאנטן פון דיין מויל · אלוואי דוא זאלכט
ווייטער אויך זיך באמוהען אין קלוגשאפט ווי ביז אצונד :

אויך דער נאר · האט זיך תיכף אן גרופן · שטייט פונקט וויא דער
גרעסטער אונ קוקט דעם נביא גלייך אין מויל אריין נאר אבר דער קלוגי
הערט גאר אנדרש :

עזריקם איז גזעסן זייער בייז · ווארום ער האט פר שטאנען וועמין
ער מיינט · אונ איניגע וואכן ארום האט ידידיה גזאגט צוא עמנון פאר
זיין גאנץ הויז גזונד · מיין טאכטער האסטו דוא ערעטעט פון דעם ווילדן
לייב · אונ דאך האסט דוא בייא מיר פאר קיין באלוינונג · נאך גאר ניט
גנומען · דרובר בעט איך דיך · זאלסט נעמען בייא מיר געלד גשענקע ·
אויך עזריקם וועט דיר געבן אהיפש געלד · ווארום קיין איינציגע זאך
איז בייא אים ניט טייערער פון תמרן · גנוג פר מיר · האט אים עמנון
געענטפערט מיט חן · אז איר זענט מיין שיטצער · מיין באלוינונג איז
זייער גרוס :

דיא ווערטער זענן תמרן זייער גפעלן · אויך ידידיה האט זייא טוף אין
זיך באוואהרט אונ האט מיט אים שון מער ניט גרעט דער פון · אזו
איז איבר גאנגן דר ווינטר · תמר איז צו פרודן פון איר גלויבטן · אונ
אויך עמנון האט גלאקערט אויף תמרן מיט איין פר בארגנר ליבע :

דר

דער ווינטער איז אַוועק • אונ נאָך אים האָט זיך געוויזן דער שיינער פֿריהלונג וואָס ער דערקוויקט יעדענס געמיטהע . אוך עמנון האָט זיך אַרום געוויזן פון זיין שטובע • אונ איז געקומען צוא יהידיהן אהיים . ער האָט דאָרטן נאָהר געטראָפן תימנן מיט תמרן • ווייטער קיין איינציגען מענטשען ניט :

וויא תמר האָט אים דער זעהן אַריין קומען איז זיא אים אַקעגן גגאַנגען וואָס ביסט דוא אַזו בלאַס • האָט זיא אים געפֿרעגט • זיין הארץ קלאַפּט אין אים . האָט זיך תימן אָן גרופן פון ישעיהוס ווערטער . וואָס ער שטעלט אַלץ פאַר דאָס שוואַכקייט פון ציון • אונ דאָס שלאַפֿקייט פון דעם ביסל מילטער :

עט • האָט אים עמנון געענטפערט • דער שיטצער פון ציון איז גאָט • ער גיט אַכטונג דרויף . אָבער ניט איך . נאַרשע מענטש • נאָר אָבער ווייס • תימן אַז דאָס מילטער איז ניט אַזו ווינוג • וויא דוא מיינסט • ערשטונס וועט אונז גאָט מיט העלפֿן • צווייטנס זענען מיר אַריין אוך נאָך עפּים מענטשן . אַז דיא פיינט וועלן אַריין טרעטן • וועט יעדער זיין גרייט זיך אָן צוא נעמען דיא קריוודע פון זיין פאַטער לאַנד . אוך איך אַז איך האָב דער הערט דיא ווערטער פון דעם נביא אַז אשור וועט אונז באַפֿאַלן מיט גרוס מילטער • איז באַלד מיין הארץ גנ ארן באַקלײדט מיט אַשלאַכטפּאַנצער • אונ איך מיט אַהעלדן גייסט • גלייך וויא איך הער שון דעם קלאַנג פון דיא שווערדן . קראַפֿט האָב איך • דאַנקן גאָט צוא צוהן אַבוגן . צוא רייטן אויף דעם בעסטן עגיפּטישן פערד • מיין ב־וט וואָלט איך פאַר גאָסן איבער מיין געבורן אָרט איבער מיין לעבענס קוועלע • נאָר אָבער וואָס קען איך . אָרום באַשעפֿניש . עפּים העלפֿן • מיין לעבן האָט קיין ווערטה • אונ יעדער האָפֿנונג איז ווייט פון מיר :

מיט וואָס איז דיין האָפֿנונג איז ווייט פון דיר • האָט אים תמר געפֿרעגט • בשעת זיא האָט אָפּ געווישט דיא טרערן פון אירע באַקען • האָף עמנון • וואָרום האָפֿנונג איז בעסר פון לעבן :

דיא אַליין . עמנון . ביסט אָבער שולדיג . האָט תימן צוא אים געזאָגט • פאַר וואָס זאָלסט דוא ניט וועלן נעמען בייא מיין טאַטן אַגעלט געשאַנק פאַר דיין גוטץ וואָס דוא האָסט געטאָן מיט תמרן . נאָר אָבער ווייס עמנון • אַז דוא האָסט אַ״ הארץ געוויגן • האָסט אין איר געוואָרפן פינקן פון חן כבוד • אונ אפשר אוך פון • בשעת ער האָט דאָס געזאָגט • האָט ער זיך אום געקערט צו תמרן מיט איין געלעכטער . העער אוך • דוא הערצענס • פריוועער • האָט תמר אים געזאָגט . אונ איז אַריין

גנאנגן אין איין באזונדר צומער אריין :

אונ תימן האט זיך צו עמנונן אן גרופן בייא מיין לעבן שווער איך דיר · אז תמר לובט דיך · אונ אוך איך וועל דיך אין מיין גאנצן לעבן (ברודר) רופן · מיט דיר צו זאמן וועל איך זיך אוף פורן · מיין פאטר וועט מיר גוויס ניט אפ זאגן · ער וועט דיר איין איין גאנג מאכן צווישן דיא עלצטע פון דעם יודעשן מיליטער · דעמאלט וועל איך מיך אוך פרייען צוא זעהן דיין גבורה · איך האף אז דוא וועסט נאך זיין אהער אין ציון · ווייס · מיין ברודר · אז אוך פון מיר איז מיין האפנונג גאנץ ווייט · גאנץ ווייט איז עס פאר פלוגן גווארן · קוק ניט וואס איך בין אהערם אזון · דאס גאנצי רייכטום סטייעט ניט אום צוא קערן מיר מיין איינע רוה פון דעם לעבן · איך האב ער בלוקט דיא קרון פון מיין לעבן · אונ באלד איז זיא אוועק פון מיר וויא אחלום נאך איר איז מיר גבליבן נאר אומרוה אונ זארגן · נאר אבער איך דארף עס פר קיינם ניט דאכטן · ווייס · עמנון · אז דיין ליבע איז מיר איין אפ גגעבענע · פאר דער ליבע וואס זיא איז אוועק פון מיר · דרובר ליבט דיך אזו מיין הארץ

גנוג · האט אים עמנון געענטפערט · גנוג האב איך בייא דיין טאטן ערווארבן · וואס ניצט מיר שון יעדר גלוק · דיא לעבע איז זייער ליב · איר געבורטס ארט איז דר הימעל · זיא הייסט · דיא הימלישע טאכטער זיא איז אומזיסטגע אוף דער ערד אראפ גשוקט גווארן · זיא זאל טרייסטן יעדן · אונ דייני צרות · אזו וויא אמוטער טרייסט זיא אין דר גרעסטר נוט · דר גרוסר דאקטר · וואס האט צוא יעדן אבאלזאם אן גגרייט · האט אוך דעם באלזאם · אן גגרייט · וואס ער ניצט צוא טוזענד שוואכע הערצר · דר מענטש וום דיא ליבע איז זיין רייכטום איז אים זיס אפילו אין דעו בוטערר צייט · אן איר · וואס איז דער מענטש גרעכונט · נאר וויא אצועל צוא יעדר פאל · אודר ווי אשוף אוף דעם ברייטן וואסר אן אמאטראז · דער מענטש וואס האט ניט קיין גטרייע פריינד · פאר ברענגט ער זיך נאר דאס לעבן מיט צרות · ניט אבר אזו איז דער מענטש וואס פריינד לובן אים · זייערי ווערטר זענן אהייל צו זייני וויינדן · זייערי טרערין ארפואה צו זיין נוט · דרובר איז דיא ליבע טייערר פון אלי זאכן אוף דר וועלט :

נאך שטייט ער אונ רעט · איז ידידיה מיט תרצה זענן אן גקומן · אונ האבן זיך אלי גזעצט צום טיש · נאך דעם עסן האט תימן דעם פאטר גבעטן · אז ער זאל רעדן מיט דיא עלטסטע פון דעם מיליטער · פון עמנונס וועגן · אונ ידידיה האט עס אים צוא ליב גטאן · ער האט

עמנון גקופט איין עגיפטשעס פערד · אונ עמנון פלעגט יעדן טאג אין לערגן אוף דעם פערד אין דעם קעניגליכע טאל · דאך פלעגט ער אלי טאג אין דר פריא גיין צווישן דיא פראפהעטישע קונדר · דארט זיין שטאדיום צו פר פארטיגן :

9

אז עס בלייבט ניט דעם גנב פון דר גניבה ווערט ער קלאמערשט פרום :

עס איז גקומן דיא צייט ווס מען דארף דיא תבואה פון דעם פעלד אראפ נעמן · אונ עזריקם האט גשוקט עבנן אז ער זאל אים דינגן שניטערים אין דיא פעלדר · אונ עבן איז גגאנגן אין דיא גאסן וויא גמיינע לייט וואגן · אפשר וועלין זייא זיך פאר דינגן צוא זיין ווירטה אין דיא פעלדר · בשעת ער איז אונטר דיא שטאט ארוס גקומן · האט ער דער זעהן פון וויטן אקליין גצעלט · ער איז אהין אריין גקומן · אונ האט גזעהן זוצן אפרוי מיט אמיידל · אונ ארבטן וואל ארבית :

גאט העלף · האט ער צוא זייא גזאגט · גיט יאר · האבן זייא אים געענטפערט · ווילט איר זיך אפשר פר דונגן פאר שניטרים · האט ער זייא גפרעגט · מיר וועלן פון אונזר גצעלט האבן זייא גזאגט · אונ קיין פרעמדי פעלדר ניט גיין :

פון וואנעט דען לעבט איר · האט ער זייא גפרעגט · פון אונזרי אייגענע האנד ארבית · האבן זיי אים געענטפערט · מיר מאכן טישטבר לייליכער · צום פר קופן · דר פון ערנערן מיר זיך :

אפנים דוא ביסט אוויטווע · הט ער ווידר גזאגט · אונ דס מיידעל איז דיין טאכטר · נאר אבר וויא שיין זיא איז · דארפסט דוא ניט זוצן אין אזא ארים גצעלט · עס ווט זיא דר זעהן אהערם אזון אין ציון · וועט ער זיא באזעצן אין דיא שענסטע מוערן :

וויים · מיין הער · האט אים דיא פרוי געענטפערט · אז דאס מאכט מיר גאר קיין פערגנוגן ניט · עס איז מיר ליבר צוא זוצן אין מיין ארים גצעלט · איידר וויא אום רוהיג אין דיא שענסטע מוערן · וויא דער שפריכווארט זאגט :

אין דער רייכסטער שטיב · דארט קען גשעהן אלס
איז וויא אין אלייבן גריב : גאר אן דעם דלות :

אונ

און דאס ארימע גריבל • אוסער דער איינם דלות •
הייסט ערשט אשטובל : איז רוהיג אלם :

וויא עבן האט זיך צו איר צו גקוקט . איז ער ערצוטערט גוואָרן • ער האט דער קענט אז דאס איז נעמה יורמס ווייב • ער איז גיך אוועק גגאנגן פון זיא . און וויא ער איז אהיים גקומן האט ער זיך צוא זיין ווייב חלאהן אן גרופן אוי • מיין הארץ וויינט אין מיר אוף נעמהן קוקענדיג • און אוף איר טאכטר • וואס בלוהט וויא ארוז אין אוויישן טאל • אוי • גאר אומזונסט האבן מיר יורמן אשלעכטס גטאן • און אונז איז גאר ניט דער פון ארוס גקומן . אוך חלאה איז דר שראקן גוואָרן בשעת זיא האט דאס פון אים דער הערט • זייא גוט אפ גהוט . האט זיא אים גזאגט • זאלסט עס פאר קיינם ניט דאכטן • ווען ניט וועט אונזער קינד בלייבן אום גשטעלט • און מיר וועלן אוך ניט גוט אפ שניידן . איך האב זיך באטראכט • האסט עבן צו איר גזאגט . איך זאל גיין צוא זייא קופן אטישטעך אלייקך • און וועל זייא באצאלן צעהן מאל וויא פיל עס האט דיא ווערט • ווארום אין אמת איז זיך עס אין גאנצן זייערס :

נאר זעה • זאלכסט זיך גוט אפ הוטן . האט זיא אים גזאגט • ווען ניט זענן מיר אלי פר פאלן :

און איאר ארום זונט עמנון הט אפ גראטיוועט תמרן פון דעם טוט . האט ידידיה גמאכט אמאל צייט • און האט צוא נוף גרופן אלי זייני פריינד • אוך עזריקמן האט ער איינגעלאדענט :

און עזריקם • איידר ער איז גגאנגן • האט ער גשוקט רופן זמרין און האט צו אים גזאגט • דעם אמת וועל איך דיר זאגן . זמרי . אז איך בין ניט צוא פרודן צו גיין צו ידידיהן • ווארום איך ווייס אז מארגן וועט דר פאסמך זיך שון איבר נעמן ; און דאס קונט מיר גאר ניט • דרובר וועל איך בעסר זאגן אז איך בין ניט גזונד • וועל איך תאטשי פאר שפארן צו זעהן מייני צרות :

ניין • מיין הער • האט אים זמרי גזאגט • עמנון שטייט דיר וויא אשטן אין אלי דייני וועגן • און אז דוא וועסט פאר אים אפ טרעטן וועסט דוא דען עפים דר מיט אום פירן • פרעג דיא ווילדע חיות • זייא וועלן דיך לערנן • פרעג דעם לייב : דעם לעמפארד • וועט ער דיר ווייזן • וויא אזו צוא לאקערן אוף אפיינד • דער לייב זיצט זיך גאנץ שטול . ווען ער קוקט ארוס אוף איינם • דער לעמפארד באהאלט זיך גאר . ווען ער איז דארשטיג צו בלוט • און דר דארך רייזענדער ווערט באלד אליין גפאנגן • אזו דארף זיך אוך דער קלוגער מענטש באגיין :

צוא

צוא דיא חיות האט גאט געגעבן שארפע ציין · אונ צוא דעם מענטשן אשארפן צונג · דיא חיות פער דארבן · דער קענט מען דאס בלוט אוף זייערי ליפן · דעם מענשענס צונג אבר פאר דארבט · אונ ווישט זיך גאר אפ דיא ליפן · אונ מען דער קענט אוף איר גאר ניט · אזו וויא דר טיגער פאר דארבט · אונ ציהט זיך איבר מיט דער פעל פון דעם פרומען שעפעלע · דרובער הער מיך וואס איך וועל דיר זאגן · אזו דארף מען זיך באגיין מיט מענטשן אוף דער וועלט · מען מעג יענעם קושן מיט דעם מול אונ אין הארצן אים דורך שיעסן אקויל · אזו דארפסט דוא זיך אוך מיט עמנונן באגיין · מיט אים זאלסט דוא רעדן גאר פריינדליך · אין הארצן אבר זאלסט דוא באהאלטן דעם פער דרוס · ניט אים ארוס צו ווייזן · אזו וויא בלייא זאל זיין דיין צארן אין דיר אום גגאסן · וואס עס ברענט אונעווייניג · אונ קיין רוך זעהט מען ניט · אז דוא וועסט אזו טאן וועסט דוא אים גוויס גווינן · מיט וואס אבר · האט אים עזריקם גפרעגט · קען מען איבר רייסען דאס פרייד שאפט וואס עס צווישן עמנונן מיט תמרן · דיזעס מענסט דוא זיך שון אוף מיר פאר לאזן · האט ער אים געענטפערט · איך וועל שון זעהן צווישן זיי אקרוג אן מאכן · נאר אבר שטילערהייט מוז דיא זאך צוא גיין · אוך דיא פיש פאנגרס פאר שפרייטן זייער נעטץ אין איין פינסטערע נאכט :

עזריקם האט אים אן גגאסן וויין · אונ ער האט גטרונקן · אונ הט צו עזריקמן גזאגט · דער וויין איז זייער זיס אין מול · נאר אבר פיל מענטשן מוזן בייא אים ארבטן · פר שטייט וואס איך מיין :

ווער קען טרעפן דייני ווערטר · האט עזריקם צו אים גזאגט · דם פאלשקייט האט זמרי ווידר גזאגט · איז זייער זיס בייא אונז אין מול · נאר מען מוז דר צו האבן אום גשטעלטע גנבים · אומזוסט אבר וועלין זייא זיך ניט באמוען · עפין נאר דיא דיין האנד וועט שון זיין רעכט :

קיין געלט וועל איך דיר ניט זשאליווען · האט עזריקם צוא אים גזאגט · זאלסט עס נאר אום פירן מיט גלוק ·

אין דעם זעלבן טאג האט עזריקם אום פר קופט זיין גאנצי תבואה אונ האט דאס געלט אוועק גלייגט באזונדר :

אט אצונד · האט ער זיך גטראכט · וועלן מיר זעהן צו איך צוא עמנון וועט אום פירן :

אוף דעם אנדרן טאג איז עזריקם גקומן צו ידידיהן גאנץ פריא נאך איידר עס זענן זיך צו נויף גקומן דיא געסט · ער איז אריין גגאנגן צו תמרן אונ האט גזאגט צו איר גוט מארגן :

גוט יאר · מיין הער · האט זיא אים געענטפערט :

מיר דאכט · הט עזריקם צו איר גזאגט · אז עס איז שון צייט זאלסט מיך ריפן · געליבטער ניט קיין הער · האסט מיך וויא פיל גשטראפט האט זיא אים געענטפערט · פר וואס איך גיב דיר ניט קיין כבוד וויא עס פאסט דיר · דרובר האב איך דיר היינט כבוד אפ גגעבן מיט דעם נאמן הער · נאך שלעכט אפשר פר. יר :

נאך שטייען זייא אונ רעדן · איז תימן אריין גקומן צווא תמרן · ער איז צווא גגאנגן צום פענסטער אונ האט גווינקן מיט דער האנד · וויא תמר האט עס גזעהן · איז זיא אוך צום פענסטר צווא גגאנגן · אונ הט גזעהן וויא עמנון רייט אוף דעם פערד · זייער שיין גקליידט · מיט אשווערד אין דער זייט · אונ דאס פערד שפרינגט וויא אין דער שלאכט · עמנון איז צו גפארן צום פענסטר אונ הט זיך גשטעלט :

וויא אהין איז דיין פערד גרייט צו לופן · האט אים תימן גפרעגט · צום קעניגליכן טאל · האט ער אים געענפערט :

מיין פערד ווייסט שון דיא צייט אלי מארגן פרייא אהין צווא לופן פאר וואס זאלסט דוא אוך ניט וויסן דיין צייט האט תימן צווא אים גזאגט · דורך דיר איז זיך היינט דער מאל צייט · פר וואס זאלסט דוא בייא אונז פעלן :

אט באלד האט אים עמנון געענטפערט · וועל איך זיין צווא רוס · דיין פערד · האט תימן ווידר גזאגט · שטאלציערט זייער מיט דער פעל פון דעם לייב וואס ער איז באדעקט :

ווארום דאס פערד · האט זיך תמר אן גרופן · איז גלייך צווא דעם נארישן מענטשן · וואס שטאלציערט אוך מיט דעם צו דעק · ער פאר געסט זיך גאר אז עס איז ניט זיינם · עמנון האט גלאזט אבוסל פרייא דאס צייטל · דאס פערד האט גיך אן גהובן צו לופן אונ עמנון איז אוועק פון זייא · אונ תימן האט זיך צו תמרן אן גרופן · וויא שיין זעהט אוס עמנון אוף דעם פערד · וויא אהעלד אין דער שלאכט :

ווען דאס רעגרונג · זאל זיך ווינדן אין דעם שיינקייט · האט זיך תמר אן גרופן · וואלט גוויס גפאסט דאס רעגורינג צו עמנונן · ער איז ענדליך צו דעם קוניג דוד ·

צו דודען · אז ער האט זיך משוגע גמאכט פר אבימלך הט עזריקם גזאגט מיט גלעכטר · אונ תמר האט אוף אים גקוקט זייער בייז · אונ האט אים קיין ווארט ניט געענטפערט · נאר תימן האט גזאגט צו אים · זאג מיר · עזריקם · מיט וואס גפעלט דיר ניט עמנון · וויל ער האט נעבר מינט אנדרי שונות · האט ער אים געענטפערט · דא פירט ער

זיך

זיך אויף צווישן דיא פראפהעטישע קונדר · אונ דא איז ער ווידר וויא אהעלד אין דער קריג · ער פר זיך אבר וואס זיין אנפאנג אין זיין ענדע איז · אפאסטך איז ער פריער גוועזן · אונ אפאסטך וועט ער ביי דעם סוף זיין · זיין מיתה איז אומזסט · ער וואלט קלוגר גטאן ער זאל גוועזן נעמן בעסר געלד פר זיין באלוינונג · וום ניצט אים זיין שיינקייט זיין גבורה · זיין זיס קול · וועט דען דאס פר שטעלן זיין ארומקייט · אונ זייני עלטרן :

פר שטייא נאר וואס דיא זאגסט · האט אים תימן גזאגט · פינקט פר קערט רעדסט דוא · ווען ער זאל זיין אין ראבן שטאנד · וואלט אים ערשט גפאסט נארישקייט · ווארום וואס ניטצט אים חכמה · אז מיט דעם געלד שטאלציערט ער גאר ; נאר אז גאט האט דאס אין גאנצן ביי אים צו גנומן · פאסט זיך אים ערשט חכמה גבורה · אונ שיינקייט :

אויף דיא דרייא · האט עזריקם ווידר גזאגט · בין איך אים נאך מוחל · אבר אעדלע שפראכע · וואס ניצט דעם ארימאן אגעלערנטע שפראכע ; אזונע געבילדעטע איז דא גנוג אין ציון · נאר וואס קומט זייא דער פון ארוס · זיי קערן מיט זייער שפראכע ביז אין הומל · אונ אויף דער ערד האבן זייא קיין ברוט ניט · וויא דער שפריכווארט זאגט :

פר דעם קלוגן · איז גנוג דיא ערד :
ער זאל זיך לאזן באנוגן : גאר אום גקלערט :

ווען עס זאל זיין ווי דוא זאגסט · הט זיך תימן צו אים אן גרופן · איז דאך נארישקייט אוך דעם קניגס סאלאמאנס פאבעלן וואס מען הט איבר גזעצט אין אונזרי צייטן · הער אויף צו פלודרן · האט זיך תמר אן גרופן · אונ האט זיך אום גקערט צום פענסטר צו זעהן ווען עמנון וועט צוא רוק קומן :

קורץ וועל איך דיר זאגן · תימן · האט עזריקם גזאגט מיט כעס · אז אזו וויא עס פאסט ניט צום קעניג אמיאוסע שפראכע · אזו פאסט ניט דעם ארימאן אגילערנטע שפראכע :

דאך אבר · האט אי- תימן גענפרט · אז פיל שענר ארימע לייט גילערינטע · וויא הערין גראבע יונגען · געלט לאזט זיך אום · חכמה אבר בלייבט איביג · עס איז אצורונג פאר דיא קינדר :

אונ תמר האט זיך אן גרופן · איך וועל איין עק מאכן צוא אייער שמיעס . אויף דער וועלט איז דא אלערלייא קלאסן מענטשן · קליגע · גלערינטע · נאראנים · גראבע יונגן · אונ ציון איז זיך פיל מיט אלע . דריבר לאז זיך יעדר אום קלויבן חברים וויא ער · אונ זאל זיך מיט זיי אויף פירען :

און עזריקם האט זיך דר מאנט אין דר לעהרע ווס זמרי האט אים גגעבין · האט ער זיך באריכט וואס ער האט אצונד גרעט אוף עמנון שלעכטם פאר תמרין אין דיא אוגין · און הט זיך אן גרופן · דאך ליב איך פארט עמנונן · אוב איך האב ניט עדעל גירעט · פערצייהע מיר :

עס איז בייא מיר אלעם איינם · האט אים תמר גיענפערט · צוא דוא רעדסט עדעל צו גיין · בשעת זייא זענין גשטאנן און האבן גרעט האט אן גהובן צו רעגנין · און עזריקם הט זיך גאר פאר שטוסט פון דעם רעגין אוטוסטע · און תמר שטייט נאך אלין און קוקט ארום דורך דעם פענצטר · באלד האט זיא דער זעהן וויא עמנון לופט אוף דעם פערד · און אין איינינגע מינוט ארום איז עמנון מיט זמרין אביין גקומן צו תמרין · און זמרי אז ער האט איין בריק גטון אוף עזריקן הט ער דר קענט · אז ער איז זעהר בייז :

פון וואס האט איר היינט איין שמיעס גהאלטן · האט ער זייא ניך גפרעגט :

האט אים תימן געענפערט · מיר האבן גרעט אין וועלכן וועג דער מענש דארף זיך אוף פירן · וואס איז דעם מענטשענס אוף פירן · הט זמרי גזיפצט · ער האט ניט אזו פיל האר אין קאפ · וויא פיל זייני זונד באטרעפין · מיט דעם גיין · מיט דעם שטיין : מיט דעם קוקן זינדונט ער יעדר מינוט :

ווער ווייסט האט תימן גזאגט מיט גלעכטר אפשר אוך מיט שמעקן טוט ער אזונד :

בייא דיר איז דאס אגילעכטר · האט ער אים געענפערט · ערשט היינט האט זיך עס מיר גטראפען · איך בין אריין גיקומען צוא דיין פאטר אין גארטן אריין וואס ער איז נאך פר דרייא יאהרון דיא פייגן בייטר האבן מיר אשיינם גערוך גשוקט · און איך האב גרוס פארגנוגן גהאט · עס איז דאך דאכט זיך גאר אקליינינקייט · נאר אבר אוך אזא שאנד איז שווער צו דער טראגן · ווען איך זאל קענין אפ קומן מיין זינד אוים צו לייזון מיט קרבנות · וואלט איך עס גטון · וויא דו זאגסט האט אים תימן געענפערט · וואלט ניט גיטטייעט קיין שאף · רינדער טויבען אום צוא לייזן אלע זונד · ווען גאט אבר זאל אונז אזא זונד רעכינן · וואלט יעדר גשטארבן פול מיט זונד · ניין זמרי · ניט אזונע זונד רעכינט אונז גאט · נאר עס איז דאך דא עמנון · לאז ער אונז זאגין וואס דער רעכטער וועג פון דעם מענטש איז · וואס קען דער שטערבליכער מענטש דארוף זארגן · האט אים עמנון געענפערט · נאר דאס דאכט מיר איז דאס בעסטע אוף פירען זיך · אז איין מענש וועט

דיך

דיך פרעגין וואס גוט איז • אונ וואס גאט פאר לאנגט פון אים • זאלסט דוא אים ענטפערין ער זאל זיך ארדענטליך מיט מענשן בגיין אונ זאל זיך האלטן נידעריג אקיגן גאט :

אין דר זעלבר מינוט איז תרצה אריין גקומן אונ האט גזאגט גייט אהיים • מיין מאן איז שון גקומן מיט דיא געסט • זייא זענין אלי אוועק גגאנגן אונ האבן פאר בראכט דעם טאג מיט עסין • מיט טרונקן • דר נאך זענין זייא ווידר אוועק גגאנגן • אוך עזריקם האט זיך אהיים אום גקערט זעהר בייז פון תמרין • נאך דעם עסין האט זיך תימן אן גרופן צו זמרין מיט גלעכטר • מיט וואס זמרי • האבין מיר היינט גזונדיגט • מיט דעם שמעקין צו מיט דעם לעקין :

אגילעכטר פאסט נאר צום יונגן מענשן • ניט אבר צו אזונם וויא איך • האט ער אים געענטפערט • איך דארף שטענדיג וויינין אוף מייני שווערי זונד :

ידידיה איז אוועק גגאנגן • אונ תימן האט גזאגט צו עמנוגן • נאך אין דרייא טעג ארום וועלין מיר זיך איבר קלובן וואגן אוף דעם אעל בארג • בייא נאכט ווערין מיר איין שפאציער מאכין אהין • איך וועל אוך גיין האט תמר גזאגט • ווארום דר רעגין איז גשטולט :

אונ עזריקם בשעת ער איז אהיים גקומן • האט אים איין משרת דער ציילט • אז עכן האט אוועק גפורם ערגיץ אפיהר תבואה • וויא עכן איז גקומן צו גיין האט אים עזריקם דורך גקלאפט • אונ הט אוף אים גשרוגן • ווי זענין דיא גנבים וום דוא פירסט • זייא מיין גוטס אוועק : אוי (נבל) • הט עכן גשרוגן • שטול • ווארום ביידי וועלן מיר גטייט ווערין • עזריקם האט אים גבונדן • אונ הט אים אין איין טיפען גרוב אראפ גלאזט • אונ האט באפוילען מען זאל אים נאר געבן ברויט מיט וואסר • אונ חגאה עכנס וויב האט עזריקם געבעטן וועגין איר מאן • ער זט איר אבר קיין ווארט ניט געענפערט • ער האט אלין גוואלט ביי איר גוואר ווערין • וועמין עכן האט דיא תבואה אוועק גפירט • חלאה אבר וואס זיא האט גוויסט אז ער האט זיא אוועק גפירט געמהן יורמס וויב • האט גמוסט פאר שליסן פעסט איר מול • זיא זאל קיין ווארט ניט דאכטן פאר קיינם :

10

אוהב ד' שערי ציון מכל משכנות יעקב

דיא טויערן ציונס הט גאט ליבר פון אלי איבריגי שטובר •

נכבדות זיין וואס

נכבדות מדובר בך ·
עיר האלהים סלה :

(תהלים פ"ז פ"ג)

וואס זענען שיין אפלא :
מעלות גאר אן שיעור ·
ווערט געשמועסט פון דיר ·
געטליכע שטאט סלה :

דיא קרוין שטאט ציון

דער אעל בארג איז דער שענסטער שפאציער גאנג פון ציון · אלע וואס ווילן זיך פערגנוגן אן טון · רוהען אונטער דיא שאטן פון זייני ביימר · פאר נאכט האבין זיך אהין פערזאמילט עמנון · תימן · אונ תמר · נאך אין דרייא טעג ארום · האט תמר גזאגט וועלין מיר זיך איבר קלויבן פון דעם רוישן פון דר שטאט אהער אין דער סאליע וואס זיא איז דא גבויעט · וויא שיין איז דא צו וואנען · עס וויגדערט מיך האט זיך עמנון אן גרופן · דעם מענשענם גייסט שוועבט יעדר מינוט נאך נייעם · דיא דארפס לייט ווערט פאר מיעמט צו זוצן אין דיא דערפר · וויא קיין מענטש קומט ניט אריין · איז דר געסטר פערגנוגן ביי זיא צו זיין אין שטאט דארט וויא עס רושט שטענדיג פון מענטשן · אונ די באווצר פון דער שטאט האבן ושאנגע צו זוצן אין דיא פרייע ערטער וויא עס איז רוהיג אונ שטיל · וויא שיין איז דא דאס ארט · וואס שטילקייט אונ רוה האבן זיך איין געסט אפ גקלויבן · אין דר רעכטער זייט ארום דעם בארג פליעסט דר ברייטר ים · אבולד פון איין אייבגע שטילקייט · אונ אמוסטר פון איין אייבונגר רוה · פון דער אנדערר זייט ווידר זעהט מען ארום דיא קרוין שטאט ירושלים מיט איר שיינקייט · האסט שון גזעהן דעם פלאץ פון דעם ים המלח · האט אים תמר גפרעגט :

איך האב אים גזעהן · האט אים עמנון גענפערט · אונזערי עלטערין האבן אונז דר ציילט · אז וויא דר עדן איז ער גוועזן איידר גאט האט פאר וויסט סדום מיט עמורה · היינט איז דאס איין שרעקליך לאנד · אלאנד וואס אלי מעטאלן פון דר ערד קאכן דארט שטענדיג אזו · אז עס איז אן מעגליך אהין אריין צוא טרעטין · אויך קיין גראז וואקסט דארט ניט · דיא פעלדר זענין וויסט · מען הערט אפילו ניט קיין גזאנג פון פייגל · אויך דיא ווילדע חיות ווייסן דאס ארט :

קוק אוועק עמנון · האט תמר צו אים גזאגט · קוק אוועק פון דעם וויסטן · אונ בעטראכט בעסער דיא שטאט ציון · וויא שיין איז דאס רוישן פון דר שטאט צו דיא וואס שטייען אויף דעם בארג · גאנץ פריא אונ פאר נאכט גייען דיא בזוצר פון דר שטאט מיט אגזאנג אונ גאטס הויז אריין · אזוי · וויא זיס אונ איין גנומן איז דער עמאלם דא צו שטיין ·

זעה נאר עמנון . הט תימן צו אים גזאגט • דארט אין דר מארג ווידט • וויא עם איז פאר זאמעלט אזא נארער • מען קופט . מען לופט • מען האנדעלט . מען וואנדערט :

פיל מיט פרייד • מיט פערגנוגן איז דיא שטאט • הט עמנון גזאגט • יעדר מענטש גייט אין איר ארום • אונ איז גרייט צו טון וום זיין ווילן ווערט פון אים פאר לאנגן . דר ווילן דאס איז דר בעסטער שליח • וום אין גאנצן דעם מענשענס לעבין איז אוף אים גשטעלט • קורץ . יעדר זעט זיך אן מיט גרוס פרייד • נאר אבר דער קליינר פאר שטייט גאר אנדערש . דעם מענשענס לופין אונ האנדלען איז פון איין נארישער זאך גבויעט • ווען עס איז ניט פון גאטס וועגן נאר דורך גאט איז דעם מענטשענס לעבין • אן אים אבר איז דס נאר נארישקייט :

זינג אונז נאר עמנון • האט אים תמר גבעטין . זינג אונז אליער ... עס פאכט צו ציון :

אונ עמנון וואס איר ווארט איז בייא אים טייער גוועזן • האט אן גהובן צו ... •

ציון . ציון ... שטעט

דיא מיטער

נאר גאט אליין איז דיין ...:

אין ... יעדר גרוס פערגנוגן •

אונ ... שלאכטן אונ אלע קרוגן :

2

נאר אין דיר אליין • קרוין שטאט ציון .

אלוואי . אייביג זאל ער אין דיר רוען :

האט זיך גאט זיין וואנונג אפ גקלויבן •

אונ זאל דיר שטענדיג זיין זעגן גובן :

3

יזיא שיין איז דא דר אָעל בארג .

דיא נאמן רושן וויא אוף אטארג :

דיא ביימר מיט דיא זעלטינגע שאטן •

זעהר איין גנומן פון אלי זייטן :

4

אייביג זאל זיין גאט דיין שוצער •

צו פרידן זאלן זיין דייני בזוצר :

אייביג זאלסט דוא אין אזא שטאנד רוען .

הייליגי קרון שטאט ציון :

5

אייביג זאלסטו שטיין אוף אזא פעסטין פים .

מען זאל האלטן אימעדים פון דיר אשמיעם :

עביג אוף אזא פעסטן פונדימענט .

דיין נאמן זאל אייבג זיין בקענט

וויא

ווא זיס זענין דייני ווערטער עמנון · האט תימן צוא אים גזאגט · אזו וויא דאס זיסקייט פון דר הייליגר שטאט ציון · הט תמר זיך מיט חן אן גרופן :

ווער קען אום רימען אין גאנצן ציון · האט עמנון גזאגט · גילובט איז גאט וואס ער האט אונז געבן אגוטן קעניג צו דיא ערליכע · אונ אביין צו דיא אום ערליכע · אוך אפילו דר באריסטר מעלר · וועט מיט זיין פענדיל ניט קענין אום מאלין דאס שיינקייט פון ציון · דא לערינט איינר דעם אנדרין · דא ווידר ערנערט איינר דעם אנדרין · איינס דאס אנדרי זענין זיך מיט העלפיג אין אלי גשעפטן · אונ דרובר גוט גאט שטענדיג אבטונג דרויף · אונ טאקע וועגין דעם ווילן עס דיא פיינט פאר וויסטן · אוי קעניג פון אשור · דיין שווערד וואס זיא איז פאר שמיערט מיט בלוט פון פיל פעלקר · וועט דא אין ציון ווערין אפ גוויישט · אונזר שוצר איז גאט :

אונ תמר הט זיך צו אים אן גרופן · פון דייני רייד האב איך גרוס פערגנוגן · נאר איינס וועל איך דיך פרעגין עמנון · געפעלט דיר אין גאנצן ציון · קיין שום חסרון זעהסט דוא ניט אין איר · זעה נאר ערלע · האט איר עמנון געפעלט · זעה נאר דיא ביימר וואס שטייען דא · זיא בליהן זיך אלי · נאר אבר טראגט דען יעדר צווייט אפריכט · מען זעהט אז אסאך צווייט פאלט אראפ ליידיגערהייט · אצעגטיל אפשר בלייבט איבר וואס טראגן פירות · דאס אייגענע איז אוך ביא מענשן · ניט יעדן מענטשן אז דוא וועסט רעדין · וועט ער דיר אום וויזן גאנץ ערליך · אונ אמת אבר איז אפשר דא אצעגטיל וואס זייא זענין ערליך · נאר דר מענטש קען זיך ניט וויזן וואס ביא יענים אין הארץ טוט זיך · דרובער מוז מען יעדין האלטען אז ער איז פון דעם צעגטיל :

אז גם איז יאה אזו · הט תמר צו אים גזאגט · ווס איז דער אונטר שייד צווישן דעם נאר מיט דעם קליגן :

מיט דעם אליין דר קענט מען דעם קליגן · הט אים תימן געענפערט · דר קליגר איז גלייך צו דר לבנה · ווס בשעת זיא טרעט ארוס איז זיא ניט אזו שיין · דר נאך אבר מעגן שון אלי נאכט וועלף בילען אקעגן איר · אונ זיא פאלט שון ביי זיך ניט אראפ :

איך בעט דיך איבר ברודער · האט תמר גזאגט דיא לבנה שיינט טאקע · נאר אבר קיין ווארומקייט הט זיא אין זיך ניט · דער קליגער אבר איז גלייך צו דר זון · וואס זיא הט אין זיך אלוטערי הויץ אוך · אין דר נאר איז גלייך צום מילד קראט וואס ער ליגט אונטר דר ערד · אונ

ועהט קיין לעכטיגן שיין פר זיך קיין מאל :

איך ווייס שוועסטר · הט תימן צו איר גזאגט · איך ווייס דר מילד קראט וואס אוף אים האכט דוא דעם ביי שפיעל גבראכט · דר מילד קראט וואס גייט אין דר פונצטער · דר איז עזריקם · יאה איך ווייס ; דר מאן איז ניט אוף אזא היילגע ארט · האט תמר גזאגט · ער גייט זיך אין דער פונצטער · דרובר בארף זיין גאטן אוך זיין פאר דעקט אין דר פונצטר :

אונ איך וועל אים גוויס ניט נאך געבין · נישט דא שון דיא צייטין ווס מען זאל דינן צו איין שטוק האלץ ווס זיא איז אובין באדעקט מיט גאלד · נאר נאך דם מאל מוז איך אים דר מאנן · ווייס מיין ברודר ער · אז וויא איין שטיק האלץ איז ביי מיר עזריקם · איך וויל אים ניט קענין מיט דעם גאלד וואסר איז באדעקט · ווארום זיין גאנץ שטאלצירן איז מיט דעם געלט · ווס איז ער אבר אליין :

איך האב צו גטראפן · הט תימן צו אים גזאגט · ווער דר מילד קראט איז · דרובער זאג מיר ווער עס איז דיא זון · דיא לייכטערין פון דיין וועג · דיא זון זעהט יעדר ארום · הט זיא אים גענפרט אפילו אז עטליכי וואלקן פר שטעלין זיא · וועקן זייא אבר גיך איבר ציהען · אונ דיא זון שיינט וויא פרוער :

וואס רעדסט דוא מיט מיר אריסטאקראטיש · האט תימן צוא איר גזאגט · אונ זיך אום גקערט צו עמנון בשעת ער הט גזאגט צו אים · ווארף אוף איר דיין שיין עמנון · ווארום דוא בוסט דיא זון פון איר וועג :

בשעת תימן הט דאס גזאגט · איז תמר מיט עמנון גבליבן שטיל שטיין · אונ תימן הט זיך ווידר אן גרופן · אייער שווייגן איז אנווארער צייכן · אז איך האב גטראפן ווס זיא מיינט · נאר ווס שווייגט איר אבר הייננט איז אקאראט דר טאג · הט עמנון צוא אים גזאגט · וואס איך האב אין אים תמרן ערעטעט פון דעם טוט · מיין באלוינונג אבר · אין מוטן איז ער שטיל גבליבן · אונ הט אן גהובן צו וויינן · אוך תמר הט זיך די טרערין אפ גווישט · אונ הט גזאגט צו עמנונן · דיין באלוינונג עמנון · וועט בליהען וויא ארוז אום פרילונג :

וויא ארוז · הט תימן גשרוגן בשעת ער האט זיך דר מאנט אין זיין רוז · אוי · דיא רוז בליהעט ערגיץ · נאר דעם מענטשענס הארץ איז פערוועלקט :

בשעת זייא האבין צווישן זיך גרעט · האבין זייא דר זעהן · ווי ארוב פויגיל יאגט נאך איין טייבעלי · אונ זיא הט שון קיין כח ניט מער צו פליהען · זייא האבין דעם רויב פויגיל פר יאגט · אונ דיא טוב האט זיך

אבויסל

אַבִּיסָל דֶר מוּנְטֶערְט . גִיךְ אָבֶּר אִיז דֶר רוֹיב פוֹגִיל ווידֶר גְרָאַ[..] . ער הָט זִיא ווייטֶר נָאךְ גְיָאגְט . תֵּימָן הָט גְרוֹס מוּטְלֵייר גְקְרִיגְן . אוּף דֶער טוֹב . אוּנ אִיז אָוֶועק גְלָאפְֿן דֶעם רוֹיב פוֹגִיל עֶטְלֶכִי שְׁטֵיינֶר צוּ וואַרְפְֿן . אוּנ עַמְנוֹן הָט דֶר ווייל גְקוּשְׁט תָּמָרִין . אוּנ תָּמָר הָאט צוּ אִים גְזָאגְט . דוּא הָאסְט דָאךְ מִיךְ פוּן דֶעם לֵייבּ אָפּ גְרַאטִיוֶועט . רַאטִיוֶוע זֶשֶׁע מִיךְ נָאךְ אָפּ פוּן דֶעם רוֹב פוֹגִיל ווָס עֶר יָאגְט מִיךְ נָאךְ :

נָאךְ אַמָאל שְׁוֶוער אִיךְ דִיר . אַז צוּא דִיר בִּין אִיךְ . אוּף אֵייבִּיג בִּין אִיךְ צוּ דִיר . הָט אִיר עַמְנוֹן גְזָאגְט . בַּיי גָאט שְׁוֶוער אִיךְ דִיר . צוּ זַאמֶן ווֶעלִין מִיר . אָדֶר לֶעבִּין . אָדֶר שְׁטַארְבִּין . אוּנ תָּמָר הָאט אַרָאפּ גְנוּמֶן דָם פוּנְגֶעְרִיל פוּן אִיר הַאנְד . ווָס חֲנַנְאֵל הָט אִיר גְגֶעבֶּן . אוּנ הָט גְזָאגְט צוּ עַמְנוֹנְן . דָא אוּף דֶעם פוּנְגֶערִיל שְׁטֵייט מַיין לֶעבְּדִיגֶער נָאמֶן . אוּנ חֲנַנְאֵל . דֶעם טוֹטֶענְס נָאמֶן . נֶעם עֶס דִיר צוּם אָנְדֶענְק . אַז אוֹדֶר לֶעבֶּן . אוֹדֶר טוֹט ווֶעלִין מִיר אִין אֵיינֶם זַיין :

בַּאלְד אִיז תֵּימָן צוּא זַייא צוּא גְקוּמֶן אוּנ הָאט זַיין דֶער הַאנְד גְהַאלְטֶן דִיא טוֹיב :

הַיינְט זֶעה אִיךְ אַז גָאט שִׁיצְט דֶעם אוּנְטֶר זְדְרוּקְטֶען . הָאט עֶר צוּ זַייא גְזָאגְט . קוּים ווָאס דֶער רוֹב פוֹגֶל הָאט זִיא גְווָאלְט טֵייטֶען . אִיז גְקוּמֶן אֵיין אָדְלֶער אוּנ הָאט אִים פַאר יָאגְט . אוּנ דִיא טוֹיב אִיז אַרָאבּ גְפַאלֶן אוּף דֶער עֶרְד זַייעֶר מַאט . דְרוּבֶּר הָאבּ אִיךְ זִיא גְנוּמֶן :

אַזוֹ זָאל זַיין דֶער סוֹף פוּן יֶעדֶן נָאךְ יָאגֶר . הָאט תָּמָר גְזָאגְט . אוּנ תֵּימָן הָאט זִיךְ צוּא עַמְנוֹנֶן אָן גְרוּפֶֿן . דָאס אִיז אַסִימָן אַז אוֹךְ דַיין טַייבֶּעלֶע ווֶעט דֶער רוֹב פוֹגֶל נִיט הַאפֶּן . עֶר יָאגְט מִיךְ אָבֶּר פָאְרְס נָאךְ . הָאט תָּמָר זִיךְ אָן גְרוּפֶֿן . דְרוּבֶּר סוֹז עַמְנוֹן זַיין דֶער אָדְלֶער הָאט אִיר תֵּימָן גְעֶנְטְפֶֿערְט . עֶר זָאל דִיךְ פוּן אִים אָפּ רַאטִיוֶועֶן . גִיבּ מִיר דִיא טוֹיב . אַז זִיא אִיז יָאהְגְלַייךְ צוּא מִיר . הָאט תָּמָר צוּא אִים גְזָאגְט . עֶר הָאט זִיא אִיר גְגֶעבֶּן אוּנ זִיא הָאט זִיא שְׁטַארְק אָפּ גְהוּט . דֶער נָאךְ זֶענֶן זַייא אַרַיין גְגַאנְגֶן אִין דֶער זוּמְערִי סַאלֶע . אוּנ הָאבֶּן בַּאטְרַאכְט דָאס וואַנוּנְג דָ'ארְט . בַּאלְד אִיז זִמְרִי גְקוּמֶן אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּא זַייא . אַייעֶרִי עֶלְטֶרֶן ווַארְטֶן שׁוֹן אוּף אַייךְ . גֵייט אַהֵיים . בְּשַׁעַת עֶר אִיז גְקוּמֶן הָאט עֶר דֶער זֶעהְן דָאס פוּנְגֶערִיל אוּף עַמְנוֹנְס הַאנְד . עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּר גָאר נִיט ווִיסֶענְדִיג גְמַאכְט . אוּנ הָאט מִיט זַייא גָאר גְשְׁמוּסְט ווֶעגֶן אַנְדֶרִי זַאכֶן . דֶער נָאךְ הָאבֶּן זַייא זִיךְ אַלִי צוּא רוּק אַהֵיים אוּם גְקֶערְט :

דישר

11

דער וואלף און א שעפסיל פעל

אויף דעם אנדרן טאג אין דר פריה האט זמרי באגעגנט עזריקן אויף דער גאס גיין · ער איז צו אים צו גקומן · און זענען ביידי אוועק גגאנגן אין איין באזונדרי גאס · איך דער קען אין דיר אז דוא בישט פול מיט נייעס . האט עזריקם צוא אים גזאגט · קום מיט מיר אהיים אין דער צייל עם מיר :

אין שטוב טאר מען קיין סודות ניט שמוסן · הט ער אים גענפערט אשטיין פון דער וואנט קען אום זאגן · דער צייל מיר דא · האט אים עזריקם גזאגט . ווארום איך בין נייגעריג צו וויסן :

דא קען מען אויך ניט רעדן · האט ער אים גענטפערט ווארום אויף יעדר טרוט איז דא זיבן אויגן · און אויף יעדר ווארט הערין זיך צוא זיבן אויערן · טאמיר וועט מען קענן גפאנגן ווערן · ביא זייא וויא אפייגעלע אין דער נעץ :

איך האב שון איין אורט . האט זיך עזריקם אן גרופן · קום צוא פרמין אין שענקיל אריין · ער איז אגוטר ברודר ער זאגט ניט אוס קיין מאל פון דעם חדר :

פאר אים וועל איך עס אויך ניט ענטדעקן · האט ער אים גענטפערט קום וועלן מיר זעהן דארט צום וויסטן ארט · וואס זינט פון חזקיהוס צייטן קומט אהין קיין מענטש ניט אריין · זייא זענן ביידע אהין אוועק גגאנגן · האבן זיך דארט אנודר גזעצט · און זמרי האט זיך צו אים אן גרופן נעכטין ביא נאכט האבן זיך פער זאמעלט עמנון · תימן מיט תמרן אויף דעם אעל בארג · און האבן זיך דארט פר זאמט ביז שפעט ביא נאכט · און בשעת איך בין זייא גקומן רופן האב איך דער קענט תמרם פונגעריל אויף עמנונם האנד :

וויא ער האט עס אים ארום גרעט · איז עזריקם זייער ער צוטערט גווארן און הט גזאגט צוא אים . האסט מיך איבר גשראקן מיט דייני ווערטר · תמרם פונגעריל וואס חננאל האט איר געבן אויף עמנון דעם פאטעכם האנד :

אוי זמרי · אפנים אז דער חלום איז וואר · און וואס זאגסט דוא אצונד · זמרי · שון פון לאנג האב איך דיך גבעטן · אז דוא זאלסט אן רעדן שלעכטס אויף עמנונן פאר תמרן · און דוא אבר האסט זיך אום גקלובן אזא קרומן וועג · נאך מער אים צו רימן אין אירע אויגן · נאך וואס האסט דוא אזא נארשקייט גטאן · האסט פאר לאזט דאס

ווילדע בייטל · ווען עס איז נאך גוועזן גרונג אום צוא רעדן · אצונד אז ער איז שון אווי הר בוים · ווייסט דוא דען קענן אים אום ברעכן :

פער ציה מיר · מיין הער · האט אים זמרי גענטפערט · מיט וואס האב איך אים גקענט פר מיאוסן אין אירע אויגן · איז זיא דען בלונד · וואס איך זאל איר פיר זאגן אז ער איז מיאוס :

איך האלט מיך בייא איינם · אז דער מענטש (ער מעג זיין דער פיינסטער אוף דער וועלט) ווס הט ניט קיין ערליכען אן בלוק · איז ער גלייך מיט דעם פיש וואס האט ניט קיין פלוסן · וואס קיינר וויל אים ניט נעמן אין מול אריין · אונ מיט דער מעלה מעג איך רופן עמנוגן וואס איך האב אים פיינט :

פאר וואס האסט דוא עס אבר ידידיהן ניט דרט ציילט · האט אים עזריקם גפרעגט :

בין איך דען דער גאנצער מחויב אליין אלס צוא טוהן · האט אים זמרי גענטפערט :

גיב מיר איין עצה וואס צוא טאן · האט עזריקם גזאגט צו אים · ווארום עמנון דער פאסטעך שטייט מיר וויא אביינגרל אין האלז ניט עס אום צו שפייען · אונ ניט אראפ צוא שלונגן · אונ אז דוא ווילסט מיר ניט ארום העלפן · שוק איינם פון דייני באדונר · ער זאל עס ידידיהן דר ציילן :

דאס קען מען אבר אנדרש ניט מאכן נאר מיט געלט · האט אים זמרי גענטפערט · עפין נאר אוף דיין האנד וועל איך שון שיקן פורהן מיט מעכהן זייא זאלין עס דער ציילן · אונ איך וועל זייא באשטעלן בייא דיר איין גהאלט · כדי זייא זאלן דוגען דיך גטרייא · אונ מיר ווער שון אוך גווינן עפים אראפ פאלן אין קעשינע אריין · דוא ווייסט אליין ניט פאר לאנגן מיין מיה זאל זיין אומזוסט :

איך האב דאך דיר שון לאנג גזאגט · אז קיין געלט וועל איך דיר ניט זשאליוועז · האט עזריקם גזאגט אבי דוא זאלסט מיר נאר תמרס הארץ קופן · פאר לאנג פון מיר אהאלב פארמעגן · וועל איך דיר גאנץ צוא פרורן געבן :

זייא רוהיג עזריקם · האט אים זמרי גזאגט · זייא זעכיר אז דוא ווייסט אום פירן מיט גלוק · אונ עזריקם האט אים גגעבן געלט ער זאל איבר קופן פורהן מיט מעכהן :

אונ ידידיה מיט זיין גאנץ הוזגזונד האבן פר לאזט זייער וואנונג · אונ האבן זיך איבר גקלובן אין דער זימער פאלע אוף דעם אעל בארג ארוף · אוך עמנון איז מיט זייא דארט גוועזן · ווארום דיא שטוב

וואס

וואס עמנון איז דארט פרווער גוועסן · האט מען אוס גראמט פון סתרים וועגן · וואס ער איז קיין ציון גקומן זייני אנטערעסין דארט צוא ענדעקען :

אוף דעם דריטן טאג · זינט זייא האבן זיך באזעצט אין דער זומער סאליע · איז אין דער נאכט גקומן מתנס אמשרת צוא ידידיהן · אונ האט אים גרופן צו מתנן · וואס איז פר אנייעם בייא איך · האט אים ידידיה גפרעגט · וואס מען דארף מיך אזו גייטוג האבן · טוט שרעקן ווען אוף מיין הער גפאלן · האט ער אים גענטפרט · דרובר האט ער מיך וויא צום געבסטן גשוקט נאך איך :

ידידיה איז באלד אוועק גפארן צוא מתנען · בשעת ער איז אהין גקומן · האט ער אים גטראפן אין בעט לוגן · וואס איז דיר מתן · הט אים ידידיה גפרעגט · אונ מתן האט אוף אים גקוקט זייער בייז · אונ האט אים קיין ווארט ניט געטפערט · נאר זיין ווייב האט זיך אן גרופן אטרויעריגער גייסט האט זיך אריין גחאפט צו מיין מאן שטענדיג איז ער נאר דר שראקן אונ טרויעריג : איך זעה אים שון אזו צוויא וואכן ארום גיין · האט ידידיה צו איר גזאגט · איך האב אים גפרעגט אונ ער הט מיר גזאגט · אז ער איז עפיס ניט גזונד · גאנצי טעג זיצט ער טרויעריג · האט זיא ווידר גזאגט · אונ ווער שטיעסט בייא נאכט זאל גאר גאט באהוטן · אז עס קומט האלבי נאכט שפרונגט ער אראפ פון דעם בעט · אונ רעט אזעלכי ווערטר · וואס דיא האר שטעלן זיך אוף הערענדיג · אזו איז שון אחודש כסדר · נאר אבר דיא נאכט בין איך גאר טוט גוואורן · ער האט פלוצים אגשרייא גגעבן · מען זאל איך רופן · בשעת זיא איז אזו גשטאגן · אונ האט עס אים דער ציילט · ווען זייא אלי דער שראקן גוואורן · מתן האט אן גהובן אוף אקול צוא שרייען · אוי · חנית · מיט אירע קונדר · אוי · ווער וועט לעשן דאס פייער פון מיין הארצן · אוועק פון מיר זונדיגע פרוי פאר וואס זאל ניט ברענן נעסחם הוז · מיין גרויסע זונד יאגט דיך נאך גאר אום זוסט · וועה איז צו מיר · וועה · ווער וועט קענין שטילן דאס פייער פון מיין הארצן :

אין מוטן איז ער שטול גבליבן וויא דר טוט · נאר ווס זייני ליפען האבן זיך גרורט · ער הט ארוס גנומן אשליסל פון צו קאפענס · אונ האט אים גגעבן ידידיהן דאס איז דער שליסל · האט זיין ווייב צו ידידיהן גזאגט · בשעת זיא האט גוויינט · פון אטיפר העל · וואס קיין מענטש איז דארט נאך ניט גוועזן · אוי מיין דאנק איז שון מיט איין טריט צום טוט :

אונ ידידיה האט זיא אלץ געטרייסט · אונ האט גזאגט צוא זיא · איז דען קיין דאקטער ניט דא אין ציון · האב האפנונג צו גאט · איך וועל אהיים אום קערן זיך · אונ מארגען פריא וועל איך קומן :

וויא ידידיה איז אפפאר גאסן איבער גפארן · האט ער דער זעהן וויא ארויך גייט פון דער גאס וואס ער איז שון איבער גפארן · ער האט זיך ווידר אום גקערט · באלד האט ער דער הערט וויא מען שרייט מתנם הויז ברענט · ער איז גיך צו גלאפן · אונ האט גזעהן · וויא טוזענדער מענטשן שטייען · אונ קיינר הייבט ניט אן צוא לעשן · אונ פון דעם פייער האט ער דער קענט אז מענטשנם הענד האבן עס אונטער גצונדן · ער האט גפרעגט דיא מענטשן · צו דיא מענטשן זענען חאטשי לעבן גבליבן · זייא האבן אים אבער געענטפערט · מיר זענען צו גקומן · האט דאס פייער ארום גנומן דאס גאנצי הויז · עס איז אן מעגליך גוועזן אהיין אריין צו טרעטן · אונ ביז אין גרונד האט עס פר ברענט דאס הויז מיט אלי מענטשן · ער האט זיך דיא גאנצי נאכט בייא דעם פייער פר בראכט · אונ דער פריא האט ער גנומן דיא אוף זעהרם פון דר שטאט · אונ זייא האבן געפונט דיא טיר פון דער העל מיט דעם שלוסל :

וויא זענן זייא אבער דער שראקן גווארן · אז זייא האבן דארטן גפונן אלי טייערי זאכן וואס עס איז גוועזן בייא יורמן אין שאטץ-קאמר :

אצונד האט זיך ידידיה אן גרופן · אצונד איז ענטדעקט גווארן דיא זאך וואס עס איז שון פון פיל יאר פאר דעקט גוועזן · מתן הט קלאר גרעט היינטיגי נאכט :

ידידיה הט אלי זאכן גהייסן אוועק טראגן צוא דיא אוף זעהרם פון דער שטאט · ביז מען וועט דיא זאך דער קלערן וואס עס האט מתנם הויז פר ברענט · אונ ידידיה האט זיך אהיים אום גקערט :

דיא גאנצי נאכט האט תרצה קיין אוג ניט צוא גטאן · זיא האט ניט גוויסט וואס צו טראכטן וואס ידידיה איז ניט גקומן · אונ וויא איז זיא נאך מער דער שראקן גווארן אז זיא האט גהערט אז אין שטאט האט ערגעץ גברענט · גאנץ פריא איז זיא אוף גשטאנען · אונ האט גשוקט איין משרת אין שטאט אריין · ער זאל ידידיהן אהיים רופן · אונ זיא איז אוף דער גאס ארום גגאנגן · פלוצום האט זיא דער זעהן פון ווייטן איין מענטשן גיין · זיא האט אים צו גרופן אונ האט אים גפרעגט · ווס האט זיך עפים היינטיגע נאכט פאסיערט אין שטאט · אפייער הט פר ברענט מתנם הויז מיט דיא מענטשן · האט ער איר געענטפערט · ביי דיא ווערטער איז תרצה גבליבן שטיין וויא דיל · נאר אבער גיך האט זיא זיך דער מונטערט · ווארום זיא האט דער זעהן ידידיהן גיין · זיא איז אים גיך

אקיין

אַקיינן גלאפן · אונ האט גזאגט צוא אים מיט גרוס שרעק · דוא האסט מיך זייער איבר גשראקן היינטיגע נאכט · ווען דוא זאלסט ניט געווען אוועק גיין · וואלסט דוא פון מיר דעם שלאף ניט צו גנומן :

אלוואי וואלט איך ניט געווען גגאנגן · האט ער איר געענטפערט · וואלט איך פר שפארט צוא זעהן אזא זינדיגע נאכט · טאקע נאר דערמאלט בין איך רוהיג · ווען איך זיטץ מיט דיר צו זאמן :

עס איז אמת · האט זיא אים גפרעגט · מתנס הויז איז פאר ברענט גווארן :

עס איז אמת · האט ער איר געענטפערט · עס איז פאר ברענט גווארן מיט אלי מ־נטשן · אונ מתן איז גשטארבן מיט אטוט פון אזונדריגען · ער האט איר אום דער צוילט · וואס דיא נאכט האט זיך פאסיערט דארט · אונ האט גזאגט צוא איר · אוי · צוא דער היינטיגער וועלט · ווער האט זיך גרעכט אז מתן זאל אזא זאך טאן יורשן · וואס ער איז זיין בעסטער פריינד געוועזן · אונ תרצה האט גזיפצט אונ האט גזאגט צו אים · אומזונסט איז נעמה אוועק · גאר אום שולדיג איז זיא אזוי פאר יאגט גווארן · איך האב עס שון אויך גטראכט · האט ער צו איר גזאגט · גאר עס האבן זיך פארט אזעלכע צוויא מענטשן דר צוילט פון איר · אז זיא איז מיט איר גלובטן אוועק · וועלין זייא דען ליגן זאגן · אוי מייני גדאנקן זענען זייער אום רוהיג · איך וועל גיין אין טעמפעל אריין · ווארום דארט איז רוהיג אונ שטיל · אונ אז איך וועל צוא רוק קומן · וועלן מיר דער פון ווידר רעדן :

ער איז אוועק גגאנגן · אונ איז גקומן אין נאטס הויז אריין · בשעת דיא פריעסטער האבן געאפפערט דעם אפער · ער האט דארטן גטראפן אויך סתרין · ער האט זיך דארט פר זאמט אבוסל · דער נאך האט ער מיט גרופן סתרין אונ זענען אוועק גגאנגן אהיים · אונ דער היים האבן זייא זיך גזעצט צום טיש פרישטיגען · אונ תרצה האט זיך צו זייא אן גרופן · ווער קען היינט איין אונטער שייד וויסן צווישן דעם ערליכן מיט דעם זונדיגען :

דאס איז דער מתן · האט זיך תימן אן גרופן · וואס פלעגט זיך צו שפרייטן מיט דיא הענד ביא דעם דאווינן · אונ פלעגט זיך שטענדיג קלאגן אויף זייני זינד :

אונ ידידיה האט צוא תרצן גזאגט · דאך אבר מיין פרויא · דארף מען ניט דיא גאנצי וועלט שילדיג מאכן · ווער עס וויל זיין ערליך · איז ערליך · אונ דער וואס באגייט אזונד · ווערט עס באלד ענטדעקט :

אמונה · האט סתרי גשריגן · אמונה דאס איז אזא זאך וואס יעדר

דֶער תָּמִיד מִיט דֶעם אוּנ אָבֶּר בַּייא אֵיינֶם פוּן טוֹזֶענְד הָאלְט זִיךְ עֶס אֵיין · וִויא פִיל מֶענְטְשֶׁן פַר שְׁטֶעלֶן זִיךְ פַאר עֶרְלִיכֶע לַייט · אוּנ אֶמֶת אָבֶּר · אִיז זֵייעֶר גַאנְצֵי צִיעֶל נָאר צוּא גֶעלְט · צוּ כָּבוֹד · יֶעדֶר בַּאקְלֵייד זִיךְ מִיט אֱמוּנָה · בְּשַׁעַת עֶר גֵייט אַרוּם מִיט מֶענְטְשֶׁן · אוּנ דֶער הֵיים אָבֶּר טוּט עֶר פוּן זִיךְ אוּס דָאס קְלֵייד · הֶערְסְט דוּא יְדִידְיָה · אִיךְ הָאבּ יוּט גֶערֶעכֵינְט מַתָּנֶען · אַזוֹ וִויא דוּא רֶעכֵינְסְט אִים · דְּרוּבֶּר וִוינְדֶערְט מִיךְ גָאר נִיט אַזוֹ שְׁטַארְק · וָואס עֶר הָאט אַזַא זַאךְ גִּטָאן · אָרִימֶע לַייט הָאט עֶר אַוֶועק גְשׁוּקְט שְׁטֶענְדִיג מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְד · ווָארוּם זֵייא זֶענֶען גְקוּמֶען צוּ אִים לֵיידִיג · אוּנ צוּם סוֹף פְלֶעגְט עֶר אַרֵיין לֵייגֶן זֵיין שׁוֹמֵר שְׁטִיק אִין יִרְאָה אַרֵיין · וֶוען עֶר הָאט זִיךְ מִיט אֵיינֶעם גִיקְרִיגְט · אִיז זַיין קְרִיג תָּמִיד גְוֶועזֶען נָאר פוּן גָאטְס וֶועגֶן · עֶר פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אָן נֶעמֶען גָאטְס קְרִיוְודֶע · אוֹיךְ אֲפִילוּ דָאס וָואס עֶר הָאט אוּנ גְקֶערְט צוּא דִיא אָרִימֶע לַייט וָואס זֵיין פָאטֶער הָאט אַוֶועק גֶרַאבִּיוֶועט · אִיז נָאר גְוֶועזֶען · כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען אוֹיף דֶעם קָאנְט אוּם גָארֶען בַּייא יֶענֶעם טָאפִּיל מָאל אַזוֹ פִיל :

הָאבּט רֶעכְט · הָאט יְדִידְיָה צוּא אִים גְזָאגְט · נָאר אָבֶּר מִיט וָואס דֶען קֶען מֶען פְּרִיוֶוען דֶעם מֶענְטְשֶׁן · צוּא עֶר אִיז עֶרְלִיךְ · קֶען מֶען דֶען מִיט אַשְׁפָּאקְטִיעֶף צוּא אִים אִין הַארְצֶען אַרֵיין קוּקֶן · אִיךְ הָאבּ גְהַאלְטֶען מַתָּנֶען וִויא אַלֵי עֶרְלִיכֶע לַייט · ווָארוּם אַז אִיךְ זָאל יֶעדֶען רֶעכִינֶען פַאר שְׁלֶעכְט · וָואלְט זִיךְ מִיר יֶעדֶער אוּס גְוִויזֶען וִויא אַטַייפֶעל · אוּנ אִיךְ וָואלְט גְמוּזְט זִוצֶען אִין צִיזְן וִויא אִין דֶער וִויסְטֶע אָן אֵיין שׁוּם פְרַיינְד :

פֶער צִיה מִיר · הָאט אִים סַתְרִי גֶענְטְפֶערְט · דָאס אִיז דֶער אוּנְטֶער שִׁיעֶד צְוִוישֶׁן דֶעם עֶרְלִיכֶן מִיט דֶעם זִינְדִיגֶען · דֶער אֱמֶת הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ אִיז גְלַייךְ מִיט דֶר זוּן · וָואס זִיא שִׁיקְט אַלוּטִירֶע הוּמְץ אוֹיף דֶער גֶעגֶענְד · נִיט אָבֶּר אַזוֹ זֶענֶען דִיא פַאלְטְשֶׁע אוּנ שִׁילְדִיגֶע מֶענְטְשֶׁן · זֵייעֶרֵי וֶוערְטֶער זֶענֶען וִויא צוּא גְרִיהֶטֶע קוֹלֶען · נִיט זִיךְ אָן צוּא וַוארִימֶען אוּנ נִיט צוּ לַייכְטֶען · נָאר צוּ פַר בְּרֶענֶען אַלֶם וָוס זֵייא קְרִיגֶען :

דַיין לֶעהְרֶע אִיז זֵייעֶר גוּט · הָאט יְדִידְיָה צוּא אִים גְזָאגְט · נָאר אָבֶּר וָואס הֶעלְפְט דָאס מִיר · אִיךְ פַאר שְׁטֵייא אַלֵיין · אַז דָאס אוּם גְלוּק פוּן יוֹרָם · אִיז גְוֶועזֶען דוּרְךְ מַתָּנָם פַאלְשְׁקֵייט · נָאר אָבֶּער וֶוער הָאט גְקֶענְט פַאר בְּרֶענֶען מַתָּנָם הוֹיז · נֶעמְהֶס זִינְד אִיז שׁוֹן פַאר שְׁרִיבֶּן גְוָוארֶן אוֹיף אֵייבִּיג דוּרְךְ צְוֵוייא עֶרְלִיכֶע לַייט חָבֵר מִיט בּוּקִיָהוּ · אוּנ וֶועדְלִיג אִיךְ הָאבּ פַאר שְׁטַאנֶען יֶענֶע נַאכְט פוּן מַתָּנָם רֵייד · אִיז גְוֶועסֶה נָאר אוּם שׁוּלְדִיג · וֶועמֶען פוּן זֵייא זָאל אִיךְ וִויסֶען צוּ גְלֵייבֶען :

מען מיז האפן · האט סתרי ווידר צוא אים גזאגט · אז גאט וועט אונז אין אקליינער צייט אלם ריין ענטדעקן · אזונע זאכן גשעהן נאר אין דיא גרוסע שטאט · איך דאנק תמיד גאט · וואס ער האט מיר איין וואהנונג אן געצייכנט אין אדארף · שון פון לאנג האב איך פיינט דיא גרוסי שטאט · דארט גשעהט אמאל אזונס · וס גאט זאל באהיטן · אצונד · מיין פריינד · גיב אכטונג אוף אלי דייני איין גייערס · וואס זייא קומן צוא דיר אין שטוב אריין · נאר אוף גאט האב איין אמת פער טרויען · אבר אוף מענטשן וויינוג :

אונ דר זעלבר נאכט וואס מתנם הוז איז פר ברענט גווארן · האבן זיך פאר זאמלט · עזריקס · חפר מיט בוקיהן צוא כרמין אין שענקל אריין · אונ חפר האט זיך אן גרופן צו עזריקסן · אט באלר וועט דם פייער פאר ברענן מתנען מיט דעם גאנצן הוז גזונד · אונ דוא וועסט שון פר שפארן צוטערן פר זייא · אונ אצונד לאז פרייא עסן פון דעם גריב · ווארום וועז נית · קען אונז אלי עפים גשעהן · עזריקס האט אים נפאלגט אונ האט באפרייעט עסן · אונ האט אים גשענקט אפעלד · אונ האט אים צו רוק אוף זיין ערשטי שטעלע אוף גנומן :

אונ דיא אוף זעהרם פון דער שטאט האבן גוואלט דיא זאך דער קלערן · ווער עס האט דאס פייער אן גצונדן אין יורמס הוז · זייא האבן גרופן חפרן מיט בוקיהן · אוך עסן מיט חלאהן · נית איינר אבר פון זייא האט פאר כעלט איין ווארט פון דעם · וואס זייא האבן נאך דעמאט גזאגט · ווארום זייא האבן פר זיך איין גצוטערט · דא האבן אלי צוא זאמן גזאגט · נית אנדערש · נאר מתן מיט נעמהן האבן יורמן פאר ברענט · זייא האבן צוא רוק אפ געגעבן אלי זאכן וואס מען האט בייא מתנן גפונן · צוא עזריקסן · ווארום ער איז איינר יורמס זון · אונ נעמה נעביך דיא אום שולדיגע האט גמוזט הערן פון ווייטן וויא יעדר שענד זיא · אונ זאל זיך נית וויסענדיג מאכן · ווארום זיא האט גצוטערט מען זאל פון איר נית גוואר ווערן :

12

דיא נייע מוטער · מיט דער שוועסטר

אונ סתרי · בשעת ער האט שון גקאנטשעט זייני אונטערעסן אין ציון · אונ איז שון געווען גרייט אהיים צוא פארן · האט ער זיך צוא עמונן אן גרופן · איך פרייא מיך זייער דיך צוא זעהן אונ אזא גליקליכן

גליקליכן שטאנד בייא ידידיה אין ציון :

וואס קומט מיר · אבער ארום · האט אים עמנון געענטפערט · אז איך בין אמענטש אן אנאמן :

זייא גרייט · האט אים סתרי ווידר גזאגט · נאך אין דרייא טעג ארום וועט קומן אהער מיין ברודר אבישי ער דארף מיט דיר איין גייטיגע זאך צו רעדן :

ער האט זיך מיט אלי אפ געזעגנט · אונ איז אוועק גפארן · אונ עמנון איז זיך געזעסן אין זיין קאבינעט מיט זיין משרת פורהען גאנץ רוהיג · אונ פורה האט אלץ גקלערט בייא עמנונן דאס פונגעריל אראפ צוא נעמן · אום זוסט אבער איז זיין מיה גוועזן · עמנון איז דאס גנאנגן פעסט ארוף געזעצט אוף זיין האנד · אונ מעכה (תמרס דיענסט) האט נאך אוך ניט געהערט פון זמרין קיין איינציג ווארט · זיא זאל עס קענן דר ציילן תמרן :

אוף דעם דריטן טאג בייא נאכט · ווען עמנון איז מיט פאר גניגן אוף זיין בעטיל געלעגן אין זיסן שלאף · האט ער דער הערט וויא איינר קלאפט בייא אים אין דר טיר · ער האט זיך גשווינד אוף גהאפט מיט גרוס שרעק · אונ איז צוא גגאנגן צוא דער טיר · ווער קלאפט עס בייא מיר · האט ער גשריגן · עפין אוף עמנון · איך דארף דיך נייטוג האבן · האט מען אים געענטפערט · ער האט גיך געפונט דיא טיר אונ אבישי דער אלטר איז אריין גקומן · ער האט אן גצונדן איין לעכט אונ האט גפרעגט · וואס דארפט איר מיך מיין הער · אזו שפעט בייא נאכט צוא האבן · מיה זיך אן · האט ער אים געענטפערט · אונ קום מיט מיר · ער האט זיך גשווינד אן גטאן · אונ איז מיט איר ארום גגאנגן · בשעת זייא זענן איבר גגאנגן אפאר גאסן האט זיך אבישי צוא אים אן גרופן : הער וואס איך וועל דיר זאגן · האסט זיך גקלאגט אז דוא בוסט אמענטש אן אנאמן :

יאה מיין הער · האט ער אים געענטפערט · וואס קומט מיר ארום מיין בייכער שטאנד · אז איך האב ניט קיין עלטרן · נאר זאלסט פאר קיינם ניט באכטן וואס איך וועל דיר זאגן · הט אבישי צו אים גזאגט :

בייא דעם הייליגן גאט שווער איך דיר · האט אים עמנון געענפערט · אלוואי עס זאל זיין אטרייסט צוא מיין פר ביטערט הארץ · אבישי האט אים אן גנומן ביי דער האנד אונ האט אים אריין גפורט אין איין ארום גצעלט · וויא עמנון איז אריין גקומן האט ער דארט געזעהן זוצן אשיינע פרוי לעבן אטיש · זייער פר וויינט · אונ לעבן איר אמיידל אשיינס · אונ אבישי האט זיך צוא אים אן גרופן בייא צוא גענטר · עמנון · אונ

קוש

קוש דיא הענד פון דיין מוטר · אוך דאס מיידל נעם ארום · זיא איז דיין שוועסטער · פאר גרוס פרייד איז ער גבליבן וויא דיל שטיין · אונ דיא פרויא האט מיט פיל טרערן ארום גנומן עמנונן אונ האט גשריגן · דוא ביסט מיין זון · וואס זונט דוא ביסט גבורן האסט דוא מיך ניט גקאנט ביז היינט · אוך דעם מיידל האבן זיך גשטעלט טרערן אין דיא אויגן · זיא האט ניט קיין אויג אראפ גלאזט פון אים אונ האט גזאגט מיט פרייד · דוא ביסט עס עמנון · מיין טייערער ברודר · וואס דיא מאמע פלעגט מיר שטענדיג דער ציילן פון דיר · דוא ביסט עס דער וואס איך פלעג דיך תמיד ביי דעם נאמן אן רופן · אונ דיך קיין מאל ניט גקאנט · אונ אבישי · אז ער האט גזעהן · וויא עמנון באקאנט זיך מיט זיין מוטער · אונ מיט זיין שוועסטער · איז ער ארום גגאנגן פון דער שטוב :

וואס שווייגסט דוא מיין קונד · האט אים דיא מוטר גפרעגט דא איז עמנון איר ארום גפאלן אונ האט זיא אזו דורך גנעצט מיט זייני טרערין · אונ האט גזאגט צוא איר · מיין ליבע מוטער · וואס זיא איז אזא צייט פון מיר באהאלטן גוועזן · האט זיך אצונד אין איין אויגן בליק אויף גדעקט · וויא ליב ביסט דוא מיר · וויא שיין ביסט דוא מיין שוועסטער · אזו וויא בלומן אין אוויסטן טאל זענט איר מיר גגלעבן · נאר אבער וועה · אז איך מוז אייך זעהן אין אזא ארום גצעלט · זאג מיר דיא אורזאכע דער פון · זאג מיר דיין נאמן אונ דעם נאמן פון מיין שוועסטער · אונ ווער מייני עלטערן זענן גוועזן אין ציון · ווארום אום זוסט איז מיין האפנונג · דאס שטייט מיר וויא אשטן אין מייני וועגן · זאג מיר · מוטער · דייני ליידען · אפשר וועל איך דיר קענן העלפן :

איינם וועל איך דיך בעטן מיין קונד · הט זיא אים גענטפערט זאלסט מיך ניט קוויילן דיר צו ענטדעקן דייני עלטערן קורץ וועל איך דיר זאגן · אז דיין פאטער איז גוועזן אהער אין ציון · אונ איז גשטארבן · אונ נאך זיין טוט זענן אויף גשטאנן שלעכטי מענטשן אונ האבן זיין גאנץ גוטץ פער וויסט · ווען איך זאל ניט גוועזן ווייט אנטלופן · וואלט איך מיט אייך ליבע קונדר · אויף אייביג פר פאלן גווארן אוך אפילו אצונד צוטער איך נאך אז מען זאל פון אונז ניט גיוואר ווערין ווען ניט · ווער ווייסט וואס אונז קען גישעהן · ביי דיא ווערטער הט עמנון געזיפצט · אונ דיא טרערן האבן זיך אויף זייני באקן גקאטשיעט וויא טהוי טראפן אויף דער בלום · אונ דיא מוטר האט ווידר צוא אים גזאגט · נאך אקורצע צייט מוזן מיר פאר בארגן זיין · ווארום איך זעה אז דיא זון ווארפט שון שטראלן אויף אונז · איבער דעם ביסט דוא פון דיין קליינם הירשן

גצעלט

געצעלט צו אזא כבוד אויף גנומען געווארן :

אזוי האט איר עמנון געענטפערט . אלעווי וואלט איך ניט געווען פאר לאזט מיין הירטען געצעלט · וואלט איך אצונד רוהיגער געווען :

פאר וואס . ליב קונד · האט זיא אים געפרעגט . עמנון האט אן גהויבען שטארק צוא וויינען . אונ האט זיך צוא איר אן גרופען · זעה דאס פונגעריל אויף מיין האנד · דאס האט מיר תמר ידידיהם טאכטער געגעבען צום אנדענק פון אונזר פריינד שאפט . אונ איך ליב זיא זייער שטארק . אבער גאר אן האפנונג :

וויא זיא האט דער זעהן דעם פונגעריל אויף זיין האנד · האט זיא צוא ווילען גקוקט אויף עמנונען . אונ אויף איר טאכטער · וואס זיא איז פאר וויינדערט געווארן . בשעת זיא האט זיך דער מאנט אין דעם פונגעריל וואס תימן ידידיהם טאכטער האט אויך איר געגעבען · זיא האט אים געבעטען · ער זאל איר זאגן . ווער דיא נעמען זענען · וואס זייא שטייען אויף דעם אום געקרוצט . אונ עמנון האט איר אלס אום דער ציילט פון דעם אן פאנג ביז אין סוף · אזוי האט ער זיך דארט פאר בראכט · ביז דער מארגן שטערן האט אן גהויבען צוא שיינען · זייא האבען זיך נאך אמאל געקושט · אונ עמנון האט צוא זייא געזאגט . פון אצונד אן וועלין מיר זיך קענען אפט זעהן · אז איך וועל זיך וועלען מיט דיר זעהן . הט זיא צוא אים געזאגט · וועל איך דיר שיקען אבישים אמשרת · אונזער אגוטער פריינד · וואס מען רופט אים · עוץ · אונ איך וועל שון בייא שטעלען איין ארט וויא מיר זאלען זיך זעהן · נאר אבער גיב אכטונג מיין קונד . מען זאל ניט קיינער וויסען אז דוא גייסט צוא מיר · ער האט זיך מיט זייא געזעגענט . אונ איז צו רוק אהיים געגאנגען :

אונ פורה · וואס ער האט אלץ געלאקערט אויף עמנונען · האט זיך זייער געפרייד איבער היינטיגער נאכט · וואס ער האט גאר ניט פאר שטאנען וואס דאס קען זיין . אונ אז עמנון איז גאר מיט אבישין־ארום געגאנגען פון דעוי שטוב · איז ער זייא נאך געגאנגען טרוט בייא טרוט . ביז זייא זענען צו געקומען צו דעם געצעלט פון דארט אבער האט ער זיך צוא רוק אום געקערט · ווארום ער האט געצוטערט · טאמער וועט זיך עמנון אהיים אום קערן · אונ וועט אים דארט ניט טרעפען · אויף דעם אנדערן טאג גאנץ פריא איז פורה באלד געלאפען צו זמרין . אונ האט אים דער ציילט · וואס דא האט זיך דיא נאכט פאסירט · אונ זמרי · אז ער האט דאס דער הערט · האט ער זיך צוא אים אן גרופען · האסט זיך נאך אלץ באנארישט · מיט דעם וואס דוא האסט ניט געזעהן · וואס עמנון הט דארט געטאן · אונ פון אצונד אן זאלסטו שון גוט אכטונג געבען דרויף :

אונ עקן · אז ער האט גזעהן מתנס פסק · האט ער צוא זיין וויב
חלאהן גזאגט · מתנס סוף האט מיך איבר גשראקן · איך וויים אז אונז
וועט גאט אוך ניט שרעקן · דרובר הער מיך · איך טראכט אום צוא
קערן בעמהן אוף יורמס גיטער · אונ חלאה האט צוא אים גזאגט מיט
גרוס שרעק אפנים דוא ווילסט בייא אונזר קונד זיין רייכטהום צוא
נעמין · ווען ער האט שון יאה עפים גאט אין הארצן · אונ באגייט זיך
שון מיט אונז ארדענטליך :

הער נאר פריער אום · האט ער איר גענטפרט . איך טראכט דער
מיט נאך צוא פאר גרעסרן זיין פאר מעגן · ווייסט זיך אז נעמה האט
אמיידל · דיא ערשטי שיינהייט אין דר וועלט · איך האף · אז עזריקם
וועט זיא נאר דער זעהן · וועט ער פאר געסן אין תמרן · אונ איך
וועל מיך צו נעמן דער קענן · אונ וועל איר דעם אמת דער ציילן · אז
מתן האט פאר ברענט יורמס הוז . אונ איך האב מיין קונד אנאמן
גגעבן · עזריקם · אונ וועל טאקע מיט איר שמוסן · אז זיא זאל איר
טאכטר צוא עזריקם געבן · אונ קיינר וועט עס ניט באמערקן · מען
וועט טראכטן · אז ער האט גנומן אפלשתית אטאכטער . וואס וועט
אבר ידידיה זאגן ; האט זיא אים גפרעגט . ער וועט גוויס ניט לאזן
עזריקם זאל הייראטן מיט אפרעמדר :

הער נאר אום · האט ער איר גענטפרט · זמרי האט מיר דער ציילט
אז ער האט גזעהן חננאלם פונגעריל אוף עמנונס האנד·גווים אז תמר
האט זיך אין אים פר ליבט · אונ איך וועל עמנונן אום זאגן · אז חננאל
לעבט נאך · אונ אז ער וועט עס דר הערן · וועט ער זיך תיכף פארטיג
מאכן צום וועג · אונ איך האף אז ער וועט צו רוק קומן מיט חננאלן ;
דער חלום וועט גווים באשייד ווערן · אונ תמר וועט מיט עמנונן
חתונה האבן · דרובר וועל איך זעהן · אז עזריקם זאל נעמן נעמהם
טאכטר · אונ אונזר זונד וועט דורך דעם ווערן אפ גמעקט :

גיב אכטונג מיין מאן · האט זיא אים גזאגט . אז דוא זאלסט ניט
נפאנגן ווערן אין דעם וועג וואס דוא ווילסט גיין :

איך וועל שון וויסן וויא אזו צוא טאן · האט ער איר גענטפרט .
וויא אזו אבר וועט עמנון אוועק פון תמרן · האט זיא אים גפרעגט .
דוא מעגסט זיך שון אוף מיר פר לאזן · האט ער איר גענטפרט · דא
איז דא הדורם פון דער שטאט צידון · אונ ער איז מיר באקאנט .
איך וועל מיט אים שמוסן · אז ער זאל איין רעדן עמנונן · ער זאל

מיט אים צו זאמן פארן • אונ עמנון וועט אים צו ליב טאן • ווארום תמר איז ביא אים טייער :

נאר זייא גוט אפ גהוט • האט זיא אים ווידר גזאגט • ביז דיא זאך וועט זיך קאנטשן • דר נאך ערשט אז ער וועט זעהן • אז זיין האפנונג צוא תמרן איז אומזונסט • וועל איך אים וויזען געמהם טאכטר • אונ ער וועט זיא גוויס נעמן • ווארום נימו איבריג וועל איך עס פאר אים פאר דעקן • איך וועל אים אום זאגן אז ער איז מיין זון • אונ זיא איז יורשם טאכטר :

אונ זמרי האט באשטעלט פורהן • ער זאל גוואר ווערן ווער עס וואהנט אין יענם גצעלט וואס עמנון איז דארט גוועזן • אונ פורה איז אהין אביין גקומן • אונ האט זיי גפרעגט אוף איינם • אונ ער איז באלד צוא רוק ארוס גגאנגן • אונ האט זיך גטראכט • עמנון האט זיך גוויס פר ליבט אין דעם מיידל וואס עס וואנט דארט • ער האט נאך גפרעגט ביא דיא שכנים ווער דארט וואהנט • אונ זייא האבן אים גענטפרט • אז אפלשתית וואס איר מאן איז גשטארבן • האט זיך דארט ביא זעצט מיט איר טאכטר • ער איז גלאפן אונ האט גטראפן זמרין ביא כרמין אין שענק • ער האט עס אים דער ציילט • אונ זמרי הט צו אים גזאגט • וועסט באקומן ביא מיר פאר דעם וועג • גייא צו תימנן • אונ זאלסט אים זאגן אז עמנון איז דיא נאכט אוועק גגאנגן אין יענם גצעלט אריין • וויא עס וואהנט אפרויא מיט אפרייילין אשיינם • נאר זאלסט עס פאר קיינם ניט דאכטן • ווארום איך ציטער פאר עמנונן • אזו זאלסט דוא אים זאגן • וועסט זיך שון פון מיר ניט נארן • מע...סט זיך שון אוף מיר פר לאזן • האט ער אים גענטפרט • איך וועל שון וויסן וויא אזו זיך צוא באגיין • ווארט נאך אפאר טעג • האט אים זמרי גזאגט • ביז מען וועט דיא זאך ריין וויסן :

גוט • האט ער אים גענטפרט איך וועל טאן אזו • אוף דעם אנדרן טאג נאך מיטאג איז עוץ גקומן צו עמנון • אונ איז מיט אים אוף דער גאס ארום גגאנגן • אונ האט גזאגט צוא אים פאר נאכט זאלסט דוא קומן אהין :

איך וועל קומן • האט אים עמנון גענטפרט • אונ פורה האט עס גהערט • ער איז גיך גלאפן • אונ האט עס דר ציילט זמרין • אונ זמרי האט גזאגט צוא אים געה גיך צו תימנן • אונ דר ציילט עס אים • ער איז באלד אוועק גלאפן צוא תימנן • אונ זמרי איז דער פון זייער דער פרייט גווארן • אונ האט גטראכט אצונד איז דאס ערשטע אפ צוא טאן דאס פריינד שאפט וואס עס איז צווישן עמנון מיט תימנן •

פר נאכט איז עמנון אוועק גגאנגן אוף דעם ארט וואס עיץ האט אים בייא שטעלט · וויא ער איז אהין אריין גקומן · האט ער דארט גטראפן זיין מוטער מיט זיין שוועסטער · אונ עמנון איז זייער פרייליך גוועזן · ווארום ער האט געכטין גהערט אז חננאל לעבט נאך · אונ הדורם · ווייל אים מיט זיך מיט גענומן · אוך האט ער זיך גפרייט זיך צו זעהן מיט זיין מוטער אונ מיט זיין שוועסטער · איידר ער פארט אוועק פון זייא · אונ זיין שוועסטער האט זיך צו אים אן גרופן · אייביג וועסטו צוא מיר אזו פרעמד זיין · בייא דיא ווערטער האט געמה זייער גוויינט :

וויין ניט מאמע · האט עמנון צוא איר גזאגט · ווארום אז איך זעה דיך וויינן · וויינט אוך אין מיר מיין הארץ · זאג מיר · וויא אזו מיין גלובטע שוועסטער הייכט :

וועט דיר עפים שיין שמעקן · האט זיא אים געענטפערט · אז איך וועל דיר זאגן · אז זיא הייסט דיא שיינע רוז :

אך וויא שיין פאסט דיר דער נאמן · האט עמנון גשריגן · אונ האט זיך אום גקערט צוא זיין שוועסטער · אזו וויא אעדעל שטיין אין איין גילדענער קרוין :

אוי מיין ליב קונד · האט נעמה גשריגן · היינט איז אוויסטע וועלט · דיא זאכן וואס זענן פאר דעקט גוועזן · האבן זיך היינט ארום גוויזן נאר · ורץ וועל איך דיר זאגן · דוא וועסט אונז מער ניט זעהן · אוך מיז אוועק פון דאנט אוף איין אנדר ארט :

איך פאר אוועק פון ציון · האט ער איר גזאגט · ווארום איך האב גהערט · אז חננאל לעבט נאך · איך האף · אז איך וועל אים צוא רוק ברענגן קיין ציון :

האב האפנונג צוא גאט · האט זיא אים גזאגט · ער וועט דיך צוא דיין ציעל ברענגן · אונ ווער ווייסט · אפשר וועט אוך אונז גאט מיט גיטץ באנייען · אונ מיר וועלן ניט דארפן בייא האלטן זיין · זיי האבן זיך גקושט מיט טרערן · אונ האבן זיך צוא שייד · עמנון איז אוועק גגאנגן אין שטאט אריין · אונ זייא זענן אוועק גגאנגן אין דער אנדרר זייט צו זיך אין גצעלט :

בשעת זייא זענן אזו גגאנגן · איז זייא תימן אקיגן גקומן : אונ פנינה אז האט אים דער זעהן · איז זיא זייער דער שראקן גווארן · אוך תימן האט מיט גרוס פרייד גשריגן · דיא רוז האב איך דא ווידר דער פולט שמעקן · דיא ביסט דאך דיא רוז · וואס דוא האסט מיר דארטן אשיינם ריח גשוקט · אונ גיך ביסט דוא פון מיר אוועק · קער מיר אום מיין רוז

וואס דוא האסט בייא מיר צו גנומן · ווארום נאר איין אוגן בלוק האב איך פון דיר פאר גניגן גהאט · מיין ריה אבר איז אוף אייבינ פון מיר צוא גנומן :

ניין מיין הער · האט אים נעמה געאנטפערט · ריף זיא ניט מער קיין רוז · אונ קוק ניט ארום אוף איר · זיא איז שון בייא איין אנדערן אין שטוב גפלאנצט :

דוא ביסט דאך איר מוטר · האט תימן צוא איר גזאגט ; דוא וואס דוא האסט מיר דעמאלט געאנטפערט דורך דער אלטר יודינע · דאס שטיינדיל איז ארום פון דעם פונגעריל :

אונ אצונד הער איך פון דיר עפיס אנדרש · דרובר וויל איך וויסן ווער דער מענטש איז וואס ער האט אזא טייער שטיינדיל בייא קומן · אונ זאל עס איין פאסן אין אגילדן רייפעלע · ער איז זיך גוויס איין ארום מאן · דרובער וויל איך אים רופן · אונ בייא אים דם שטיינדעל אפ צוא האנדלן · איך וועל עס יאה איין פראוון אין גאלד · איך וויים אז יענר מענטש וועט זיין צו פרודן פון דעם געלד וואס איך וועל אים געבן · אונ איך וועל זיין נאך מער צו פריעדענר פון דיין טאכטר :

קארג פאר דיר · האט נעמה גזאגט מיט גלעכטר · וואס גאט האט דיך גבענטשט מיט אזא רייכטהום · ווילסט דוא נאך אשיין ווייב · אונ דעם ארום מאן גאר ניט :

קער זיך אום צוא מיר · שיינע רוז · האט תימן גזאגט · אונ האט זיך אום גקערט צו פנינהן :

לאז זיך דיר ניט דאכטן · האט אים נעמה געאנטפערט · אז זיא הייסט דיא רוז · גייא אהין וויא דיא רוז בלוהט אונ נעם זיא דיר · אודר גייא בעסיר אהיים אונ שלאף זיך איבר וועט דר חלום אוועק פלוען פון דיר :

פאר ציה מיר · האט תימן צוא איר גזאגט · ווען איך האב מיך אפילו טועה גוועזן · וויים · אז שון פון אייאר דאכט זיך מיר אלץ גאר דיא רוז :

איך בעט דיך איבר · האט זיא אים געאנטפערט · איך בעט איבר דעם הער · וואס עס דאכט זיך אים אלץ נאר רוזן · וויא פיל מיידלך דוא וועסט זעהן · וועלן דיר אלי אוס ווייזן וויא רוזן · אונ תימן האט זיך צוא פנינהן אום גקערט אונ האט גזאגט צוא איר · אוך דוא · מיין רוז · מאכסט זיך פרעמד צוא מיר · וויא שיין דוא ביסט ; זאלסט דוא זיין פיל מיט לונגן · ניט אוף דעם האט דיך גאט בייא יצאפן אוף דער וועלט · זאג מיר נאר · דוא האסט מיך קיין מאל ניט גזעהן · האסט דוא דען בייא מיר ניט גנומן דאס פונגעריל · מוזט מיר זאגן פאר וואס

דאס

דאס שטיינדל איז ארום פון דעם פינגעריל . אוך מיזט דוא מיר ווייזען דעם מענטשען · וואס ער האט דאס שטיינדיל בייא קומען · כדי איך זאל וויסען וויא גלוקליך ער איז . אונ איך געביך אום גריקליך · בייא דיא ווערטער האט פנינה אן גהויבען צו וויינען · וואס שווייגסט דוא · האט ער זיא גפרעגט · נאך מאכסט דוא זיא פרעמד פאר מיר :

פרעג מיין מוטער · האט זיא אים געענטפערט · וויא אזו איר וויכען איז בין איך גאנץ צוא פרודען :

איך בעט דיך מיין הער · האט נעמה צו אים גזאגט · אזו וויא דיין ליבע איז גרוס צו מיין טאכטער . אזו זאל אוך גרוס זיין דיין גלויבען אין מיר · דאס מאל . זייא זעכיר הער · אז אין דרייא טעג ארום וועל איך דיר שוקען אריינם ענטפער · נאר שווער מיר צוא · זאלסט עס גיט באכטען פארקיים :

איך שווער דיר · האט ער איר געענטפערט . בייא דיין טאכטער וואס איז מיר ליבער פון אלם :

גייא דיר גאנץ רוהיג צו רוק אהיים . האט זיא אים ווידר גזאגט · אין דרייא טעג ארום וועסט דוא האבען תשובה · ער איז צו רוק אוועק גגאנגען · אונ האט בייא זיך גטראכט · עמנון האט זיך גוויס פאר ליבט אין דעם מיידל · נאר אבר איך נעם אים גאר קיין פר איבל ניט אן . וויא איז דען פאר הגרען אייגער וואס ער זאל זיא זעהן · אונ זאל זיא ניט ליבען :

קיין אנדר מיטל איז ניט דא · נאר אן צו רעדען דעם טאטען אז תמר זאל חתונה האבען מיט עמנונען · דעמאלט וועל איך שון האבען דיא רוה · נאר פריער מוז איך ווארטען אוף דעם דריטען טאג · הערען וואס זיא וועט מיר צוא רוק שוקען · אונ עמנון איז זיך גזעסען בייא זיך אין קאבינעט זייער כרייך . נאר איינם איז אים שלעכט גוועזן · אפשר וועט ער דארפען אסומע געלד אום צו קופען חנגאלען דארטען וויא ער איז גפאנגען · ער האט זיך בייא טראכט . ער זאל עם דר ציילען תמרען · אפשר וועט זיא אים מיט העלפיג זיין · אוף דעם אנדרען טאג איז ער גקומען צוא תמרען · אונ האט איר גזאגט . אז זיא זאל בייא נאכט גיין אוף דעם אעל בארג ארוף · ווארום ער דארף מיט איר אוויכטיגע זאך שמוסען · פאר נאכט איז שון עמנון גשטאנען גרייט אוף דעם אעל בארג צווישען דיא ביימר · אונ האט גווארט אוף תמרען · דיא זון האט אן גהויבען צו פאר גיין ; אונ דיא לבנה האט שון האלב ארום גטרעטען אין מוטען הימל · אונ עמנון האט דר וויל אום גקרוצט אוף אעל בום זיין נאמען אוף תמרס נאמען · באלד איז אוף תמר אן גקומען · וויא זיא האט דער

זעהן

ועהן אוף דעם בום אום גקרוצט זייערי געמין · האט זיא זיך צו איס אן גרופן · אזו וויא אוף דעם בום · אזו איז דיין נאמן שון פון לאנג אין מיין הארצן אום גקרוצט :

אזו וויא דער בום · האט אוך עמנון גזאגט · בייא נייעט זיך אלי זוטר · אזו זאל אונזר ליבע בלועז אין דעם פריהלונג פון אונזר יוגענד · אונ אוך אין אונזר עלטר :

דער נאך האט ער זיך ווידר צו איר אן גרופן · הער מיין גלובטע · וואס איך וויל דיר זאגן · פון דעם וועט אונזר האפנונג בלועז · וויים אז תנאל לעבט נאך · קארגן וועל איך אוועק פארן אים אום לייזען :

וויא תמר האט דאס דער הערט איז זיא זייער דר צוטרט גווארן · זיא האט אים אן גנומן בייא דער האנד · אונ האט גזאגט צוא אים · הער עס פון דיר · מיין גרובטר :

מער וועלן מיר זיך ניט זעהן · האט ער צוא איר גזאגט · ביז איך וועל עס קאנטשן · אצונד מיין גליבטע · זאג דיין טאטן · אז ער זאל מיר געבן געלד גשענקע פר דעם · וואס איך האב דיך ערעטעט פון דעם טוט · אונ דאס געלד וועל איך האבן אום צו לייזן חננאלן · איך וויים · אז ער וועט עס דיר גווים צו ליב טאן :

אונ תמר האט זייער גוויינט · אוך עמנון האט צו איר מיט טרערן גזאגט . נוארט · מיין גליבטע · ביז איך וועל צוא רוק קומן · זאלסט קיין פרעמדן דיין ליבע ניט וויזן :

ער האט זייני הענד צום הימל אוף גהובן · אונ האט גזאגט מיט טרערן · אוך דוא זון זאלסט זיין איין עדות אין אונזר ליבע וום מיר האבן גשלאסן · זאלסט ניט דיא זאך ענדעקן ביז אין אגילינגענר צייט . אונ דעמאלט זאלסט דוא אשיין געבין · אונ אלס זאל אוף גדעקט ווערן :

אוך תמר האט אירע הענד אוף גהובן אונ האט גזאגט · אוך איך וועל מיר נעמן איין עדות · דיא לבנה · אז צו דיר בין איך אוף אייביג :

אונ צו עמנונן האט זיא זיך אן גרופן · דאס פונגעריל זאלסט דוא טראגן אוף דיין האנד ביז דוא וועסט צוא רוק קומן . קיין ציון · וויא דאס אונ אפעל · האט איר עמנון געענטפערט · וועל איך עס אם הנטן : ווארום פון דעם איז אונזר ליבע ארום גקומן :

אונ תמר האט ווידר צוא אים גזאגט · מארגן וועל איך נעמן בייא דעם טאטן געלד אונ וועל דיר געבן . ווארום היינט בין איך זייער איבר גשראקן פון דער בשורה וואס דוא האסט מיר אן גזאגט · אונ וויל איך בין ביי זארגט איבר דיין רייזע · יעדר טאג וועט בייא מיר

זיין

זיין אייער לאנג :

נאך שטייען זיי אזו · אונ תמר האלט עמנונען ביי דער האנד · איז ידידיה צוא זייא צוא גקומען · אונ האט דר זעהן וויא זייא שטייען צו זאמען אונטר דיא הענד :

אזעלכען שיינע זאך זעה איך יעצט · האט זיך ידידיה אן גרופן אפרעמר יונגל מיט אפרעמדר מיידל פורן זיך ארום דיא הענד :

זייא זענען ביידע גבליבן שטייען וויא דיא שטומע · ווארום זייא זענען איבר רושט גווארן פון זייני רייד · אונ ידידיה אז ער האט דער זעהן תנאלס פונגעריל אוף עמנונס האנד · האט ער עס מיט כעס אראפ גנומען פון זיין פונגער · אונ האט גזאגט . שעמען מעגט איר אייך · נאר וואס זאל איך אבער זאגן . מיין טאכטר איז נאר וויא דיא נארישע טוב · וואס זיא פלוהט ארום תאפן אזערנע · אונ ווייסט ניט אז מען קוקט ארום דר מיט זיא צו פאנגן · צו דיר עמנון . וועל איך מיך אום קערן · דס איז אזו דיין ארדענטליכקייט מיט מיר · דס איז אזו דיין ערליכקייט צו גאט · איך האב דיר גוואלט באלונן מיט געלד · דר פאר וואס דוא האסט זיא ערעטעט פון דעם טוט · אונ דוא האסט ניט גוואלט נעמען · אצונד זעה איך ערשט · אז דוא האסט זיך אבעסרע מתנה אום גקלובן · קורץ וועל איך דיר זאגן · זיך דיר בעסר אפרוי דיין גלייכן · אונ אוף איר זאלסט דוא קיין האפנונג ניט האבן · ער האט אן גנומען תמרן · אונ האט זיא אריין גבראכט צוא תרצהן · אונ האט עס איר דער צויילט :

אונ עמנון האט זיך אהיים אום גקערט זייער פאר שעמט פון אים · דיא גאנצי נאכט האט ער קיין אוג ניט צו גטאן · אונ אוך תימן מיט תמרן זענען זייער טרויעריג גוועזן · אט דא איז פורה גיך גלאפן צו זמרין · אונ האט עס אים דר צוילט : אז עמנון זוצט אונ וויינט · דא איז זמרי באלד גגאנגען צו עזריקם · צוא דר צוילן אים · אז דיא פיש זענען שון גפאנגען גווארן אלי אין דער נעץ . וואס ער האט פר זיי פר שפרייט :

14

דאס צו שיידונג

אוף דעם דריטען טאג · ווס פנינה האט גזאגט אז זיא וועט זיך זעהן מיט תימנן · איז תימן גיך גלאפן אוף דעם ארט · צוא טרעפן דארט זיין גליבטע · זיא איז אבער ניט גוועזן . ער איז דארט זייער פאר זארגט

גשטאנען

גְשְׁטַאנְן • דֶער וֱוייל אִיז צוּ אִים צוּ גְקוּמֶן אַיוּנְגֶל • אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּ אִים • וֶוער בִּיסְט דוּא • מֵיין הֶער :

אִיךְ דַארְף דָא הָאבְּן אַהֶערְם אַזוּן • הָאט דָאס יוּנְגֶל גְזָאגְט • דְרוּבֶּר זַייא אַזוּ גוּט • אוּנ זָאג מִיר וֶוער דוּא בִּיסְט • דֶעם הֶער יְדִידְיָהְס אַזוּן בִּין אִיךְ • הָאט אִים תִּימָן גֶעֶנְטְפֶערְט • דָס יוּנְגֶל הָט אַרוּם גְנוּמֶן אַבְּרוּף • אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּא אִים • נֶעכְטִין הָאט מִיט מִיר אַמֵיידֶל דֶעם בְּרוּף גְגֶעבֶּן אִיךְ זָאל גֵיין אַהֶער דִיר אִים אָפּ גֶעבְּן • אוּנ תִּימָן הָאט דֶעם בְּרוּף אוּף גְרוּסֶן אוּנ לֵיינְט :

הָאסְט זִיךְ טוֹעֶה גְוֶועְן • מֵיין הֶער • מִיט דֵיינִי וֶוערְטֶר • הָאסְט מִיךְ טַאקֶע דֶער קֶענְט • נָאר אָבֶּר אָן גְרוּפְן הָאסְט דוּא מִיךְ אַנְדֶערְשׁ וִויא אִיךְ הֵייס • אֶמֶת • אִיךְ בִּין דִיא וָואס דוּא זִיכְסְט • נָאר אָבֶּר נִיט קֵיין רוֹז בִּין אִיךְ • נִיט מִיט דֶעם נָאמֶן בִּין אִיךְ גְבוֹרְן גְוָוארְן • דְרוּבֶּר פַאר צַיֶה מִיר וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ שׁוֹן צְוֵוייא מָאל בַּאטְרָאגְן • אוּךְ אֲפִילוּ הַיינְטִיגֶם מָאל וֶועל אִיךְ דִיר מֵיין אֶמֶתְן נָאמֶן נָאךְ נִיט עֶנְטְדֶעקְן • וַוייס מֵיין הֶער • אַז בְּשַׁעַת מֶען הָאט מִיךְ גְרוּפְן • דִיא שֵׁיינֶע רוֹז • בִּין אִיךְ מִיר גְוֶועְן רוּהִיג אוּנ צוּא פְרִידְן • פוּן אֵיין אַנְדֶרִי לִיבֶּע • אוּסֶער מֵיין מוּטֶערְס • הָאבּ אִיךְ נִיט גְוִויסְט • אִיךְ הָאבּ זִיא גְלִיבְּט • עֶס הָאט מִיר קֵיין אֵיינְצִיגֶע זַאךְ נִיט גְפֶעלְט • זוּנְט אָבֶּר אִיךְ הָאבּ דִיךְ דֶער קֶענְט אִיז מֵיין רִיה צוּ גְנוּמֶן גְוָוארְן • אַצוּנְד וַוייסְט מֵיין זֵעלֶע • וִויא בּוּטֶער מִיר אִיז • קוּם וָואס אִיךְ הָאבּ אוּף דִיר אַבְּלוּק גְגֶעבְּן • הָאט מִיר מֵיין הַארְץ גְזָאגְט • קוּק זִיךְ נִיט אַזוּ צוּא צוּ דֶער וּן • פוּן אִיר שֵׁיין וֶועלְן דֵיינִי אוֹגְן טוּנְקֶל וֶוערְן • קֶער אוּם דֶער רוֹז דִיא טְוִיא פוּן אִיר יוּגֶענְד • קֶער אוּם אִיר עֶרְלִיךְ הַארְץ • אוּנ אוּךְ אִיר רִיה • וָואס הָאט דִיךְ גְהַארְט • וָוס דִיא רוֹז • הָאט גְבְּלוּהְט • אוּנ דוּא הָאסְט זִיא גְוָואלְט אָפּ רַייסְן כְּדֵי זִיא זָאל פַאר וֶועלְקְט וֶוערְן • אַוֶועק • מֵיין הֶער • פוּן דֶר רוֹז • וָוארוּם דֶערְנֶר וַואקְסְן אַרוּם אִיר • דוּא וֶועסְט זִיךְ נָאר דֵיינִי הֶענְד צוּא וִוינְדְן • אוּנ דִיא רוֹז וֶועסְט דוּא נִיט בַּייא קוּמֶן • וֶועסְט מִיךְ שׁוֹן מֶער נִיט זֶעהְן • קֶער זִיךְ אַוֶועק פוּן מִיר • אוּנ וַוייז דֵיין לִיבֶּע צוּ אֵיין גְלִיקְלִיכֶער פוּן מִיר :

אוּנ תִּימָן • אַז עֶר הָאט אִיבֶּר גְלֵיינְט דֶעם בְּרוּף • הָאט עֶר גְשְׁרוּגְן וֶוער שְׁטֵייט פַר אֵיין אִיבֶּר שְׁלָאגֶר צְוִוישְׁן אוּנְז • מֵיין שֵׁיינֶע רוֹז • וֶוער זֶענְן דִיא דֶערְנֶר • וָואס דוּרְךְ זֵייא וִויל אִיךְ דִיא רוֹז נִיט קֶענְן בַּייא קוּמֶן • וִויא פִיל דוּא בִּיסְט אוּם רוּהִיג בִּין אִיךְ נָאךְ אוּם רוּהִיגֶר פוּן דִיר • אִיךְ הָאבּ דִיךְ שׁוֹן צְוֵויי מָאל גְזֶעהְן • וִויא אַזוּ קֶען אִיךְ אִין דִיר אוּף אֵייבִּיג פַר גֶעסְן •

אונ דאס יונגל וואס האט אים דעם ברוף גבראכט · אז ער האט גזעהן · אז תימן איז שטארק בייא רירט פון דעם ברוף · האט ער זיך צוא אים אן גרופן · מיין האפנונג איז שון אפנים פר פאלן · איך האב מיך גרעכנט עפים צוא פאר דינען · אונ וויא איך פאר שטייא איז גאר אום זוסט :

נוייז מיר נאר וויא זיא וואהנט · האט אים תימן גזאגט · וועל איך דיך ארענטליך באלונן :

איך ווייס ניט · האט אים דאס יונגע געענטפרט · ווארום אז זיא האט מיר ארוס גרעט דיין נאמן ; בין איך זייער דער פרייעט גווארן · איך האב מיר גטראכט · אט דא וועל איך בייא קומן איין וואלן שכר טרחה · אונ פר גרוס פרייד האב איך זיך אפילו ניט רעכט אן גקוקט : וועסט קומן צוא מיר אהיים · האט אים תימן גזאגט · וועל איך דיר בייא צאלן · נאר דאכט עס ניט פאר קיינעם . דאס יונגל איז אוועק גגאנגן · אונ תימן האט זיך אהיים אום גקערט מיט איין פאר וויינט פנים . אונ האט בייא זיך גטראכט מארגן אין דר פריא וועל איך גיין צוא עמנונן אונ צוא אבישין . אפשר וועל איך פון זייא עפים גוואר ווערן :

דעם גאנצן טאג איז עמנון גזעסן זייער טרויעריג · הערה צוא דער דרוטן טאג · האט ער גזופצט . וואס איך האב אוף אים ארוס גקוקט : איך האב מיר אן גזעט מיט טריבע אוף דעם ארט פון ליבע · ווארום היינט וועט זיך שון עזריקם איבר נעמן . אונ וויא אזו קען איך צו זעהן מיינע צרות פון מיין לעבן · ווער האט זיא אים גגעבן · דאס בעסטי מוטעל איז אוועק אין דער נוייטר וועלט · אזו איז ער גזעסן אונ האט בוטר גוויינט · דער טאג איז אוועק . דיא נאכט איז אז גקומן · דאס רושען פון דר שטאט איז אין שטילקייט פר ביטן גווארן · אונ עמנונס הארץ אבר . הט זיך גשטארקט דם רושען פון זייני גדאנקן · פלוצום איז ידידיה ארייַן גקומן · אונ האט גהייסן פורהן ארוס גיין פון דארטן פורה איז באלד אוועק גגאנגן צוא זמרין · אונ ידידיה האט זיך צוא עמנון אן גרופן · דוא ווייסט שון אצונד · האסט זיך שון בארעכנט · אז דוא האסט אזונד באגאנגן · נאר איך דארף דיך ניט שטראפן · איינס וועל איך פרעגן · עמנון איז אמת אז תמר האט מיט דיר אליבע גשלאסן :

אמת · האט ער אים געענפרט . נאך בשעת איך האב זיא פון דעם טוט ערעטעט · נאר אבר דאס וואס זיא האט מיר פאר איין אגדענק געבן · האסט דוא בייא מיר נעכטין צוא גנומן · וואס וועסט דוא

אבר טאן • האט אים ידידיה גפרעגט • אז איך וועל צוא רייסן דעם קניפ וואס איר הט פר בינדן • דעמאלט וועל איך מיך ארום בלאנקן • האט ער איר גענטפרט • אונ וועל וויינן שטענדיג מיט אביטר געמיט • נאך איר וועל איך פון קיין אנדרר ניט וויסן ווארום אזו האב איך איר גשווארן • אונ קיין טאטען האב איך ניט • ער זאל מיר מיין שבועה קענן ברעכן :

תמר הט זיך אבר אטייטן • הט ידידיה צו אים גזאגט אונ דאס איז פר דיר שלעכט • וואס דוא האסט אים ביי דר שבועה ניט דר מאנט :

אבער דער לייב • האט אים עמנון געענטפרט • בשעת ער האט זיא גוואלט טייטן • האט דיך ניט דר מאנט :

נעם ביא מיר דאס געלד • אוך דאס פונגעריל גיב איך דיר צו רוק פר איין אנדענק פון אייער אייביג פריינד שאפט • נעם עס ביא מיר אונ זאלסט דיא נאכט אוועק פון מיר • ווארום וויא אשלאנג ביסט דוא ביא מיר אין שטוב • דאס האט אים ידידיה גזאגט • אונ איז אוועק גגאנגן פון אים • בשעת ער האט אים אוואורף גטאן אופן טיש דאס געלד מיט דעם פונגעריל • אונ עמנון אז ער האט געזעהן אז ידידיהם צארן איז פאר אים אהילף אום גבעטן גוואורן • דער נאך האט ער זיך אפ גווישט זיינע טרערן • אונ האט דאס געלד מיט דעם פונגעריל צוא גנומן • אונ איז אוועק גלאפן גיך צו הדורמן • אונ פורה אז ער איז צו רוק גקומן • אונ האט שון עמנון ניט גטראפן • האט ער דיא נאכט אליין איבר גנעכטיגט • אונ גאנץ פריא איז ער גלאפן צו זמרין • אונ האט אים דר צייל(ט) • יאה איך וויים • האט זמרי אים גזאגט אז עמנון וועט שון צו רוק ניט קומן קיין מאל :

וויא דען איז מיין געלד • האט אים פורה גפרעגט • ווארט נאך איין ביסל. האט ער אים געענטפרט • אפשר וועסט דוא נאך עפיס נאך ביא מיר פר דינען • וועל איך דיר אין איינם צאלן :

אין דריא טעג ארום. זינט עמנון איז אוועק פון ציון איז עזריקם גוואר גוואורן • אז ידידיה האט צוא רוק גגעבען עמנונן דאס פונגעריל • דא איז ער גלאפן צו זמרין איין עצה האלטן וואס צו טאן • איידער עמנון וועט זיך צוא רוק אום קערן • אונ וועט מיט ברענגן חנגאלן • אונ זמרי האט אים איין עצה גגעבן • ער זאל מיט ידידיהן שמוסן • אז ער זאל אין איין קורצר צייט ארום הייראטן מיט תמרן • אונ ער וועט שון זעהן אן צו רעדן שלעכטס אוף עמנונן • עזריקמן איז דיא עצה שטארק גפעלן :

עזריקם איז גקומן צוא ידידיהן • אונ האט זיך צו אים אן גרופן •

וויא לאנג נאך וועט איער טאכטער אוף מיר בייז זיין • האב איך נים
קיין מורא • האט אים ידידיה געענטפערט • גייא זיך דורך צו תמרן • זיא
וועט דיך שון היינט אנדערש צו נעמין וויא ביז יעצט • אלוואי עס זאל
אזו זיין • האט עזריקם געזאגט • תמר זאל מיך פון אצונד אן אזו ליבן •
וויא זיא האט מיך ביז אהער געהאסט • (פיינט גהאט) אונ מר איז זיך
גזעסן אין איר קאבינעט זייער טרויעריג • באלד האט זיך דיא טיר
געפונט • אונ עזריקם איז אריין גקומן • אונ תמר אז זיא האט אים דר
זעהן אריין קומן • האט זיא זיך צום פענסטער אום געקערט :
אונ עזריקם האט זיך אן גרופן • גייא נאר מעכה ארוס פון דאנט • איך
בארף עפים מיט תמרן שמוסן :
זיץ דא מעכה • האט תמר געזאגט • איך וויל קיין סודות ניט הערן •
אזו איז היינטיגע צייטן • האט עזריקם געזאגט • דיא באהאלטינע זאכן
זענן אוף גדעקט געווארן • דארפן דיא אפענע באהאלטן זיין • וואס
ביסט דוא עפים היינט אזו קליג געווארן • הט אים תמר גפרעגט • ווארום
זינט דוא האסט אן גהובן גיין אין אפינסטערן וועג • האט ער איר
געענטפערט • האב איך אן גהובן אין אליכטיגן צו גיין :
איך גייא אין אזא וועג • האט תמר אים געזאגט • וואס מיין הארץ
ציעט מיך אהין • אונ דיא נאך יאגרם וועלן עס ניט קענן חאפן • אזו
וויא דאס פערד • וויא גיך עס זאל לופן וועט עס ניט קענן חאפן דעם
הערש וואס לופט אין דיא וועלדר • אוך אבר דער הערש האט עזריקם
געזאגט וועט ניט קענן חאפן דערווילדער טאכטער • וואס זיא לופט נאך
דעם פאסטך :
...דם זענן דאך מייני רייד • הט ווידר תמר געזאגט עפים ביסט דו היינט
זייער קליג געווארן • נאר אבר אזוגע ווערטער מעג מען דאכט זיך רעדן
אפענטליך • יעדר זאל הערן • ניט רעדן בסוד צו אזוגע וואס זיא וויל
נאר זיא ניט הערן :
איך וויים • האט עזריקם געזאגט • אז נאר איינר איז דא וואס דוא
ווילסט זייני ווערטער הערן • וויים אבר • אז דוא זאלסט אוך מיך הערן •
וואלט איך דיר גקופט אזוגע טוזענדר וויא דר איינר איז :
א׳ דוא ביסט יאה אזא ווארך סוחר • האט אים תמר געענטפערט קוף
דיר בעסר איין פאר שטענדיג הארץ • ווארום דער וואס האט קיין
הארץ ניט איז אים אוך דאס מול איבריג • וויא לאנג נאך וועסט דוא
שטאלצירן מיט דיין געלד • אונ מיט דיין כבוד • אוף געלד אונ כבוד
דרוף זאגט שון לאנג דר שפריך ווארט :

צו דיא נארנים פאסט דם עשירות · און בשעת שניט ארעגן :
מיט דיא אום גיפוצטע דירות : אזו פאסט כבוד צו ליגן ·
וויא שנייא אין טוטן פריהלונג · אוף דעם לײדוגן יונג :

עזריקם האט זיך שון ניט גקאנט איין האלטן פר כעס . און האט זיך צוא איר אן גרופן · קורץ וועל איך דיר זאגן . באלד וועסט דוא שון ניט זיין אזו קליג וויא אצונד · האסט נאך איבר דיר עקטרן . תמר איז ארוס גגאנגן פון דער שטוב . אוך עזריקם איז ארוס גגאנגן זייער בייז פון דארטן · אוף דעם וועג האט ער באגעגינט ידידיהן גיין · און עזריקם האט זיך צו אים אן גרופן · יאה אמת · זייער שיין האט מיך היינט תמר צוא גנומן · אירע ווערטר האבן וויא פײלן אין מיין הארצן גצולט :

איך וועל זיין דער דאקטער · האט אים ידידיה געענטפערט · ווס איך וועל היילן דיינע ווינדן · איך וועל אליין מיט איר שמוסן . און אז זיא וועט אלט ווערן אכצן יאר · וועסט דוא גוויס מיט איר הייראטן :

וויא עס איז גקומן דיא צייט פון דעם עסן . האט מען בייא ידידיהן אין שטוב דעם טיש גדעקט · און אלי האבן זיך צום טיש געצט · נאך דעם עסן האט זיך ידידיה אן גרופן · גנוג · מייני קינדר · זיך צו זעצן צום טיש מיט טרויעריגע מיינעם · איר זאלט זיך מער ניט ווייזן פר מיר · ביז איר וועט אפ טאן פון אייך דאס זארגן . זייא ניט אזו בייז · הט תרצה צוא אים גזאגט · אוב מיין זעלע (נפש) איז בייא דיר טייער :

זייער טייער איז זיא ביי מיר · האט ער איר געענטפערט . ווייל איך האב פר איר אסומע געלד אוועק גגעבן . ניט אבר אזו איז היינטיגע צייט · היינט קופט אמאנם פרשון אזא טייערי זעלע אן אגראשן . און עס קומט אים נאך אן גאר גרונג :

הער נאר וואס איך וועל דיר זאגן · האט תרצה ווידער גזאגט · גדענק נאר · בשעת גאט האט באשאפן אדם״ען וואס האט דער אדם דעמאלט פר זיין ווייב גגעבן . און הער נאר ווידר . ווס ישעיה זאגט אונז אן . אז עס וועט קומן אזא צייט וואס זובן פרויען צומרען וועלין זיך אן טאפען אין איין מאנס פארשון · האט יעצט קומט שון אן דיא צייט :

אוי צוא דער היינטיגר וועלט · האט ידידיה גזיפצט · אז אמיידל זאל זיין דער ווידר אירע עלטרן · פרעג נאר תרצהן דיין טאכטר · זיא וועט דיך אום לערנן אלי מאדעס פון דר היינטיגר וועלט . בשעת ער

האט

האט דאס גזאגט · האט תמר אן גהובן שטארק צו וויינן · מיינסט דוא אפשר תרצה · האט ער ווידר גזאגט · אז זיא וויינט אוף איר זינד וואס זיא איז בייא גאנגן · ניין איר גאנץ וויינן איז נאך איר גליבטן · דרובר האט זיא היינט גזירעלט אהערם אזון · האב קיין מיטלייד ניטי אוף אירע טרערן · הער אוף מיין טאכטר · אומזוסט איז דיין וויינן · עמנון וועט זיך מער ניט אום קערן צו דיר · וויין בעסר · וואס דוא האסט אזא זאך גטאן · דער ווידר דייני עיטערן · אצונד גיב איך דיר זיבן טאג צייט · זאלסט זיך בארעכינן וואס דוא האסט גטאן · ווען ניט זאלסט דוא זיך ניט ווייזען פר מיר · תמר איז ארום גגאנגן פון דר שטיב זייער פר וויינט · אונ מיט איין פאר בוטערט הארץ · אונ תרצה האט זיך דר נאך צוא ידידיהן אן גרופן וועמין האסט דוא אזעלכי ווערטער גרעט · אונזר איינציג קונד האסט דוא אזו דאס בלוט פר צאפט :

דאס אלס איז נאר דורך דיר · האט ער איר געענטפערט · איז רעכט פאר דיר · זיא זאל שטערן דאס פריינד שאפט · וואס איך האב מיט יורמן גשלאסן · אונ זאל ליבן אפרעמדין · אמת טאקע · אז עמנון איז זייער קליג · אונ שיין · אונ האט אגוט הארץ · נאר אבר וואס פר איין נאמן זאל איך אים רופן · ווער זענן זייני עלטרן · פאלג מיך תרצה · שטראף זיא אום אביסל · אפשר וועט זיא בעסר ווערן · דוא קלערסט גאר ווער זייני עלטרן זענן · האט אים תרצה גזאגט ניט אזו איז זיך מיין טאטע מיט מיר באגאנגן : פרווער האט ער מיך גפרעגט · אונ איך האב גיט גקלערט ווער עס איז דער קארען (ווארציל) פון דעם בלום · ווארום איך האב גזעהן אז ער טראגט אשיינע פרוכט · דער נאך ערשט בין איך גוואר גווארן פון וואנעט ער שטאמט ארום · אונ דאס ווייסט דוא ערשט · מיין מאן · אז אוך אין דר ווי סטע בלוהט אמאל דיא שענסטי רוז · אונ אין דעם שענסטן גארטן וואקסן דערנר :

איך וויים · האט ידידיה גזאגט · איך וויים וואס עס צווינגט דיך דר צו · עס פלאנטערט זיך אין דיר אלץ דר חלום · דיין טאטע אבר זאל לעבן · וואלט אוך גגעבן עמנונן געלד ער זאל אים אוס לייזען · נאר דוא אליין אבר זעהסט שון דעם סוף פון דעם חלום · דרובר הער מיך אונ שטראף זיא אום אביסל אז זיא זאל פר געסן אין עמנון אונ זאל ליבן עזריקמען · איך וועל עס דיר צוא ליב טאן · האט זיא אים געענטפערט :

אונ תמר בשעת איר פאטר האט זיא פאר שעמט · איז זיא אריין גגאנגן צוא זיך אין קאבינעט אריין · אונ מעכה האט זיך צוא איר אן גרופן · שון פון לאנג האב איך דיר גזאגט · ווירטון · ווייא איז צוא

גמנון • זיין האפנונג וועט בלוען • אונ קיין מאל קיין קנאספען ניט טראגן • ווארום דייני עלטרן וועלן עס ניט דער לאזן • אצונד זעהסט דוא שון • ווירטון • אז איך האב ניט קיין נארישקייט גרעט • נאך וואס האסטו דוא זיך נאך ביא דיינעם • אונ שענדסט עזריקמן • וואס ער האט אזא רייכטהום • אונ קומט ארום פון אזונע עלטרן אין ציון • וואס קען דען דיר עמנון מער געבן וויא מיין זעלע • אוסער איר האט ער זיך קיין איינציגע זאך ניט • אוי דוא זאלסט וויסן • וואס פאר אשת-רצן איך פיל אז איך זעה דיך זוצן אונ וויינען • דיין פאטר האט דיך אזו פר שעמט • אונ האט דיך אזו פר טרובן היינט פון זייני אוגן מיט גרוס שאנד • ווען ער זאל מיך אפילו אוף אייביג פאר טרייבן • האט איר תמר גענטפערט • וואלט איך ליבר גוואלט נאך גיין עמנונן צו זיצן מיט אים אין איינעם אין זיין הירטן גצעלט איידר אין דיא שענסטע מוערן • ער זאל מיך פירן אין דער וויסטע וואלט איך אים גאנץ צוא פרידן נאך גגאנגן • ווארום פון זייני זיסע ווערטר ווערט דער קוויקט אוך דיא וויסטע • פון זייני שמוסן ווערט באלעבט אוך דאס פיסטע לאנד • טאקע נאר זיין זעלע קען ער מיר געבן • אונ פון דעם בעסטן פער גניגן :

אוך איך • האט מעכה צו איר גזאגט • האב פרוער אים גהאלטן פאר דעם פיינסטן אוף דער וועלט • איך האב מיר גטראכט • וויא קען מען נאך אזא שיינם אונ ערליכן מענטשן גפונן אוף דער וועלט • וויא עמנון • נאר דער נאך אבר • אז איך בין מיט אים גוואנט גווארן האב איך גזעהן אז ער איז גלייך מיט אלי קונדר פון ציון • ווען דוא זאלסט אוך מיט עזריקמן גוואנט ווערן • וואלסט דוא גוויס פאר געסן אין עמנונן • אונ דאס איז דיא בעסטי עצה פר דיר • אז דוא זאלסט אין אים פר געסן • ווארום ער וועט זיך שון צו דיר מער ניט אום קערן : ווען ניט ווער ווייסט • וואס עס קען דיך טרעפן • פאר דיין בענקען נאך אים :

נאך זוצן זיא אזו אונ רעדין צווישן זיך • איז תרצה אריין גקומן צו תמרן • אונ האט גזאגט צו איר • וואס פר אתשובה זאל איך ענפרן דעם טאטען • ער האלט זיך אליץ ביא זיינעם : אונ ווער קען אים איבער שפארען :

איך בין זיך ביא אים אין דיא הענד • האט תמר גזאגט • ער מעג מיך פאר קופן צום נידרגסטן מענטשן אוף דער וועלט • וועל איך וויא אשטומע צו האלטן מייני ליפן • אונ וועל קיין ווארט ניט רעדן • נאר אבר ווייס מאמע • אז נאר מיין קערפער וועל איך געבן צוא דעם וואס

איך האס · אבר ניט מיין זעלע · מיט קיין גילדען צווימעל יועט ער זיא
ניק קענן איין האלטן · מיין זעלע גלוסט נאר צו עמנונן · מיט אים צוא
זאמען וועל איך זעהן אודער לעבן · אודער דעם טוט · בייא דיא ווערטער
האט תרצה גזופצט · אונ האט גזאגט וויא גרוס איז מיין וויטוג · זיא
האט זיך אהיים אום גקערט צו זאגן איר מאן תשובה · דיא זיבן טאג
זענן שון איבר גפלויגן · אונ ידידיה האט אלץ ניט גהערט פון תמרן
קיין רעכטן ענטווער :
זייא גרייט טאכטער · האט ער גזאגט צו איר · צו עזריקמן · ווארום
נאך אין אקליינע צייט וועסט דוא אלט ווערן אכצן יאר · דערמאלט
וועסט דוא מוזן מיט אים הייראטן · אונ תמר האט גשוויגן · איר הארץ
אבר איז שיעור צו גאסן גוואָרן אין איר פון גוויין :
אוף דעם אנדערן טאג איז תימן אריין גקומן צוא תמרן · אונ האט
מעכהן גהייסן ארוס גיין · אונ ער האט זיך צוא איר אן גרופן · הער
צוא מיין שוועסטער · וואס איך וועל דיר זאגן · אונ בייא גאט שווער
איך דיר אז איך זאג דיר אמת :
איך וויים · מיין גטרייער ברודער · אז דוא וועסט מיר דעם אמת
זאגן · האט אים תמר געענטפערט מיט טרערן :
דוא ווייסט זיך · האט תימן צוא איר גזאגט · אז איך האב אוך
עמנונן גליבט ווי איין אייגנם ברודר · אונ עזריקמן האב איך שטארק
גהאסט · אונ דוא האסט אליבע גשלאסן מיט עמנונן בייא נאכט ·
בשעת דער טאטע האט דיך פ וצום איבר גשראקן ; אונ עמנון איז
אוועק פון דיר · דרובר הער מיך צוא וואס איך וועל דיר זאגן · פאר
עטליכע טעג איז צוא מיר גקומן אמענטש פון אפרעמד לאנד · אונ
האט גזאגט צו מיר איך בין גגאנגן קיין ירושלים אוף יום טוב · האב
איך גזעהן צווישן דעם נאראד זייער אשיין מיידל איין ארום מאנס
אטאכטער · וואס איר פאטער איז גשטארבן · אונ איר מוטער איז
אפלשתית · וויא איך האב זיא דער זעהן איז זיא מיר זייער גפעלן ·
איך בין גקומן צו איר אהיים · אונ האב מיט איר גשמועסט וועגן דעם
איר איז אוך דיא זאך שטארק גפעלן · איך האב איר גגעבן אשיינע
מתנה · אונ האב גזאגט צוא איר · זיין אפאר וואכן · ביז איך וועל צו
רוק קומן וועלן מיר הייראטן · גוט האט זיא מיר געענטפערט · איך
האב דארטן איבר גלאזט מיינעם אמענטשן · נאך קוקן מיט וואס זיא
באשעפטיגט זיך · וויא איך בין אבר נאר צו רוק גקומן · איז זיא שון
ניט גוועזן · אונ דער מענטש האט מיר גזאגט · אז דא איז בייא איר ·
בייא נאכט גוועזן אשיין יונגל · אונ האט זיך פאר זאמט ביז אין דער

פריא

פריא • דער נאך האט ער אים געזעהן אריין גיין גלייך צוא דיין טאטן אין שטוב אריין • אזו האט ער מיר דער ציילט • אונ פורה (עמנונם משרת) האט מיר אויך גזאגט אז עמנון איז די נאכט טאקע אין דער היים געווען • אצונד זייא בעהיט מיין שוועסטר • טאמיר וועט ווידר דער טאטע וועלן דוא זאלסט מיט עמנונען הייראטן • זאלסט דוא זעהן אז ער זאל פריער זיך פון יענר אפ שיידן • אונ תמר אז זיא האט עס דער הערט • איז זיא זייער פאר וואונדערט געווארן • איר הארץ האט אין איר געקלאפט • פר זייני אויגן אבר האט זיא זיך איין געהאלטן פון צוא וויינען • אונ האט גזאגט צו אים • גלייב ניט • מיין ברודר גלייב ניט אלם • נעבר וועלן טויזענד מענטשן לוגן זאגן • איידר וויא איין עמנון • שרעק מיך ניט איבר מיין ברודר • ווען דר טאטע זאל נאר ניט שטיין פאר קיין איבער שלאג צווישן אונז וואלט איך געווים געלאכט אום דיינע רייד :

נאר אבער דאך האט זיא זייני ווערטער גוט בעוואהרט אין זיך • ווארום זייא זענען איר גוט אין קאפ אריין :

אונ ידידיה • אז ער האט געזעהן אז ער פולט דער מיט נאר ניט • תמר האסט אלץ נאך עזריקען מיט איין אמת פיינד שאפט • האט ער שון מער ניט גרעט מיט איר דער פון • ער האט שון אפ געלאזט נאר איר איינענם ווילין • אונ האט געזאגט צוא זיין פרויא תרצהן • אט דא וועלין מיר זעהן צוא ווען גאט האט אונזר טאכטר אן געצייכענט :

15

דער צווייטער בריעף

אין דרייא חדשים ארום זינט עמנון איז אוועק • איז תמר איין מאל גאנץ פריא אין איר גארטן איינע אליין צווישן די בייטער ארום געגאנגען • באלד איז צו איר איין צידונר (איינר פון דער שטאט צידון) צוא גקומען מיט אבריף אין דער האנד • אונ האט געזאגט צוא איר • דא בימסט תמר דעם הער ידידיהם טאכטר :

איך בין עס • האט זיא אים געענטפערט • באצאל מיר שכר טרחה • האט ער ווידר גזאגט וועל איך דיר אפ געבן אבריף וואס ער האט דיר געשוקט איינגל פון דעם לאנד אשור מיט דעם נאמן עמנון • ווערסט מוחל זיין קומן אהער ווען עם וועט זיין דריטער טאג וועל איך דיר ארדענטליך באלוינן • האט זיא אים געענטפערט • ער האט אפ געגעבן

דעם בריף אונ איז אוועק געגאנגען · תמר האט אוף גרוסן דעם בריעף אונ ליידענט :

ערוואלטע איינציגע פריינדין מיינעס הערצענס דס איז גאר איינע תמר · פיל געליבטע תמר :

אין דעם לאנד (נמרוד) אונ דער שטאט (נינוה) געפון איך מיך · שטייא אויף עדלע · אונ נייג דיין הארץ צו דיא ווערטער עמנונס וואס ער רעט צוא דיר פון ווייטע לענדר · איך האב דיך געליבט אין (בית לחם) · אויך אין דער הערליכר שטאט (ציון) · אויך אפילו אצונד וואס איך בין גאנץ ווייט פון דיר · ווייט פון מיין לעבנס רוועלע · נאר אבער דיין טייער בולד פליט ארום פר מייני אויגן · עס שיינט פר מיר ביא טאג אויך ביא נאכט אין חלום · מיין גאנץ טראכטן אונ דאנקן ביסט דוא מיין געליבטע · דוא ביסט עס וואס דוא האסט מיך פון מיין קליינס הירטן געצעלטן · פון אזא נידרגן שטאנד צוא אזא גרוסן כבוד אוף גנומן · צו זוצן מיט דיר צוא זאמן אין ציון · אונ נאך מער · דוא האסט מיר האפנונג געגעבן אז איך וועל זעהן פאר מיר אליבן · אוך ליבע מיט פער גנוגן · אקיינן מיר אבער האכט דוא אוס גזעהן וויא דר מארגן שטערן וס שטייט אוף אזא הוך ארט · אין דעם לוטערן הימל אונ קיינר קען צוא אים ניט דר לאנגן · איבר דעם האב איך גטראכט ביא מיר · מיין דענקן איז נאריש · מיין האפן איז אומזוסט : איך האב גצוטערט פאר דיין פאטרס צארן · אונ אזו איז טאקע גשעהן · דיין פאטר האט מיך באלד איבר גשראקן · אונ האט מיר צו רוק אפ גגעבן דאס פונגעריל · אונ נאך טוזונד דנקאטן האט ער מיר גגעבן · דוא אבר עדלע · דוא ווייכסט צו מיין ווילין איז דאס געלד · אלוואי וואלט איך בעסר געפונן דעם וואס איך זיך · וואלט איך אים אום גליוזט · גבראכט פר דיר · אונ וואלט גזאגט צו דיר · דאס איז דער בעשייד פון דעם חלום · דעמאלט וואלטן מיר אוף אייביג פאר בינדן גוועהרן · אוך דייני עלטערן וואלטן שון דעמאלט גזאגט עמנון האט וואונדערליכעס גטאן :

אונ דער שטאט נינוה דיא גרעסטע שטאט פון דעם קינגרייך אשור געפון איך מיך · אונ לאנד וואס פון דיא הימלן קווייט דער זעגען · ארום אלי זייטן פון דער שטאט פלוסט דער טייך חדקל אונ איין הוכער קרעפיסט איז ארום דער שטאט · נאר אבער גלייכן זיא צו ציון · ניין ניט צוא דעם וואסר (שילוח) גלייכן דיא טייכן פון נינוה · איין פרושע לופט בלאזט אוף דיא חוואלס פון דעם וואסר שילוח · אונ אפערגיפטע לופט אוף ניגוהס טייכן · זייא זענן גמושט מיט טרערן פון אונטער

דרוקטע

דרוקטע און גרובטע • ציון איז איין וואנונג פון דעם גרוסן גאט וואס רוט דארט • און נינוה איז איין לייבן גרוב • דרובער האב איך עס איין נאמן געגעבן דם זיסע און מיאוסע לאנד • עס איז גלייך צום לעמפארד ווס ער איז זייער שיין מיט זייני קולירענע פלעקן • און זייער שרעקליך מיט זייני ציין וואס זענן וויא שווערדן יענם אום צו ברענגן • פון דר שטאט גייט זוף איר קיניג (סנחריב) ווי א ווילדר לייב און מאכט אלס חרוב ער איז שוין גרייט ארוס צוא שטעלן זיין פענדיל אוף אונזר היילגן בארג • און דארט ווייזן אלי פעלקר פון דר וועלט זיין סטראגע רעגירונג • זייער שרעקליך איז ער מיט זיין מילטער • אונטער אים צוטערט דיא ערד • זיפצט דאס לאנד • ער שטורמט • ברומט ווי דער ווילדר לייב • און גאנצע הויפען • וואס דיא דער שראגנע פאלן אונטר זייני פיס • וויא בינדליך נאך דעם שנוטר :

דיא זון האט אן גהויבן צו פר גיין • דיא לבנה האט זיך גשפוגלט אין דעם וואסר תהקל און איך קוק אוף איר פון אהויכן בארג ארוף • זייער שיין שטייט זיא אין מיטן הימל • וויא זים און איין גנומן ביסט דוא מיר געווען בשעת איך האב דיך ווי אצונד אין ציון געזעהן • ווען איך בין גשטאנען אוף דעם אעל בארג און דוא האסט דייני פאר גאלדעטע שטראלן דורך דיא צווייגן אוף תמרן וואס זיא איז גשטאנען וויא אבלום אין מיין זייט געווארפן • וויא ליב איז מיר געווען דיין שיין • בשעת תמר האט אירע הענד צום הומל אוף גהויבן און האט מיר איין עביגע ליבע דארט צוא גשווארן • דאך אבר איז פאלש דיין לעכט • פון דער צייט אן האסט דוא זיך שון דרייא מאל באנייעט • איך אבר איך בין ניט מיט קיין פרייליכן גייסט באנייעט געווארן • גאר פאלשע חדשים האב איך דורך דיר געציילט • פאלשע נעכט בין איך דורך דיר געווארן • דער טאג איז גשווינד אוועק וויא איין ווינד • עס איז גקומן אין מיטן דר נאכט • אלי מענטשן ליגן שון און שלאפן מיט גרוס פער גנוגן • אונטער דיא נאכט פלוגל ווס זיי בונרן אוף אלי קנופן פון דער מיה פון דעם פאריגען טאג • יעדר אן גהאריוועטר און נודר געשלאגנר מענטש רוט זיך אצונד אוס גאר איך אליין אבר בין וואך • מיך נעמט קיין שלאף • דעם לייבם פעל האב איך מיר אונטר גבעט • און טוזונדר גדאנקן גאר אן איין עק האבן זיך דר וועקט אין מיר • מיין גייסט שוועבט ארום אוף דיא חוואלס פון דעם גדאנקן • מער פאר ווס אבר קען איך ניט רוען • פר וואס נעמט מיך קיין שלאף • אוך אפילו דיא שטערן אין הימל זוצן זיך גאנץ רוהיג • און קוקן אראפ אוף אלאנד וואס עס איז רוהיג און שטול • פר וואס בין איך איינר אין אזא

אומריהיגקייט · איך זאל האבן וויא אטוב פלוגל · וואלט איך אין דער
וועלבר מינוט גפלוגן צוא דיר · מיין גלובטע · איך זאל זעהן צוא דוא
ביסט רוהיג · ווארום דאס האב איך אום גקלערט · אונ אוך עטליכע
מאל דער ביא שון גוואהנט · בשעת איך בין מיט דיר צוא זאמן אין
ציון גוועסן · באלד בין איך זייער פרייליך גווארן · איך האב אליין
ניט גוויסט פאר וואס איך בין גקומן צו דיר · מיין גליבטע · האב איך
אוך דיך גטראפן פריילך · אמאל ווידר בין איך זייער טרויעריג גווארן ·
גאר אן אשום אורזאכע · איך בין גקומן צו דיר · האב איך אוך אין דיר
גזעהן טרויעריגע מינעס · איך האב עס דיר דר ציילט · אונ דוא האסט
מיר ענטפר גגעבן · אפנים דוא ווייסט עס ערשט עמנון · אז זינט
מיר האבן צווישן זיך אליבע גשלאסן · איז מיין זעלע דייני · אונ דייני
מייני · ווען איינע איז פרייליך · פרייעט זיך אוך איר שוועסטר · אונ
אין דיא צרות פון איינר לייט דיא אנדרי אוך שמערצן · טיף אין מיר
האב איך דייני זיסע ווערטר באהאלטן · אונ האב אום גקלערט אז
זייא זענן אמת · אזו זאלסט דוא תמר מיין גליבטע · ליבן תמיד וואס
מיין זעלע ליבט אונ האסן וואס איך האס :

יאה אמת · מיין גליבטע · מיר ביידי האבן נאר איין גייסט · אונ
אז עס איז יאה אזו · וויא אזו זאל איך אצונד פר מייני אומרוהיגקייט
ניט צוטרן · וואס איז דיר · מיין גלובטע · מיין שייני · האט דיך דיין
טאטע דר צערנט · אודר עזריקם מאכט דיר שמערצן · אודר אפשר גאר
נאך דיין גליבטן עמנון ביסט דוא פאר זארגט · נאר אבר לאזן מיינע
צייכן ניט אמת זאגן · טרויער זארג זאל דאך קיין מאל ניט טרעפן ·
אונ אפילו אז עס וועט דיך אמאל יאה טרעפן · זאלן זייא גשווינד איבר
פליען פון דיין טייער בילד · וויא גרינגע וואלקן · אונ אוך בעט פאר
דיר דעם גאט פון אונזר ליבע · אז וואס עפיס עס איז דיר אן גצייכנט
זאל עס מיר גשעהן · איך וועל עס אן נעמן גאנץ צו פרודן · אונ איך
וועל מיך גאר ניט קלאגן :

בלייב שטיל מיין גייסט · מייני אויערן פר נעמן עפיס אגשרייא וויא
פון קראנקע · אזו וויא אשטערם קומט אן דארט אקייגן אשטערם ווס
ער מאכט אום רוהיג דאס שטילקייט פון דר נאכט · וואס איז עס · אוי
קללות פון גפאנגענע וואס זייא קלאגן נעביך מיט ביטערי שטומן ·
דאס שרייט אין דיא גאסן פון נינוה · מיין הארץ ווערט צוא גאסן אונ
גוויין פון דעם גשרייא נעביך פון דיא דער שלאגנע · גאט האט צוא
מושט נינוהס שפראכע · דא קלאגט מען נעביך אונ מען ברימט וויא
דיא פעגן מיט צוא בראכענע גמוטר · מיר זענן פאר לורן · אונ דארט
ווידר

ווידר אקיינן טאנצן זייערי שונאים וויא ווילדע חיות אין וואלד אונ שרייען · מיר האבן זייא גווינן · דא געבּיך שטייט מען אונ מען רייסט זיך אום דיא האר פון דיא קעפ · מען הערט נאר שרייען איין ווים גלוק איין אום גלוק פון גאט · דארט ווידר שטייט דעם שונאם פארטיע אונ שרייט טריאמפה · טריאמפה · (נצחון) איך דער מאן מיך אין ציון וועד איך אונצוטערט · אונ תמרן ווינט מיין הארץ · אגאנצי נאכט האבן גרויסט מייני גדאנקן · וועט דען דיא נאכט אוף אייביג גדארן · פרוט אוועק פון מיר · איר נאכט חלומות · מיין גייסט גלוסט שון צום שיינעם מארגן · איך האב געפונט דאס פענסטריל פון מיין צומר · דר לעכטיגר מארגן שטערן האט שון גשיינט אוף דיא הוכע ערטר פון נינוה · דיא פייגעליך האבן גזונגען זייער מארגן ליעד · אוי אללני! וואלט מיר דער אוגן בליק אוף לאנג גדוערט · ער האט דער קוויקט מיין הארץ · אונ עטליכע מונוט ארום איז דער מארגן זייט גווארן רוט וויא פייער אונ באלד האט דיא זון ארוס גטרעטן וויא אזילבערנר טעלר · אוי וויא זים זענן גוועזן אירע שטראלן אז זייא האבן גבלאסקט אין דעם וואסר (חדקל) · אונ אין יעדן גרעזלע האט גגלאנצט אטראפן טויא ווי אפעריל גיך איז די זון ארוסגקומן מיט איר גאנץ שיאלצוקייט אונ האט פר יאגט דאס פונסטערניש ביז דעם לעצטן ים · דיא פייגליך זונגן · ווארום דאס לעכט האט גווינן דעם זיעג אין דער מלחמה וואס עס האט גהאלטן מיט דעם פונסטערניש · אזו האט דיא זון אלי מאל מער גלייכט ביז האלבן טאג · אצונד איז זיא גבליבן שטיין אין מיטן הימל זייער מיד אונ בלאס · דיא פייגעליך האבן אוף גהערט צו זונגן אלי מאל ווערט דיא זון טונקעלר · דיא שטנים האבן זיך פאר גרעסרט אונ דער שיינר טאג איז זיך אוועק · פונקט אזו איז דעם מענטש לעבן אוף דער ערד · דאס אלץ איז אמוסטר פאר דעם מענטשן · וויא לעכטיג שיינט דר מארגן שטערן פון זיין יוגענד · אונ וויא זים בלוט ער אין דעם פריהלונג פון זיין ביסל יארן · דעמאלט ווייסט ער פון קיין טרויער אונ זארג · אונ דיא זיסע האפנונג בלוט אין אים וויא דיא שיינע בלום :

פערוגים מיין ניכט

זיא טרייסט אים אין זיין שלעכטר צייט וויא אגיטריע מוטר איר איינציג קונד · אבער נאר ביז אין דר מיט פון זיין לעבין פירט זיא אים ארום אוף אליכטגן וועג אונ זיין עלטר אבער פאר לאזט זיא אים · דעמאלט איז דר מענטש וויא אשטן שטענדיג גרייט צו פר גיין · יעדר

פריינד

פריינד פלוט אוועק פון אים · עס בלייבט אים נאר איבר טאג וויא
נאכט · צרות אונ ליידן :

בשעת מיין גדאנק איז אזו פר טיעפט אין דעם שטום פון האפנונג צוטערט אוף מיר דאס לייב אז איך הייב זיך אן צוא דער מאנן אין דר צייט בשעת איך בין מיט דיר צו זאמן אין ציון געזעסן · אונ דוא האסט מיר גזאגט מיט דייני רוזן ליפן · האף עמנון · ווארום האפנונג איז בעסר פון לעבן · ווס איז אבר מיין האפנונג איך זאל מיך טרייסטן קענן · דר מאן זיך תמר · אין דר נאכט פון אונזר פער גנוגן מיט דעם שרעק צוא זאמן · פלוצום זענן מיר צו טיילט גווארן · אונ מיין חאפן האט זיך אום גראזט · שון פינף מאל האט דיא זון ארום גשיינט איך נינוה · זיא צו באלייכטן · אבר אין מיר הט דיא זון פו דר האפנונג נאך ניט גשיינט מיך עפיס טרייסטן צוא קענן · מייני אויגן קוקן אוס דיא גאסן פון נינוה · מיין גייסט שוועבט אבר קיין ציון · ווארום דארט פלוסט דיא קוועלע פון מיין האפנונג · נאר אבר מיט אמאל חאפט ער זיך ווידר צו רוק ווארום דארט ווארט אויך אוף מיר שרעק · אזו וויא דיא חוואלם ווס פלוען איבר דעם ברעג מיט גרוס אונפער · אונ חאפן זיך מיט איין מאל צוא רוק · אזו האלט אויך מיין גייסט איטליכע מינוט מלחמה מיט זייני גדאנקן ווס זענן זיך דר ווידר איינס דאס אנדרי · אט דא גלוסטר צו רוק צום אעל בארג · אפ צו קילן זיך אונטר דעם שאטן פון דעם בוים · וואס אוף אים זענן אום גקרוצט אונזרי נעמן · (אויך אונזרי זעלן) צוא זאמן · האף עס בליט נאך דיין האפנונג · עס איז נאך פאוויאלט · אזו זאגן מיר מייני גדאנקן · דיא גרויסי בערג שטייען אום זוכט פאר איין אנדרן איבר שלאג צווישן אונז · זייא וועלן אונז ניט צוא שיידן · אוך דאס וואסר חדקל וואס עס פלוסט אזו שטארק צווישן אונז וועט ניט איבער פלוסן אונזר ליבע · דיין זיס קול הערט זיך נאך אין מייני אויערן · צוא דיר בין איך · אזו טראכט אלץ מיין הארץ · אונ מיין האפנונג טראגט מיך צו דיר · זייער גשווינד אבר טרעט ארוס איין אנדרר גדאנק אונ זאגט צו מיר · הער אוף · נארישע טוב · פליהע ניט אזו שמאלץ ביז אין הימל · דארט פליהט איין אדלר · אונ אלערלייא רוב פייגל · זיץ בעסר אין דיין קליינר נעסט · דעמאלט וועסט דוא וויסן פון אלעבן · מייני אייגני גדאנקן ראטהן מיך אזו קען איך זייא דען אפ זאגן · זאל איך ווידער הערן וואס זייא צווינגן מיך · ווי אזו קען איך שון האפן · אזו האלטן מייני גדאנקן צווישן זיך מלחמה טאג וויא נאכט · מיין הארץ וויינט אין מיר אז איך דער מאן מיך אין תמרן מיין גליבטע :

גאנץ

גאנץ פאר זיכערט ווצט דוא זיך אין ציון · מיין גלובטע · ווארט מיר נאר נאך אביסל · אונ ווייז ניט קיין אנדרן דיין ליבע · מאך מיר נאך איין מאל הערן דייני זיסע ווערטר · האף עמנון · ווארום האפנונג איז בעסר פון לעבן · אונ איך וועל זייא מיט איין אוף מערקזאמען אויער צוא הערן פון ווייטע לענדר · איך האף נאך · איך וועל דארטן געפונען דעם וואס איך זיך · אוי · אלוואי איך זאל שון קאנטשן וויא צום געקסטן מיין רייזע · אונ איך זאל שון קענן קומן קיין ציון : צו דיר מיין גליבטע :

פון מיר דיין גלובטער עמנון :

אז תמר הט דורך געליינט דעם בריף · איז זיא זייער דר פרייעט געווארן · זיא האט אלי מאל דעם בריף צוא געדרוקט צום הארצן · אונ האט אים געקושט מיט טרערן · אונ האט צוא זיך אליין געזאגט · וויא איז נאך פאר אנדרן איינר אוף דער וועלט וואס זאל אזו וויסן צוא ליבן וויא עמנון · אודר וויא געפונט מען נאך אזונם וואס זאל קענן אוף זעצן אזא בריף מיט אזוגע זיסע ווערטר · זיין ליבע איז וויא א פלאם פייער אונ זייני ווערטר וויא פינקען · ניט אבר אזו בין איך · מייני געדאנקען זענן פר בארגן טיף אין מיר · ארום ברענגן זייא אוף פאפיר קען איך ניט · נאר מיין הארץ נעמט אים אן מיט ליבע אונ מיט דאנק · טויזענדר ווערטר קענן ניט ארום שרייבן קיין צעהנטיל דאנק וואס מיין הארץ איז אים שולדיג :

בשעת זיא איז אזו פר טיפט געוועזן אין איר גלובטן עמנונען · האט זיא זיך דר מאנט וואס תימן האט אוף עמנונען אן גערעט · אונ איז פר שרעק געבליבן וויא דול שטיין · גיך אבר האט זיא זיך דער (מונטערט) אונ האט געזאגט צו זיך אליין געבר וועלין אלי מענטשן פון דר וועלט ליגן זאגן אוידר איין עמנון · זיא האט נאך איין מאל דורך געליענט דעם בריף · אונ האט ביי א מערקט אין אים עטליכי ווערטר · וואס זיא האט אוף זייא קיין פירוש ניט געוויסט · דאס זענן זייא · אזו זאלסט דוא תמיד · תמר מיין גלובטע · ליבן וואס מיין זעלע ליבט אונ האסן וואס איך האס · וואס בעדייטען דיא ווערטר · האט תמר מיט שרעק געשריגן · איז אמת אפנים וואס תימן האט מיר דער ציילט פון דיר · אפילו דיין הארץ זאל זיין ברייט וויא דער ים · איז עס נאר פול מיט מיין ליבע · אונ עס וועט ניט בלייבן קיין פלאץ צו קיין אנדרר ליבע · נאר אבר וועה איז צוא מיר אונ צוא דער פרעמדר · ווארום וויא מיין ליבע איז צו דיר שטארק וויא דער טוט · איז אבר נאך מער שטארקר מיין פערדרוס · איך וועל דיא פרעמדי פאר שפרייטן וויא פראווע

אקיינן

אבקייגן דעם ווינד פון מיין צארן אונ זיא וועט גשווינד אוועק פליען • ווארום נאר צוא מיר קער עמנונס הארץ • אונ קיין פרעמדי טאר זיך צווישן אונז ניט אריין מושן • נאר אבר ניין • וואס רעד איך • עס איז נאר אום זוסטיגע מורא • עמנון מיין גלובטר וועט עס מיר ניט טאן : נאך שטייט זיא אזו אונ רעט צוא זיך אליין • איז איר דינסט מעכה פלוצים אן גקומן אין גארטן אריין • וואס שטייסט אזו פאר טראכט • אזו פר טיעפט אונ גדאנקן • ווירטהון • האט זיא תמרן גפרעגט • קער מיך נאר אום • האט איר תמר געענטפערט • מיט וואס מען קען פריוועז דעם מענטשנס הארץ • צוא מען מעג אויף זיין ווארט איין געבויא בוען • ווען ער האט זיך גאר פר ליבט אין איין אנדרער :

האט מעכה צוא איר גזאגט איז אסימן אז ער וויל צוא רייסן דעם קניפ וואס ער האט פרוער פאר בינדן • האסט רעכט • האט איר תמר געענטפערט • נאר דער שמים וועט זיין אויף איין אנדר מאל • איך האב דיר אסעקרעט היינט צוא ענטדעקן • איך הער ווירטהון • האט זיא איר געענטפערט • איך בין גרייט צו וואס דוא וועסט מיר באפעלן :

16

כל זמן מען לעבט דארף מען טאן אטרונק בראנפין :

דיא שטאט ציון דיא הייליגע שטאט האט יעדר מינוט גציטערט זייער פאר דעם קיניג (סנחריב) פון אשור • אלי טאג האט מען זיך אן געהערט מער פון זיין גבורה • אונ תמר פלעגט אלי גאנץ פריא אונ אויך פר נאכט גיין אין איר גארטן אריין • דארט וויינען פר גאט ער זאל איר צו רוק אום קערן איר גלובטן :

אונ דעם סוד וום איר ברודר תימן האט איר דר ציילט • האט זיא ענטדעקט פר איר דיענסט מעכהן • אויך האט זיא פר איר פאר גליינט דעם בריף וואס עמנון האט איר גשוקט • כדי זיא זאל איר איין עצה געבן אין אירע צרות • מעכה אבר האט נאך מער אונטר גצונדן דעם פער דרוס אין תמרס הארץ • אונ תמר האט זיך בארא[טן] מיט איר • זיא זאל גיין צוא פורהן אלי מאל • טאמיר וועט זיא דורך אים גוואר ווערן עמנונס סודות :

מעכה איז באלד אוועק גגאנגן צו טאן וואס תמר הט איר באפולן אונ הארצן אבר ביא זיך האט זיא גטראכט • לאז נאר עמנון אבישי

אוועק פון תמרן · אז ער וועט קומן צוא זיין פריינגן שטאנד · דעמאלט וועט ער שון זיין צוא מיר · זיא האט איבר גשמוסט מיט זמרין וויא אזו זיא זאל זיך באגיין · אונ ער האט זיא שון אום גלערינט אלי זייני גניבליך · וויא אזו מען דארף דא אפ ארבעטן · אוך האט זמרי גשוקט זאגן עזריקן אז ער זאל זיין גרייט אוף אין דער פריא · ווארום ער דארף עפיס מיט אים איבר שמוסן :

דער אנדרר מארגן איז גקומן · דער מארגן · וואס זמרי האט זיך באשטעלט צוא זעהן מיט עזריקן · אלי איין וואהנר פון ציון האבן אוועק גווארפן זייער ארבייט · מיט זייערי הייזער · אונ האבן זיך פער זאמעלט אוף איין ארט · איין עצה צו האלטן ווס מען זאל טאן · אז דוא פיינד וועלן באפעלן דיא שטאט · אונ דער פראסטער פאבליק האבן זיך אוך פר זאמעלט אונ הערן פאטשטשען · ווארום קיין עצות וואס צו טאן ווייסן זייא ניט · אוך אפילו דיא פארטשע מענטשן דיא ליגנערס האבן בייא נאכט אוף זייערי גלעגרס זיך בייא טראכט וויא אזו זיי זאלן אין דער פריא אוף דעם מארק פאר קופן זייערי ליגענט פאר אטרונק בראנפין · אודר פאר אגלעזעלע משקה · אונ האבן זיך אוך צווישן גאנצן נארד אריין גשטופט אין מוטן :

דא שטייט ארעדל ארום איינם · וואס ער רעט גוטץ אוף דעם יודישן פאק אונ דער ציילט · אז דר קייזער הט גשוקט מענטשן צום קיניג פון עגיפטען · ער זאל אים גיין צוא הילף · עט וואס קען אונז העלפן פרעה · שרייט ווידר ארום איינר פון דעם רעדיל · דארט שטייט איינר אדורך רייזענדר אונ דער ציילט · דער קיניג סנחריב איז ארום גגאנגן וויא אלייב פון דעם וואלד צו מאכן פון אלם חיל · נאך אביסל וועט ער אריין טרעטן גלייך קיין ציון מיט זיין וואזשנעם מיליטער · אונ דרוף צוטערן דיא אלי וואס שטייען אונ הערן עס · אונ חפר מיט בוקיהן וואס זייא זענן אוך גוועזן פון דעם רעדיל · האבן אום גשרוגן מיט געכטר קומט · לאזן מיר דער וויל גנעמען צוא ביסליך משקה · דורך צו שווענקן אונזרי העלזר מיט ויין · איידר דיא פיינד וועלן זיך באדין אונ אונזר בלוט · דער וואס האט דיא שפיעל זאל קופן אטרונק דעם וואס גייט ארום מיט ליידיגע קעשינס · ווארום באלד וועט זיין אזא צייט אז יעדר וועט ארום ווארפן אין דיא גאסן זיין גאלד אונ זילבר · אונ קיינר וועט ניט זיין עס אוף צו הייבן · קום בוקיה · האט חפר צוא אים גזאגט · קום צוא כרמין אין שענקיל אריין וועלן מיר מאכן אטרונק :

ליבר לעזער · איידר מיר וועלן זיך צו רוק אום קערן צוא אונזר

מעשה

מעשה · מוז איך אייך בייא קאנט מאכן מיט דעם כרמין וואס פאר אמענטש ער איז גוועזן · אלי שטאט לייט האבן אים גהאלטן פר גאט אונ ציצית · ווארום ער האט גוויסט גאנץ גוט וויא אזו זיך צוא באגיין פר לייטן · אונ אמת אודר איז ער גוועזן אזא שאחרייא · אזא מאשעניק כמעט דר צווייטער לבן · ער האט זיך אום גקלויבן אזא פרנסה ווי אלי גנבים · ער האט זיך גדונגן אשענקל · אונ דארט איז גוועזן אמקום מקלט פון אלי גנבים · ראזבוניקעס · מערדערס · דארט איז גווארן אפ גזעצט אלי גניבות · אונ ער האט שון גהאט גוטע ברודר וואס זייא האבן עס אים אום גבוטן אוף געלד · פאר מענטשן אבר פלעגט ער תמיד דער ציילן זייני מדות טובות אז ער פילט זיך ניט אין קיין שום זונד · אונ אלי אין דער פריא אונ פר נאכט פלעגט ער זיך טראגן מיט דעם גראבן סידור אין שול אריין :

גאנץ פריא איז זמרי מיט עזריקן אריין גגאנגן צוא אים אין שטוב אריין (אזו וויא זייא האבן זיך יענע נאכט בייא שטעלט) : אונ האבן זיך אין אבזונדר שטובל אנודר גזעצט · אונ כרמי האט זיך אנודר גשטעלט וויין אוף דעם טיש אונ איז אוועק גגאנגן · ווארום ער האט גזעהן אז זייא ווילן דא עפיס שמוסן :

איך פאר שטייא · האט זיך עזריקם צוא אים אן גרופן · אז דוא האסט מיר עפיס נייעס צוא דער ציילן · דוא ווייסט עס ערשט · האט אים זמרי גענפערט · אז מיין גאנץ הארוועון איז נאר פון דיינעט וועגן · האב האפנונג אוף תמרן · ווייס מיין הער · אז עמנון האט גשוקט אבריף צוא איר וואס ער איז זייער זיס גשריבן אונ זיא האט אים פאר גליינט פאר מעכהן · מעכה אבר האט עס מיר באלד דר ציילט : אונ איך האב זיא שון אום גלערונט וויא אזו זיא זאל איר ענטפערן · אונ דם שטוקל ארבייט איז איר גראטן · ווארום זיא האט אן גצונדן דעם פער דרוס אין תמרס הארץ · אונ תמר האט זיא גבעטן זיא זאל זעהן צאפן ווערטער בייא פורהן פון עמנונס סודות · אונ פורה איז דאך זאגט ברודעריל · אום זוסט גלייבט שון תמר אז עמנון האט זיך פר ליעבט אין איין אנדרע פריילין הער נאר פרוער וואס איך וועל דיר זאגן · האט עזריקם גזאגט צוא אים ניט אומזוסט גלובט עס תמר · עס איז אמת : אזו האט מיר נעכטן עכן בייא נאכט דר ציילט · בשעת ער איז אריין גקומן צו מיר אונ האט מיך גטראפן · זייער טרויעריג · אונ האט גזאגט צו מיר · וויא לאנג נאך וועסט דוא ארום קוקן אוף תמרן · איז זיא דען ... אר איין איינצוגע אין ציון :

זיא איז דאך אבר איין איינצוגע צו עמנונען · האב איך אים געענטפערט

צו עסנונן אז זיא אויך ניט קיין איינציגע · האט ער מיר ווידר גזאגט ווארום עסנון האט זיך פר ליעבט אין איין אנדרר · ווס זיא איז פיל שענר פון תמרן · נאר זיא איז געביך זייער ארום · איבר דעם האפט ער · אז ער זאל פרוער אום לייזן חננאלן וואס ער איז גפאנגן ביי דיא פלשתים · דרובר זייא דיך סקרים אונ האב מיט איר חתונה · איך האף אז דוא וועסט זיא נאר דער זעהן וועסט דוא שון פער געסין אין צעהן תמרן :

וויא איז ערגיץ איר וואהנונג · האב איך אים איבר גפרעגט · לעבן דר גרעניץ פון דעם לאנד יהודה זוצט זיא היינט מיט איר מוטר · הט ער מיר געענטפרט · אונ עטליכע טאג ארום וועסט דוא זיך קענין מיט איר זעהן :

פון וואנעט קען עס עבן וויסן · האט זמרי גזאגט צוא עזריקן · אפנים עס מוז זיין דיא איינציגע וואס תימן האט זיך אין איר פר ליבט נאך אז ער האט זיא דעמאלט גזעהן · אוי אט דא וואקסט שון איין שלאנג וואס ער וועט קענן עסנונן אגוטן בוס טאן אצונד מוזן מיר נאר ווארטן ביז עסנון וועט צו רוק קומן · וועלין מיר שון וויסן וואס צוא טאן :

נאך זוצן זייא אונ רעדין צווישן זיך · זענן הפר מיט בוקיהן אריין גקומן צוא כרמין אין שענקל אריין : אונ חפר האט זיך צי בוקיהן אן גרופן אוף דר גאס צו שטיין אונ הערין פאטשטען האפט אן אשרעק · איבר דעמסוען מיר צוא דיר אריין גקומן אום צוא בייטן אונזר סרה שחורה אוף אקנאק :

אונ כרמי וואס ער האט גהאלטן זמרין פר איין ערליכן מאן · אונ וויא מיר האבן אובן גשמוסט אז ער האט זיך תמיד אום גפיינט פר אלי ערליכע לייט · האט ער אוף זייא אסוסגע אן גשרוגן (כדי זמרי זאל הערן) · שטילער : ניט היינט איז אצייט צוא שפעטין · וואס איז עפיס כרמי היינט אנדרש וויא תמיד · האט חפר צו אים גזאגט · עס קער עמיצר זוצן אין יענר שטוב וואס דוא שרייסט אוף אונז :

דוא פר שטייסט דאך · דאכט זיך מיר עפיס אנישעפס · הט בוקיה צו אים גזאגט · מיר זענן דאך אלי ליידיג גייערם אונ דייני פלעשר ענג פיל · וועלן מיר נעמן אונ אובר קערן דיא פלעשר אין מול אריין · אט דעמאלט וועלן דיא פלעשר זיין ליידיג · אונ מיר וועלן זיין פול · ניט אפשר אזו :

הערט אוף צו פלודערן · האט כרמי גשרוגן זוצט דא אונ טרונקט · ניין אפנים עס זוצט עמיצר אין יענר שטוב · האט חפר אום גשרוגן ·

קום

קום נאר בוקיה . לאזן מיר אריין גיין זעהן . אונ כרמי איז צו אים צו גגאנגן . אונ האט אים איין גראמט אין אוער אריין . עזריקם מיט זמרין זוצן דארט . אט דא האט חפר גגעבן אגישרייא . ניט קשה . זייא זענן גאנץ גוטע ברודר . זייא ווערן אונז גוים הייסן געבן אין כול אריין :

וויא עזריקם האט עס פון יענר שטוב דר הערט . האט ער גיך אוף געפונט דיא טיר . אונ זייא זענן אריין גקומן . וויא זייא האבן דער זעהן אז זמרי זוצט עפיס פר טראכט . אונ קוקט אזו ערינצט אין גלעזיל אריין . האט זיך חפר צוא אים אן גרופן מיט אגלעכטר . עפיס זעה איך אז דייני גדאנקן זענין זעהר פאר טיעפט אין דעם רוטן וויין . אפנים דוא זוכסט דיא גדאנקן וואס דוא האכט אין דר טריקעניש פאר לורן דא אין דער געץ . אודר דוא ווילסט עפיס נייעס דורך אים גוואר ווערן . האכט רעכט . האט אים זמרי געענטפערט . אונ האט זיך פאר חלינגעט בשעת ער האט פאר זוכט אביסל משקה . נייעס אונ אלטס לוגט ביי האלטן אין דעם רוטן וויין . נאר אבר גוט איז דעם ווס ער פוקט עס ניט אום פר קיינם :

עס איז איין אום גלוק האט זיך חפר אן גרופן . מען שוקט זיך אים . דאכט זיך אין קאפ אריין . אונ איין בייא האלטן ארט . אונ צום סוף איז ער מודיע פר איטליכן . מיר האבן נאר ווס גנומן אקאפ צווינגט אונז עון ארום צו רעדין אלץ דינג ווס עס איז ביי אונז טיף באהאלטן . עס איז איין אום גלוק פון גאט . וואס זענן פר אזונע סודות בייא דיר באהאלטן . האט אים עזריקם גפרעגט וואס דוא האסט אזו מורא . מען זאל ניט גוואר ווערן :

קיין מורא האב איך גאר ניט . האט ער אים געענטפערט . ווארום וויא פיל איך זאל טרונקן . זאג איך פון רעסט וועגן ניט אוס פון דעם חדר . נאר וואס נוצט אונז צוא רעדן פיסטע זאכן . טריקענע גשעפטין . היים בעסר מיין הער אז כרמי זאל אריין ברענגן עפים אביסל משקה . ווארום דאס איז אוואלע רפואה אפילו אגאנץ אלטר מאן . אז ער טרונקט נאר אום אביסל וויין . זוא וועט ער ווידר צוא רוק שטארק אונ יונג :

עזריקם האט גגעבן אווינק צו כרמין אז ער זאל אריין ברענגן וויין . נאר איין אמתן טאפ זאלסט דוא אונז אן מעסטין . האט זיך חפר צוא אים אן גרופן . לאנג לעבין זאל דער קיניג חזקיהו . זינט ער האט אן גהובן צו רעגירן . איז דיא משקה ניט צוא מישט מיט האלב וואסר . אונ דיא מאס איז אוך ערליך . נעכטין האט מען דארט גטראפן אין שענקיל . נים קיין גרעכטי קווארט . האט מען אים צוא בראכן אלי

בלים

בלים • אונ דיא משקה האט מען אים אום גנאסן • דרובר גיב גוט אכטונג זאלסט אוך ניט האבן דעם איינענם פסק :

ביסט גרעכט • דיא שווארץ יאר • האט אים כרמי געענטפרט נאר מאך עס גיך • האט ער ווידר גשרוגן • איידר אשור וועט באפעלן • כרמי איז גנאנגן אונ האט אריין גבראכט וויין • אונ זייא האבן זיך גוט אן געשיכערט • דער נאך האט חפר אן גהובן צו זונגן :

2

1

וויא גוט איז דאס גלעזילע וויין •
פר דעם מרה שחורה דיגע מאן :
וואס עס איז נעביך ביטער
אונ זויער •
טרינקט ער נאר אום ווערט
ער גנעזן •
אונ מאכט שון מער ניט קיין וועזן:
פון קיין זארג אונ פון קיין טרויער:

גנונג זיך היינט צו זארגן •
אונ מורא צו האבן פאר מארגן :
טאמיר וועט אונז דער שונא
פאר דארבן :
אביה היינט מיר לעבן •
לאז מיר זיך אביסל ערהעבן :
היינט לאזן מיר טרינקען
אונ מארגן שטארבן :

אונ איך האלט אוך מיט אים • האט זיך גזוקיה אן גרופן • עס אונ טרונק • ווארום מארגן וועלין מיר שטארבן • דער מענטש וואס דאס לעבן איז בייא אים טייער • איז דיא בעסטי רפואה אז ער זאל זיך קיין מאל ניט זארגן פון דעם וואס עס איז גוועזן • אונ וואס עס וועט זיין • אונ זאל זיך נאר פאר ברענגן דיא צייט מיט עסן אונ טרונקן :

היינט קונדר• הט זיך כרמי צו זייא אן גרופן • איז אזוואיענע צייט • טאר מען ניט זיין בייא זיך אפ גלאזט • אונזר שטאט ציון וועט אונז שוצן אין דער מלחמה • אקרעפיסט איז דא אגוטר • אז אשור וועט וועלן צוא טרייסטן • וועט ער מוזן אוועק גיין פאר שעמט צוא רוק • ווארום דר קיניג פון עגיפטען וועט אונז גיין צו הילף • אונ אוסר דעם האבן מיר גנוג אליין מיט העלפרס אונזרי • דרובר לאזן מיר זיך שטארקן • אונ אן קריידן זיך מיט שווערדן • אוך מיר זענן ניט קיין קראנקע קונדר • אונ גאט וועט אונז גווים העלפן :

אונ זמרי ווס ער איז דארט גזעסן אונ האט ביז אהער גאר גשוויגן • האט נאך אמאל גמאכט מיט דעם גלעזיל • אונ האט זיך אן גרופן צוא כרמין • דיין משקה איז מיט קיין וואסר ניט צו מישט • נאר דייני רייד זענן פול מיט נארישקייט צוא מישט • אוי איר קראנק פאלק איר זענט נאר גבורים • יעדר אין זיין הוים • כל זמן דאס פלעשיל שטייט פר

אייערי אויגן · זעהט איר וויא העלדין · איין שאס אז איר וועט אבער דער הערין · וועט איר זיך איי צו פליהען וויא דיא מייז אין דיא לעכער · וועמן וועט איר עס איין רעדן · פרעגט מיך · ווער איך אייך אביסל באקאנט מאכן · איך האב זיך שון גנוג אן גיזוטן מיט צרות אין שומרון · בשעת שלמנאסר האט זיך גשלאגן · גיין מייני פריינד · ניט מיט דעם מול וועט איר דיא מלחמה גוויגן :

אוי · האט בוקיה גשריגן אונ האט שטארק גזופצט · סנחריב האט פאר זאמלט זיין גאנץ מילטער אונ איז גרייט צוא קומן אהער · פון אונז אטעל צו מאכן · וויא פיל פעלקר ער איז שון ביי גקומן אונ איז נאך ניט זאט · פונקט וויא דער טוט ווערט קיין מאל ניט מיד · איז דען אפנים ביי אים אין לאנד קארג וויין דא · וואס ער קומט צוא אונז · אום צו זויפן אונזר ביסל משקה · וויא ניט פר זארגט · האט אים זמרי געענטפערט מיט גלעכטר · מיר ווערן אפריינד שאפט שליסן מיט דעם טוט · אונ דער וויין וועט אונז קיין מאל ניט פון דעם אום גיין :

איך שווער ביי מיר · האט זיך חפר צו אים אן גרופן · אוב איך וועל דיך זמרי פון דאנעט אוועק לאזן · ביז דוא וועסט מיר ניט עפיס דר ציילין נייעס וואס עס וועט געשעהן · דוא האסט גוויס גהערט רעדן דער פון ביי דיין הער אין דער היים · דר צייל עס מיר זמרי · שווער מיר · האט זמרי צוא אים גזאגט · אז דוא זאלסט עס קיינם ניט דאכטן ביז אגילינגענר צייט :

אוב איך וועל עפיס אום זאגן · האט חפר גזאגט צו אים · זאל מיר דר זיסר וויין ביטר ווערן · אונ דער בראנפן זאל זיין וואסעריק :

אצונד בין איך שון זעכר אז דוא וועסט דיין ווארט האלטן · האט זמרי גזאגט צוא אים · הערט · איר איין וואגר פון ציון · איר ווייסט דאך אז איך בין ניט קיין היא גבוירענער פון דעסט וועגן קלאגט אין מיר מיין הארץ אוף דער זיסר שטאט ציון :

אומזוסט טרייסט זיא ישעיהו וויא אמוטער איר קינד · אונ אנאנקע פאר שלעפט דאס קינד מיט לידליך · דער מענטש וואס וויל לעבן · זאל בעסיר צוא הערן צוא שבנאן וואס ער ראטה אונז צו מאכן איין האנד מיט אשורין · נאר ניט היינט איז דיא צייט דער פון צוא רעדן : איך זאג עס אייך אצונד · אונ אז איר וועט זיך איבר שלאפן אביסל וועט איר עס אליין פר שטיין :

טאקע נאר צוא שבנין איז דאס גלייכסטע צוא הערן · האט זיך עזריקם אן גרופן · אונ זמרי האט זיך ווידר אהיים אום גקערט צוא זיין הער ירידיהן · אונ עזריקם האט זיך אן גרופן צוא חפר אונ בוקיהן :

איר

איר זענט דאך שון עלטער פון מיר · איר גדענקט נאך אין אחז צייטן . בשעת דיא עלטערן אונזרי האבן אום גפארשט ביי דיא צובערר וואס עס וועט זייא טרעפן אונ דיא שפעטערע צייטן . היינט אבער מוזן מיר וויא דיא בלינדע טאפן אין דער פונסטער . איך זאל וויסן וויא עס וואהנט אצובערער וואלט איך אים גוט באלוינט · אז ער זאל מיר זאגן וואס עס וועט טרעפן דער שטאט ציון · אוך וואלט איך גוואלט וויסן וואס מיט מיר וועט דעמאלט גשעהן :

העד נאר עפיס · האט זיך חבר צוא אים אן גרופן וואס עס זיך מיר גטראפן פר אקליינר צייט · איין מאל פר נאכט האב איך דר זעהן פון ווייטן אפרוי מיט אמיידל גזעהן · בשעת איך בין ארום גגאנגן אין יעגר גאס . אזא שיינהייט . אז איר גלייכן איז ניט צו גפונן · וויא אהין ווילט איר דא ערגיץ גיין · האב איך זייא גפרעגט . דיא פרוי האט מיר אבער געענטפערט . מיר קומן אן פון (באר שבע) קיין ציון · אונ מיין טאכטער הט מיך גבעטן אז איך זאל אביסל דיא שטאט ציון אום ווייזן ;

דער וויל אבער האב איך דער זעהן פון ווייטן עפים אמענטשן אן קומן . האב איך זייא איבר גלאזט · ווארום איך האב מורא גהאט . טאמיר · אונ דער זעלבר מינוט זענן זייא ניט גבליבן · עס איז ניט אנדערש . נאר זייא מוזן זיין צובערינען (מכשפות) עס טוט מיר זייער באנק וואס איך האב זייא ניט גוט באטראכט :

גיך זיך זייא נאר אין שטאט טאמיר וועסט דוא זייא דער קענן · האט עזריקם גזאגט צו אים :

זייא זענן זיך איטליכר צו גאנגן אהיים אוך עזריקם איז אוועק גגאנגן פול מיט גדאנקן :

17

אומזוסט איז דאס קאפ ברעכניש · אומזוסט דיא גניבישע הסברות ,
דיין וויטוג אונ דיין זייט שטעכניש : עס וועט דיר תמיד אן טאן צרות ;

דער גישטארבינער איז תחיית המתים
תוא גישטאנין

שון צווייא חדשים איז אוועק זינט עמנונם בריף איז צוא תמרן אן גקומן · אונ קיין איינציגע צייל פון אים · איז איר ניט באקענט גווארן יעדן טאג וועו דר מארגן שטערן מרעט ארום פון זיין נאכט גצעלט פלעגט

פְּלֶעגְט תָּמָר אוֹיךְ אוֹיף שְׁטֵיין אוּנ אֵיינְזַאם אַרוּם גֵיין צְווִישֶׁן דִיא גֶעדְרֶעכְטִי בֵּיימֶר פוּן אִיר גָארְטֶען · אוּנ דָארְט פַר גִיסֶן הֵייסֶע טְרֶעהְרֶען פַאר גָאט · אַז עֶר זָאל אִיר צוּא רוּק אִיר גְלוּבְּטֶען צוּא שִׁיקֶען מִיט זַיין רֵיין הַארְץ וְוִיא פְרִיהֶער · אוּנ מִיט זַיין וַוארְהֵייטֶער זֶעלֶע · אֵיין מָאל וֶוען זִיא אִיז אַזוֹ גִשְׁטַאנֶען גַאנְץ פְרִיא אִין גָארְטֶען אוּנ אִירֶע רוֹטֶע בֶּעקְלִיךְ הָאבֶּען גִשַׁיינְט דִיא טְרֶערֶען · וְוִיא גִילְדֶענֶע טְרָאפֶּען טוֹיא אוֹיף דֶער רוֹז וֶוען דִיא קְנָאסְפֶּען עֶפְנֶען זִיךְ גַאנְץ פְרִיא פוּן דֶער לֶעכְטִיגֶער זוּן אִיז צוּא אִיר צוּא גְקוּמֶען אִיר דִיעֶנְסְט מַעֲכָה אוּנ הָאט זִיךְ צוּא אִיר אָן גְרוּפֶען · זָאלְסְט נִיט אִיבֶּער רוּשְׁט וֶוערֶען וְוירְטִין · אַז דוּא וֶועסְט פְּלוּצוּם הֶערִין אַז עַמְנוֹן מִיט חֲנַנְאֵלֶען זֶענֶען בַּייא דִיר אִין שְׁטוּב · נָאר וָואס זַייא זֶענֶען אָן גְקוּמֶען :

עַמְנוֹן · חֲנַנְאֵל · הָאט תָּמָר מִיט שְׁרֶעק אוּנ פְרֵייד גִשְׁרוּגֶען אוּנ אִיז גִיךְ אַוֶועק גְלָאפֶען אַהֵיים :

וְוִיא אִיבֶּער רוּשְׁט אִיז זִיא גְוָוארֶען · אַז זִיא הָאט דִיא אֵייגֶענֶע סְצֶענֶע פַר אִירֶע אוֹיגֶען גְזֶעהֶען · אַז תִּרְצָה אִיר מוּטֶער אוּמַארֶמְט אֵיין אַלְטֶען מַאן · אוּנ מִיט גְרוּס פְרֵייד שְׁרַייט זִיא · פָּאטֶער גְלוּבְטֶער · מַיין לֶעבֶּענְס קְוֶועלֶע · אוּנ יְדִידְיָה שְׁטֵייט פַאר עַמְנוֹנֶען מִיט גֶנֵייגְטֶע הֶענְד אוּנ שְׁרַייט מַיינֶע אוֹיגֶען זֶעהֶען וְוינְדֶערְלִיכֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִיט גֶערֶעכְט דְרוֹיף · אוּנ תָּמָר אִיז גִשְׁטַאנֶען זֵייעֶר עֶרְשְׁרָאקֶען · אוּנ מִיט צְווֵייפֶעל · צוּא זִיא זָאל גְלֵייבֶּען אִירֶע אֵייגֶענֶע אוֹיגֶען · אוֹיךְ תֵּימָן מִיט זִמְרִין זֶענֶען לֶעבֶּען אִיר גִשְׁטַאנֶען זֵייעֶר פַר וְוינְדֶערְט :

אָה מַיין אוּנ אֵפֶעל · הָאט תָּמָר גִשְׁרוּגֶען · אוּנ יְדִידְיָה הָאט זִיא בַּיי דֶר הַאנְד אָן גְנוּמֶען · אוּנ הָאט זִיא צוּ גְפוּרְט צוּא חֲנַנְאֵלֶען · אוּנ הָאט זִיךְ אָן גְרוּפֶען · קֶער זִיךְ אוּם צוּ תָּמָרֶען דַיין טָאכְטֶער · קֶער זִיךְ אוֹיךְ אוּם מַיין זוּן · הָאט חֲנַנְאֵל צוּ יְדִידְיָהֶען גְזָאגְט צוּ עַמְנוֹנֶען · מַיין עֶרְלֶעזֶער אוּנ מַיין עֶרְבֶּער (יוֹרֵשׁ) צוּא זַאמֶען · אוֹי אַצוּנְד אִיז מַיין חָלוֹם בַּאשֵׁייד גְוָוארֶען · וְוינְדֶערְלִיכֶם הָאט עַמְנוֹן מִיט דַיין טָאכְטֶער גְטָאן · אוּנ נָאךְ מֶער מִיט מִיר · דְרוּבֶּער בַּארְף זַיין כָּבוֹד אַצוּנְד דֶר הוֹבֶּען וֶוערֶען :

אוֹי גַאנְץ גוּט · הָאט תִּרְצָה גִשְׁרוּגֶען הָאט עַמְנוֹן מִיט אוּנְז גְטָאן · אוֹיךְ וִוידֶר גַאנְץ גוּט הָאבֶּען מִיר אִים בַּאלֵיידִיגְט · אוּנ אַצוּנְד פִילֶען מִיר זִיךְ גָאר נִיט אוּם שְׁטַאנְד אִים צוּא בַּאלוֹנֶען וְוִיא אִים קוּמְט :

אוֹיךְ יְדִידְיָה אִיז אַרוּם גְפַאלֶען עַמְנוֹנֶען · אוּנ מִיט טְרֶערֶען הָאט עֶר גְזָאגְט צוּא אִים · פֶער צֵיה מִיר מַיין זוּן · פִיל בַּאלֵיידִיגְט הָאבּ אִיךְ דִיךְ נָאךְ אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ דִיךְ דֶער קֶענְט · שְׁטֵייא אוֹיף אַצוּנְד אַקֶעגֶען תָּמָרֶען דַיין גְלוּבְּטֶע · שְׁטֵייא אוֹיף זִיא צוּא לִיעֶבֶּען · דֶער חָלוֹם אִיז בַּאשֵׁייד גְוָוארֶען ·

דיא וויסט דאך אז א באשווערונג איז צווישן ... ר מיט יורמן געווען · ווי אזו קען איך עס אויף בינדן · דרוג יעם דער לובעניש בייא חננאלן מיין פאטער · ווארום תמר איז זיין טאכטער · אונ ער מעג מיט איר טאן וואס ער וויל · נאך שטייט אזו תמר וויא איין צו מושטע · איז עמנון צוא איר צוא גגאנגן אונ האט זיך צו איר אן גרופן · זעה נאר עדלע · זעה פאר דיר דיין פאטער חננאלן · אום גרייזט האב איך ... זיין נאגגן ארט · אונ גבראכט פאר דיר תמר איז אביסל מינטערער גווארן אונ האט מיט פרייד גשריגן · דוא מיין לעבט · מיין הילף · דוא האסט אונז גקערט דאס פאטער הארץ צו דיא קונדר :

חננאל האט אן גנומן עמנונן בייא דער האנד · אונ האט זיך אן גרופן פר דעם גאנצן הויז גזונד ידידיהם · מיין גאנץ רייכטום וואס איך האב דערטאלט בייא האלטן אין שומרון · האב איך עס היינט אוועק גגעבן עמנונן · דר פר ווס ער האט ערלייזט מיין זעלע · קיין איינציגע זאך פעלט ניט · גמיין גאנץ גמיין בין איך אצונד · אונ עמנון איז שון צווישן דיא רייכע לייט פאר רעכינט אין ציון · מיט וואס קען איך אצונד עמנונן אפ דאנקן פר זיין גאנץ גוטץ וואס ער האט גטאן מיט תמרן מיין טאכטער · (בשעת ער האט דאס גזאגט האט ער צו זאמן גהעפט עמנונס האנד מיט תמרס) · אונ האט גזאגט צו תמרן · דאס איז דאס שייני יונגל וואס ער האט מיך ער לייזט · ווייל ער ליעבט דיך · זיין געבורט איז פאר הולן · נאר אבר זייני זיטען זענן זייני עלטערן · אצונד עמנון מיין זון · שון ... האט דוא שון דיין לעבן גשטרעקט פון אירעט וועגן · דארום זאל אוך אצונד איר לעבן זיין טייער בייא דיר · קיין אנדרי פרויען זאלסטו דוא ניט גנעמן · נאר טרונק צו זאמן פון דעם פער גנוגן · קעלך אונ קיין פרעמדי זאל זיך צווישן אייך ניט אריין מושן · איין איינציגע איז תמר צוא אירע עלטערן · האט זיך עמנון אן גרופן מיט חן · אוך איין איינציגע וועט זיא זיין צו מיר אויף אייביג :

אויף אייביג בין איך צו דיר · האט אוך תמר גענטפערט מיט זיסע טינעם · דוא האסט מיין הארץ גווינען · בשעת זיא האט דאס גזאגט האבן זיך אירע טרערן ווי פעריל גקאטשעט אויף אירע רוזן בעקליך :

צוא אונזר רעדן איז איין ענדע · האט זיך תרצה אן גרופן צוא עמנונן · צו דיר איז תמר · אצונד גייט אייך אביסל פער גנוגן אן ... אין דעם גארטן : ווארום פאר פרייד שטייט זיא נאך וויא איין טרייסענדע :

אדיע תימן · אדיע זמרי · האט זיך עמנון אן גרופן אונ איז ארויס

גגאנגן

גנאנגן מיט ת׳ ..רן ׳ דער חלום איז אצונד באשייד גווארן האט זיך
עמנון צו איר אן גרופן • אונ אצונד מאך לייכטן דיין געזוכט צוא מיר •
ווארום אין דעם לעכט פון דיין געזוכט זעה איך לעבן :

אלוואי דיין הארץ זאל זיין שטענדיג צו מיר אזו וויא אצונד • הט
זיך תמר צו אים אן גרופן :

נאך האסט דוא ניט קיין פער טרויען אויף מיין הארץ • האט עמנון
צו איר גזאגט • דוא ווייסט עס ערשט אז פון דיינעט וועגן וועל איך
מיין לעבן שטרעקן • פון דיינעט וועגן • אין אלייבן גרי.. אראפ
שפרינגען • אונ יעדר אום גליק איז אנגירעכטר בייא מיר • נאר אין
דיר הענגט מיין לעבן • בייא גאט וואס רוהיט אין ציון שווער איך עס
דיר • בייא דיא ווערטר האט ער זיא אום גארמט אונ גקושט • אונ
זיא האט אים אויך פריינדליך גקושט • אונ האט אים גוויזן דעם בריף
וואס ער איז בייא איר בהאלטן גוועזן • אונ האט צוא אי.. גזאגט מיין
הארץ הענגט אן אין דעם גידעכנם מול • אונ אין דייני רוזן ליפען
וועל איך צו נייגען מיין הארץ וויא אזו דוא ווערסט וועלן • איך גלייב
אז דיין מול שפרעכט ווארהייט שטענדיג : תמר האט שון ניט גקוקט
אויף תיכנם ווערטר • וואס ער האט איר אן גרעט אויף עמנונן • אונ
האט מיט אים אוועק גשמועסט ביז האלבן טאג ׳ דער נאך האבן זייא
זיך אהיים אום גקערט אונ האבן שון גטראפן דינם טיש גדעקט זייא
האבן זיך גזעצט צום טיש • אונ האבן געגעסן אונ גטרונקן מיט גרוס
פער גנוגן :

אונ עכנון האט אנדר גטאן אז דרייסיג טאג זינט ער וועט קומן
קיין ציון זאל קיין ווין אונ זיין מול ניט אריין קומן • לאזן נאר דיא
דרייסיג טעג איבר פירען : האט זיך חננאל צו עמנונן אן גרופן וועגן
מיר זיך אלי צו זאמן פרייען אין דיין גילדענר האכצייט :

..ג מעכה אז זיא האט געזעהן אז עכנונם גלעקיל פון דעם גלוק הט
אצונד אזו אויך גשלאגן • אונ איר האפנונג ביז אהער איז צוא גרונד
גגאנגען ׳ האט זיא אויף דעם אנדרן טאג גלאוט הערן ידידיהן • אז
עמנון איז נאר אבטריגר • אונ תימן ווייסט אויך דער פון • אז עמנון
האט זיך פר ליבט אין איין אנדרר • דוא ווערטר זענן אים גוט אין
קאפ אריין • ער האט גפרעגט תימנן ׳ אונ תימן האט אים דער ציילט
וואס פורה האט אים דר ציילט • אונ אז ער האט אליין געזעהן זייער
פער זאמלינגם ארט • וויא ידידיה האט עס דער הערט איז ער זייער
אנצונדט גווארן דאך האט ער אים גהייסן אונ אפינסטר מאנטיל איין
הילן ביז דיא זון פון דער ווארהייט וועט אשיין געבן • אונ מען וועט

דיין ארום זעהן וואס עמנון הט גטאן · ווייסט דוא וואס איך וועל דיר זאגן · האט ידידיה צו אים גזאגט · שוק דיא פורהן אז ער זאל באדוינן עמנונן · אונ זאל נאך קוקן זיין אוף פורן זיך · אונ אז דיא זאך וועט זיין אמת וועט ער עס מעלדין מעכהן · אונ זיא וועט שון וויסן וויא אזו עס פאר צוא לייגן תמרן · אז זיא זאל אים אוך דער קענן פאר אבעטריגער · דעמאלט וועט זיא הייראטן מיט עזריקמן מיין פריינד יורמס זון · אונ עמנון וועט צו שאנד בלייבן · נאר זעה זאלסט עמנונן קיין מינדסטע פארלייגונג דר פון ניט מאכן · ביז דיא זאך וועט ניט ריין ענטדעקט ווערן :

אוף דעם אנדרין טאג האט זיך ידידיה צו עמנונן אן גרופן · איך האב באפולן דיר אצומר אום סטרויען דא אוף דעם אעל בארג אוף דעם ארט וויא דוא האסט מיט תמרן זאליבע גשלאפן · אונ דוא זייז דר וויל ביז אין דיין האכצייט אין דער זומער סאליע · זאלסט קענין אכטונג געבן אוף דיא ארביטארם אז זיא זאלן דיר עס בוען נאך דיין געפעלן :

זעה שיין האט אים עמנון געטפרט · אונ אין דעם זעלבן טאג האט זיך עמנון איבר גטראגן אין דר זומער סאליע · אונ פורה פלעגט אים דארט שטענדיג באדונן · אוך פלעגט עמנון שוקן יערן טאג דורך פורהן צו תמרן גוטן ווין · אונ זיסע שפייזן :

אין עטליכע טעג ארום האט עמנון גשוקט זאגן סתרין אז ער איז שון גקומן צוא רוק פון אשור :

אונ מיט גרוס ערווארטונג האט ער געצילט יעדר מינוט ביז צום דרייסיגסטען טאג · אזו זענן גיך פער פלויגען זיבן אונ צוואנציג טעג אונ קיין איינציגע זינדיגע זאך האט אין אים פורה ניט באמערקט · אין דר זעלבר נאכט איז עוץ גקומן צוא עמנונן צוא דער צייטן אים אז אבישי איז זייער קראנק · אונ סתרי איז גרייט צוא קומן קיין ציון אוף זיין גילדענער האכצייט · אונ עמנון אז ער האט גזעהן אין עוצם מינעם אז ער וויל אים עפיס זאגן אוויכטיגע זאך · איז ער מיט אים ארום גגאנגען אוף דר גאס · אונ עוץ האט זיך צוא אים אן גרופן מארגן ביי נאכט זייא גרייט אין יענם גצעלט · וועסט דוא זעהן דיא וואס דיין זעלע ליבט · עמנון הט אים גדאנקט אונ איז אוועק גגאנגען פון אים :

ליבר לעזר · איר קענט עס איך אליין פאר שטעלן · וויא דער טאג איז אים געוועזן לאנג וויליג · יעדר מינוט האט ער פר אייאר גרעכינט · ער וואלט גגעבן מיט דיא ציין דער צווגן דיא מינוט ער זאל זיך זעהן מיט זיין מוטער אונ מיט זיין שוועסטר :

אונ

אוף דעם אנדרן טאג איז זמרי אוועק געגאנגן גאנץ פריא צום בערג פון דעם וואסר שילה · אזו וויא עזריקס האט אים באפולן דורך זיין קנעכט · (אונ עמנון האט נאך צוויא טאג געצייט):

בשעת ער איז דורך געגאנגן דורך דעם לייכענשטיין (מצבה) פון אבשלומן וואס זיא שטייט אונטר איין בארג · האט ער געזעהן וויא איינר פון דיא פראפהעטישע קונדר שטייט אונ שרייט אום די ווערטר:

איר מערדר קונדר · טרעט אפ אהער · איר באנטאוומטשיקעס קומט אהער · באטראכט אף אבשלומס גריב · אונ נעמט אייך אמוסר ארום · דאס איז אמוסטער פאר אלי קונדר וואס זענן דער ווידר דיא עלטרן · זייער סוף וועט זיין וויא זיינער · ווער איז דר פאטר פון דעם פאלק · דר קיניג · אונ ווער איז דער מערדער זון · שבנא · וואס ער האט איין האנד געשלאסן מיט אבשלומן · אוי מערדר זון · גאטס לעסטרער · גנוג רוטר זענן אן גגרייט פון דיינעט וועגן · אזו וויא אבשלום וועסט דוא אוך דר גיין צווישן היטל אונ ערד · אבשלום הט זיך אן גגרייט דעם לייכענשטיין נאך בייא זיין לעבן · אוך דוא האסט זיך ערהארבעז איין כבוד אין ציון · אונ דוא וועסט זיך אגרוב אוס האקן דא אוף דעם בארג · עס וועט אין דיר מקוים ווערן דיא ווערטר וואס גאט האט גרעט דורך זיין קנעכט ישעיהו:

אונ זמרי איז שטארק בארירט גווארן פון זייני ווערטר · וואס האבן פייערן זיין הארץ דורך געשנוטן · אונ הט זיך צוא אים אן גרופן נאך וואס ברעננסט דוא אום דייני ווערטר צוא דיא וואלד בייטער · קארג מענטשן זענין דא אין ציון · האבן זייא דען קיין אויערן ניט · אוי וויא פערוועלקטע גראז זענן זייא פון דעם געטלובן טאג וואס ער ברענט אין זייא · האט ער אים גענטפערט פיל גלייבער איז צו רעדן צו דר וויסטע · וויא קיין מענטש איז ניט דא · איידער צוא רעדן אין דער שטאט · צו נישט קיין מענטשן:

עט · דוא ביסט משוגע · האט זמרי צוא אים גזאגט · דוא ווילדר מענטש:

יאה משוגע בין איך · האט ער אים גענטפערט · ווארום איך זאג אייך דעם אמת · דאס האט ער גזאגט · אונ איז אוועק געגאנגן ווייטער:

זמרי איז געבליבן שטיין · אונ אין זייני אויערן הערט זיך נאך דער קלאנג פון דיא ווערטר וואס דר פראפהעט האט גרעט · איז עזריקס אן געקומן אונ האט זיך צו אים אן גרופן · גוא וואס זאגסט דוא אצונד זמרי · וואס זאגסט דוא דרויף · דר פאסטך פון שאף איז אהער גווארן · אונ דר העיר צוא אווינדיגען פאסטך · וואס זאלסט דוא קענן אום פירן

האט

האט אים זמרי געענטפערט · אז דוא ביסט שטענדיג אווינדיגר פאסטך :

וואס רעדסט דוא זמרי · האט עזריקם צוא אים גזאגט דער שראקן · וואס הער איך פון דיר · אז דוא קענסט מיר אזונס זאגן · וויא אזו זאר מיין זעלע ניט אום גיין · דאס האט מיך נאך אוף מייני פיס · וואס איך בין באהארצט אין שטאנדהאפט · קארג פר דיר · וואס וויא מען שפעט פון אנידריגן מענטשן האט תמר הט אום מיר געשפעט · מיט דעם וואס זיא האט עמנונן פון דעם מיטג אוף גהובן אים צו ליעבן · שטייט מיר נאך דער נידער טרעכטיגער זון וויא אטייפעל אין אלי מייני וועגן · הער וואס מיך האט אזונס גטראפן · געכטין נאך מיטאג האט מיך עכן גפורט צו דעם מיידל וואס עמנון האט זיא געליבט איידר ער האט מיט תמרן אליבע גשלאסן · אונ וויא איך בין נאר אריין גקומן אין זייער גצעלט האב איך זיא גטראפן זוצן מיט איר מוטר אונ ארבוטן פראקס · וואס קען איך דיר זאגן זמרי · אזוב תמר איז שיין וויא די לבנה · איז זיא לוטר וויא דיא זון · איך האב נאר אבליק גטאן אוף איר איז זיא מיר העכסט גפעלן איך האב איר אן גהובן איין צוא רעדן אז איך וועל זיא פון איר קליינם גצעלט אוף געמן קיין ציון אין דיא שענסטע מוערן :

זיא האט אבר גקוקט ווייטר אוף איר ארבוט אונ האט מיר קיין ווארט ניט געענטפערט · ווייסט דאך אז איך בין דעם הער יורמס זון · האב איך צו איר גזאגט איך שמיעם מיט דיר אצונד · וויא אזו קענסט דוא מיך אזו פאר שעמט שטעלן · זיא אבר האט גישוויגן וויא פרוער · נאר איר מוטר האט צוא מיר גזאגט · פער ציה מיר מיין הער · מיין הער · מיין טאכטער איז ניט גוואנט צוא רעדן מיט קיין פרעמדן · אונ בפרט נאך מיט אזא הער וויא דוא · נאר אבר · איך האב איר אין מוטן דיא רייד איבר גשלאגן · אונ האב זיך צוא איר אן גרופן : נאר אבר איך ווייס דיא אורזאכע פון דיין טאכטער · איר הארץ איז פעראירט נאך עמנונן דעם פאסטך · וואס ער פר פירט וויא פיל רייני הערצר מיט זייני שטאלצעזיטן · ער איז דאך דער וואס האט צו גשווארן ירידיהן אז ער זאל קיין פרעמדי ניט געמן אוסר זיין טאכטער · ביא די ווערטער זענן זייערי טרערן גפאלן שטראמן ווייז · אונ וויא עס האט מיר אום געוויזן זענן זייא ענצוטערט גווארן פון מייני לעצטי רייד :

נאט זאל מיך אזו אפ היטן · האט דיא מוטר צוא מיר גזאגט וויא איך וועל מיין טאכטער ניט געבן צוא עמנונן · אונ אצונד מיין הער נאך איין מאנטה וועט זיא זיין ביא מיר · ביז זיא וועט זיך עס איבו לייגן · דר נאך וועל איך דיר איין שוקן זאגן · זייער היליג זענן אירי

ווערטר

ווערטער · האט זיך עבן צו מיר אן גרופן · איך בין צו ריק אוועק גגאנגן מיט דעם וואס איך בין גקומן ביא נאכט ווידער האב איך מיך ניט גקענט איין האלטן · אונ בין אליין צו גגאנגן צוא זייער גצעלט · נאר איך האב מיר ניט געוואגט פרוער אריין צו קומן · ביז איך וועל אריין קוקן דורך דיא שפארינס פון דעם פענסטריל וואס דארט טוט זיך · געלייכט האט זיך אין שטובל · איך בין צו גגאנגן צום פענסטריל · אוי · וואס פאר אשרעק זענן אוף מיר גפאלן אז איך האב דער זעהן וויא עמנון אומארמט דאס מיידל · אונ זיא האלזט אים · אונ דיא מוטער נעמט זייא צו וויילען ארום צו זאמן אונ קישט זייא · מיין הארץ איז פר קילט גווארן · מייני אויגן טונקל :

אט דאס איז דיא גרוסע קארטין · האב איך זיך גטראכט · וואס זיא איז ניט גוואנט צוא רעדן מיט קיין מאנס פארשון · איך האב זייא דאך ענטדעקט ווער דער עמנון איז · אונ דאך טרעט איר הארץ ניט אוועק פון אים · דיא ערד האט גצוטערט אונטער מיר · אונ מיין הארץ האט מיך אן גרעט צו אפעגן דאס שטובל אופן פייער אלטאר · נאר איך האב מיך איין גהאלטן · אונ האב מיך צוא רוק אום גקערט אהיים וויא ביא טאג · איך האב עם דער צוילט עכנן · אונ ער האט מיך אביסל גשטולט · אונ האט גזאגט צוא מיר · זייא רוהיג עזריקם · אוב איך וועל זיא דיר ניט אריין ברענגן · אזו זאלסט דוא מיך אייביג פון דייני אויגן פאר טרייבן · נאר אבער וואס קען ער מיר העלפן · אז מייני אויגן זעהן אליין אז עמנון שטייט מיר וויא אשטן אין אלי מייני וועגן · אוי זמרי · ווען מיין הארץ זאל זיין פר פרורן וויא אייז · וואלט עס אין מיר צוא שאסן גווארן אוף פייער ווען האניג זאלן פלוסן אין מיין פאלזען · וואלטן זייא אצונד אוף גיפט פאר ביטן גווארן · פיל וויטוגען אונ שאנדן הט מיין הארץ גלוטן דורך עמנונן · אונ אצונד לאקערט ער נאך אוף מיין בלוט · ווארום איינר פון אונז וועט גוויס ניט לעבן בלייבן · נאר איינר מוז שטארבן · אט דעמאלט וועט אפשר דר אנדרר לעבן קענן :

נאך דעם אז זמרי האט אוס גהערט זיין שמוס · האט ער זיך צו אים אן גרופן תמר האט זיך אשלאנג אריין גבראכט · אונ שפילט זיך מיט אים · דר שלאנג וועט איר באלד אביס טאן · אה מיין הער · אצונד איז צייט מיין ארביט צוא טאן · איך וועל מיך איילן אלם צוא פאר פארטוגן · ווארום יעדר מינוט איז וויא איאר לאנג · ווארט נאר אביסל וועסט דוא זעהן וויא עס וועט אפייער ברענן אין עמנונן · תימנן · תמרן · אונ אין דער פרעסדר :

און אוב דוא וועסט איינע פון זייא וועלן · ווייסט דוא זיא ארום
ראטיוועןן וויא איין איאוועלקע פון דעם פייער ארום :

ניין זמרי · האט עזריאל גזאגט צו אים · פר קיה נאה ניט דיא פעל
פון דער לעמפארד · איידר דוא האסט אים נאך ניט אין דיין נעץ
געפאנגען · האבט רעכט האט אים זמרי געענטפערט · גיב מיר צייט מיין
ארבייט צוא (ערפיהלען) זמרי איז זיך אוועק געגאנגען פון אים באלד ·
זיין ארבייט צו קאנטשען :

18

מיט וואס מאכסט נעביך דעם — ווילסט · אט וועסט דוא
קינד אסטראשאק · — באלד האבן דיין פסק :
זיין פארשיווער באהעלפר · — אט גייט מיט דיא לאנגע צעפ
זיין מוטער דיא טריפה · — דיא מכשפה :

דיא פינסטערע נאכט

און דעם זעלבען טאג נאך מיטאג איז תמר גזעסן ביי זיך אין
קאבינעט זייער פרייליך · איר הארץ זינגט פרייערע לידער צוא דעם
גילדענעם טאג פון איר האכצייט · און אירע איידלע הענד ארבעטען
אמיטץ פון איר געליבטענס וועגן · און מעכה האט איבער גלייגט איר
ווירטהונגס צירונג און האט גזופצט · וואס באטייט דיין זופצען ·
האט איר תמר גפרעגט · און מעכה האט געשווינד איין ענטפר גגעבן ·
וויא זאל איך מיך פרייען אויף אזא פרייד וואס זיא פליט געשווינד וויא
אשטן אוועק · קום וואס זיא איז נאר גקומען ציהט זיא שון איבר ·
און טרויער פר דעקט איר ארט :

וואס פלודריסטע · נארישע דיענסט · האט תמר צוא איר גזאגט ·

יא · נאריש בין איך : האט זיא איר געענטפערט · און דאך ווייס
איך פארט אלם שפעטריגע נאך גאר ביי דעם אנפאנג דורך אמתע
צייכען · שון דרייא נעכט הער איך אלץ דם קלאגן פון דעם נאכטיגאל ·
און דאס איז ביי קענט אז זיין קלאגן באטייט ניט אויף קיין גוטץ ·
אוי · ווירטהון · איך סוז פר דיר ענטדעקן איין ביטערע זאך ווס איך
קען עס אויף קיינע פאל אין מיר מער ניט איין האלטן · איך זעה אז
שלעכטס ערוואַרטעט זיך · איך האב גטאן וואס דוא האסט מיר
באפולן · איך האב נאך גפרעגט בייא פורהן וועגן עמנון שריעסט
נאר מיט צוויבעריגן (מכשפות) זייני סודות (פונסטערע שרעקן זענן

גפאלן אויף תמרן • בשעת זיא האט דאס דר הערט • נאט באהערשר אלי געטר . האט זיא גשריגן • קער מיר אום דיין הולף . אז אירע ווערטער זאלן ניט אמת זיין :

אוך איך בין אנצוטערט גווארן אז איך האב עס דער הערט • האט מעכה ווידר גזאגט . אשודער איז מיר איבר גגאנגן • ווייסט דען פורה ווער זייא זענן • אונ וויא זייער וואהנונג איז • האט זיא תמר מיט גרוס צוטערניש גפרעגט :

דיא פער פלוכטע זענן צוויא • האט זיא איר קאלט בלוטיג געגנפרט אמוטר מיט אטאכטר • דאס מיידל איז זייער שיין • אונ מיט איר צובעריא האט זיא שון וויא פיל דיינע זעלען דורך איר שיינקייט גפאנגן • זיא איז אטוטע באשווערערין • אוך ווייסט פורה וויא זייער פאר שלאסן וואנונג איז • נעכטין ביא נאכט האט ער געזעהן עמנונן ביא זייא אין גצעלט ער האט אים זייער גוואלט ערעטען פון זייערי הענד • נאר ער האט גצוטערט מיט זייא זיך טשעפען • אוי זייער פורכטבאר זענן זייא • מיט דיא ווילדע טייערי פון דער וויסטע איז זייער פער בינדונג . דיא בייזע קראקאדילען רינגלען זייא ארום אונ האבן קיין מאכט זייא שלעכץ צו טאן . אוך דאס פייער שטייט צוא יא ניט צו • אונ דיא גשארפטע שווערד וועט זייא אוך קיין בייז ניט זאן • אונ דיא פונסטערע נאכט ווען דיא לבנה איז ערבלאסט . אונ יא שטערן זענן טינקל • ארום האלבי נאכט • ווען אשרעקליך שטול ונטערניש צו שפרייט • דיא פלוגעל איבר דר שטילר ערד • דעמאלט יען זייא ארום • דיא מערדר טעכטער • אין אזוגע ערטער וויא קיין ענטשנס פיס האט קיין מאל ניט ארין גטרעטן . זייא גייען צום אסר קדרון • וויא מען ווארפט ארין יעדר אומריינס • זייא נעכטוגן ן דיא קירכהאפען • אונ באשווערן דיא טוטע קערפיר • וועה איז צו זם אונ וום ערבליקט דעמאלט זייער גאנג :

פר גרוס שרעק איז תמר אנודר גפאלן אויף מעכהס הענד • אונ האט א איר גזאגט • מעכה • מעכה זאג מיר • אז דוא רעדסט עס מיר אין יום וועל איך דיך רעכינן פאר איין אייגענע שוועסטר • ווען איך נל וואך זיין • זאג מיר אז דוא האסט מיך נאר גוואלט פרייוועז • ל איך דיר דאס גאנצי רייכטהום חננאלס אוועק געבן • קער מיר ם צו רוק עמנונן • ווארום אן אים איז מיר ערגר פון דיר • נאר ר וואס ניצט מיר עמנון • אוב דוא זאגסט אמת :

אונ מעכה האט קלאמירשט גזופצט . אונ האט גזאגט צוא איר • וויר תהון • דיין באפעל האב איך גהאט • אונ וואס קען מיר ארום

קומן

קומען אז איך וועל דיין אומגליק פֿר דיר פֿערדעקן · געכטין אי׳ עמנון אָוועק ערגיץ פֿון זיין צימער . אונ איז צוא רוק געקומן גלייך מיט דעם מאָרגן שטערן · דאס מוז דאָך עטוואס באַטייטן · דיא ווירטהון · לייג עס אים פֿוער · אפשר וועט ער זיך בערייהן אוף זיין שלעכטס אונ וועט עס שון מער ניט טאָן :

אָוועק מעכה · האט תמר געזאָגט מיט גרוס געוויין · אָוועק פֿון מיר · וועט מיין זעלע אין מיר וויינן · ביז מיינע אויגן וועלן אליין זעהן מיין אומגליק · דאז זיין וויא עס וויל · דיא נאַכט וועט מיר זיין אַנאַכטזאַמע נאַכט · נאָך צוא קוקן עמנונס טרוט · זאג פֿורהן אז ווען עמנון וועט אַרוס גיין פֿון זיין צימער זאָל ער מיר געשווינד קומען זאָגן · נאָר באַכט עס ניט פֿר מיינע עלטערן :

מעכה איז אָוועק געגאַנגן · אונ תמר האט דאָ איר אומגליק פֿאַר טרועט פֿר איר ברודער תימן · איך בין גרייט האט ער צו איר געזאָגט · איך בין גרייט מיט (האט ער צוא איר געזאָגט איך) דיר צוא זאָמן צוא זעהן דאס שלעכטס וואס עס ברענט וויא אַהעליש פֿייער אין דעם געצעלט פֿון דיא פֿערפֿליכטע :

דאס פֿונסטערניש האט באַדעקט דיא ערד · אונ פֿורה איז צוא געקומן צו תמרס פֿענסטעריל · ווארום דאָרט האט אים מעכה ערוואַרטעט אונ מעכה איז אַריין געגאַנגן צוא תמרן · אונ האט זיך אָן גרופֿן צוא איר · שטייא אוף עדלע · געשווינד שטייא אוף · ווארום עמנון איילט צו זיין שלעכץ · אונ תרצה תמרס מוטער איז גראַד אַריי׳ געקומן צוא תמרן אין קאַבינעט אַריין אונ האט זיך צוא איר אָן גרופֿן ־זם ביסט דוא עפּים אַזו בלאס · מיין טאָכטער · תמר אָבער האט איר ניך איין ענטפֿער געגעבן · אז עמנון איז זייער באַזאָרגט וויל אַבישי זיי׳ ערצוער איז זייער קראַנק · דרובער וויל זיא אַצונד מיט תימנן גייען אים צוא פֿרייקטן . אונ תרצה ווס אירע ווערטער זענן בייא איר שטענדיג טייערי גוועזן · תימן האט געהייסן איין שפּאַנין דיא קאַטש : אונ זאָל מיט איר צוא זאַמן זיך אַדורך פֿאָרן אַבישל · אונ פֿורה האט דיא פֿערד גפֿורט ביז זיא זענען געקומן ניט ווייט פֿון דעם געצעלט :

זיץ דוא דאָ · האט תימן צו פֿורהן געזאָגט · אונ מיר וועלן צוא גיין צום געצעלט · זייא זענען אַראָפּ געגאַנגן אונ זענען צוא געקומן צום שטיבל אונ האבן דורך דיא שפּאַרינעס פֿון דעם פֿענסטער אַריין געקוקט:

וואס פֿאַר אַשרעקן זענן אוף זייא גפֿאַלן · אז זייא האבן דער זעהן וויא דאס מיידל מיט זיידענציג שטייט געקלייד וויא אַרוז · אונ עמנונ׳ זיינט · אונ עמנון האט איר האַנד אונ טוט איר פֿונגערליך אַרוף · או

בלוקט

בלוקט אוף איר מיט ליבע אונ חן · אונ קישט איר האנד · אונ אוך דאס פריילין דאנקט אים אפ מיט ליבע קישען · אונ דיא מוטר שטייט צו פרודן פון דר זיסר סטצענע · אונ גייט צו זייא צו . אונ אומארמט זייא צו זאמן מיט אפרייליך הארץ :

עפין אוף ערד דיין מול · מוטר פון יעדר באשעפניש . האט תמר גשרונן · שים אום הימל מיט אבלייץ אונ צו טייל זייא . האט אוך תימן מיט זייני צו טרענטי לופן גשרונן · גשווינד קום אוועק פון דאנעט · ער האט אן גנומן תמרן בייא דר האנד · אונ האט זיא צו גפורט צוא דר קאטש · וואס זייא זענן דארט גזעסן . וואס איז דארט אזונס גוועז · האט זיא פורה גפרעגט :

אוי פורה · האט אים תימן געענטפערט · בעסר וואלטן אונזרי אוגן פר מאכט גוואורן · איידר אזא סצענע צו ערבליקן . אט דאס איז עמנון יין אום דר ווילטער · האט דיא דר שראקנע תמר גשרונן · יאה האט איר תימן געענטפערט . עמנון דיין אום דער ווילטער האט זיך אום דר וילט אפרעמדי · וואס זיא בליט וויא ארוז אין זיין זייט . אונ דוא ביסט אר וועקקט :

אוי מיין גטרייער ברודר · הט תמר גשרונן · מיין פריילכי נאכט האט גאט פר וואנדילט אין שרעק · אפייער ברענט אין מיינע גלודר · וועה איז צו דער נאכט . האט ווידר תימן גשרונן · פונסטרר זאל זיא יין · זיא זאל ניט ערבליקן דעם שיין פון דעם מארגן שטערן . דיא אכט האט וויא אבייזר שלאנג איין גשלונגן עמנונס ווערטה · אוך הט א צו טיילט דאס פריינד שאפט צווישן מיר מיט אים :

וועה איז צו מיר · האט תמר גשרונן מיט אגווין · דיא איינע נאכט אכט מיר אלי לעכטיגע טעג · צוא פונסטערי נאכט · זיא פרטינקעלט יין לעבענס הימל אין מוטן שיינעם זומר טאג · אונ דר נאכט איז דער עכטיגר מארגן שטערן פון דעם לוטרן הימל אין דער טיעפר העלע ראפ גפאלן · אוי מיין האנד זאל זיא חאטשי אין קראפט פולן · אים רוק ארוף צו ברענגן :

אוי . האט אוך תימן גשרונן · זאלסט חאטשי קענן ווידר דיא העלע יהנם) מיר צום פאראדיעס (גן עדן) פאר וואנדלן · גאר אבער גיין · ער קען פון אום ריין ביין מאכן · נאך שטייען זייא אזו אין קלאגן · אט פורה אטרייב גטאן דיא פערד · אונ האט זייא גשווינד אהיים ראכט · דארט האט שון תימן גלערינט תמרן וואס פאר איין ענטפר א זאל דער מוטר געבן · פורה איז צו רוק צו זיך אהיים אוועק גגאנגן נ תימן מיט תמרן זענן אין שטוב אריין גקומן :

וואס איז איך מייני קינדר . האט זיא תרצה גפרעגט • וואס איר זענט אזו בלאס :

ווען איז צוא מיר מיין מיערי מוטער • האט איר תמר געענטפערט אשרעק איז אוף מיר גפאלן • אצובערין (מכשפה) האט מיך בגעגינט גיין מיט תימן און האט גזאגט צוא מיר ׳ זעה דוא שיין מיידל • אז שרעקן וואורטן אוף דיר . וויא באלד דוא וועסט מיט עמנון היירעטן . און מער האט זיא מיר ניט גזאגט • און איז גשווינד אוועק עס איז ניט אנדערש . זיא איז גוויס אצובערין :

הער אוף . מיין טאכטער . און אזא נארישקייט צוא טראכטן • האט תרצה צו איר גזאגט זייא גאנץ רוהיג • שרעק זיך ניט פון אירע ווערטער • זעה זאלסט עס ניט דאכטן פאר עמנון • זאלסט אים ניט קיין טרויער מאכן • עס האט אוודאי עזריקם גקערט אן שטעלן דיא פרוי דיך איבער צו שרעקן • אזו האט איר אלץ תרצה גטרייסט • תמר אבער ווכ זיא האט נעבין גוויסט איר אום גלוק • האט דיא גאנצי נאכט קיין און ניט צוא גטאן ׳ אוף קיין מינוט האבן אירע אוגן ניט אוף גהערט טרערן צוא פאר גיסן :

19

צו ריסען דיא ליעבעס פערבינדונג

דיא נאכט איז אוועק • און דיא שיינע זון האט ארום גטרעטן אי מוטן הימל • און מעכה איז צו גגאנגן צו תמרן וואס זיא איז נאר ווא איין שלאפן גווארן • און האט זיך צו איר אן גרופן • שטייא או ווירטהון • דיא זון איז שון אוף גגאנגן • ווען איז אבער צוא מיין זון האט תמר איר גזאגט מיט זיפצן ׳ מיין זון איז אונטער גגאנגן ׳ מאר וועט ארום טרעטן דיא זון צוא באלייכטן דעם גילדענם טאג פון מי האכצייט . דער טאג זאל בעסר פונסטער ווערן :

הער ווירטהון • וועסט דוא ערשטיינט ווערן • עמנון וואורט א דיר ׳ ער רעט אין שטוב מיט חננאלן • און תמר האט גזופצט און ד מיט כעס גשרוגן • אוי בעטריבער פון מיין זעלע • נאר אבער זאג מ מעכה . האסט נאך גזעהן אזא שיין יונגער וויא ער • ווען אלי ציו טעכטער זאלן אוף אים אבלוק טאן וואלטן זייא גוויס קראנק גווארן א דער ליבע קראנקייט • מייני ברוקן האב איך תמיד נאר אוף א גווארפן • און מיין זעלע איז צוא זאמען גקנופט מיט זיינער • אוי וו

קען

קעז איך אים אצונד ווייט פון מייני אויגן פר טרייבן · גאט · מיין גאט · מיין קראפט · מאך מיין הארץ וויא שטאל · מיט אים בייזע ווערטר צו רעדן · נאר אבר גיין · פאר דעקט אונטר אפינסטר מאנטיל · באגייט ער זיך מיט מיר · אונ אזו וועל איך אוך זיך מיט אים באגיין · זאג אים מעכה · אז נאך עטליכע מינוט בין איך בייא אים אין צומר :

זיא איז אוף גשטאנן · הט זיך אפ גוואשן · אונ שיין באקלייד מיט דעם גאנצן צורונג · אונ מיט פרייליכע מינים · כדי עמנון זאל קיין איינציגע טרויעריגע מינע ניט גפונן · אונ עמנון איז צוא איר אריין גקומן אין קאבינעט אריין · אונ האט זיך צו איר אן גרופן · ביסט דוא רוהיג מיין שיינע טוב · האסט דוא גהאט אריהגען שלאף · זייער לאנג איז מיר דיא נאכט גוועזן · האט אים תמר געענטפערט · נאך איין טאג · האט עמנון ווידער צוא איר גזאגט · ווערסט דוא מיך שון רופן גמאהל (מיין) · נאך היינטיגן טאג מוזן מיר פר בארגן אונזר ליבע · בשעת ער האט דם גזאגט האט ער גנומן איר האנד · אונ האט זיא גקושט · אונ תמר איז ערבלאסט גווארן · אונ האט גזאגט צו אים · דייני ליפן עמנון פלאמן וויא פייער · ביסט דוא דען גאר וועגן דעם צוא מיר אזו פריא גקומן :

אוב בייא דיר איז דאס אקלייניקייט · האט עמנון איר געענטפערט · בייא מיר אבר איז דאס אגאנץ גרוסע זאך · זייער גרוס איז מיין ליבע צוא דיר · טויזענד מאל מער פון דיין ליבע צו מיר · נאר די אורזאכע וואס איך בין אהער אזו פריא גקומן · איז דאס · דוא ווייסט דאך אז איך האב דיר צוא גשווארן · אז נאר דורך דיר וועל זיך מיך אוף פורן · אן דיר וועל איך קיין מינסטע זאך ניט טאן · דרובר בין איך אצונד גקומן פרעגן דיך · מיין שיינע טוב זאל איך גיין קיין (בית להם) צוא אבישי מיין ערצוער · ווארום איך האב גהערט אז ער איז זייער קראנק · ווערסט דוא דען האלטן דיין שבועה · האט תמר אים געענטפערט · וואס דוא האסט מיר צוא גשווארן · אזו וויא ביז היינט :

בייא דעם הייליגן גאט שווער איך עס דיר · האט ער צוא איר גזאגט · אז דייני ווערטער וועל איך ערפילן :

דארום וועל איך דיך איינס בעטן · האט תמר צו אים גזאגט · דער פאר וואס דוא האסט מיך גליבט ביז אהער · ארוס פון מיין פאטערס הויז · אונ פון מיין גבורן לאנד · נאך אין דרייא טאג זאלסט דוא זיך דא ניט גפונן · אוי תמר · האט עמנון זייער פער וווּנדערט גשריגן · איז עס דייני שטימן · מיין טייבעלע · דייני ווערטר · מיין גלובטע : גיין האט אים תמר געענטפערט · ניט דיין טוב ניט דיין גלובטע בין איך

מער

OF THE
C. R.

מער · נאר דיין פיינדין · דיין בעטריבטע גין איך פון הייגט אן איך בעריהע מיך · וואס איך האב ביז אהער מיין טאטן ניט גפאלגט · אנדרי גדאנקן רושען אצונד אין מיר · צוא עלוסן צו רוק דאס פריינד שאפט וואס עס איז גוועזן צווישן טאטן מיט יורמן · זעה עמנון · אז איך האס דיך · אונ קער זיך אוועק פון מיר:

תמר · תמר · הט עמנון גשריגן מיט גרוס שרעק · הער אוף תמר · צו שפעטין אום מיר · ווארום דיין גשעפט הענגט אן אין מיין זעלע · ער האט אפאר מינוט גשוויגן · דער נאך האט ער זיך אן גרופן מיט אנגילעכטער · איך שפעט אליין אום מיר · פאר מיין נארישקייט · צוא האט דיין קאטאוועס פר אריינגם אמת · מיט דיין מול האסט דוא מיר עטליכי בייזע ווערטער גרעט · אונ מיט דייני טייבעבען־אוגן האסט דוא מיך צו רוק צו גצויגן · איך וויים אז דיין מול וועט אין אמינוט ארום מיך צוא רוק טרייסטן · רעד מיט מיר תמר · זיסע ווערטער · וויא ביז אהער · נאך וואס האסט דוא זיך עפים הייגט איין אנדרר שפראכע אום גקריבן · (בייא דיא ווערטער האט ער אן גנומן תמרס האנד · אונ האט זיא צו גדרוקט זיך · נאר אבר תמר האט מיט בעם אראפ גרוקט זיין האנד פון זיך · אונ האט גזאגט צוא אים · הער אוף עמנון · הער אוף צוא רעדן · גדענק מייני ווערטער · אונ דיין שבועה · אונ גייא אוועק פון מיר · זעה דאכט עס ניט פאר מייני עלטרן · דאס האט זיא צו אים גזאגט · אונ איז פון איר צומר ארוס גגאנגן:

וועה · האט עמנון מיט איין צוא בראכן גמוטה גשריגן בשעת ער איז פר שעבט ארוס גגאנגן פון איר קאבינעט · ווערקען מיך טרייסן · ער איז גיך ארוס גגאנגן פון ידידיהס הוז · זיין הארץ איז אין אים פר קילט גווארן וויא אייז · זייני אוגן זענן טינקל גווארן · אונ זייני פיס שלאפבייטהוג · ער האט זיך קום דר שלעפט צוא זיך אהיים · אונ איז אנודר גפאלן אוף זיין בעטיל אן מאכט · אט דא האט ער זיין פנים צו גדרוקט צוא דעם קישען · וואס ער האט זיא דורך גווייגט פון זייני טרערן · אט דא ווידר איז ער אוף גשטאנען · אונ איז ארום גגאנגן איבר זיין שטיבל וויא אבטריבטר · אונ האט זיך אפ גשעלט · אונ צו זיך אליין גזאגט · עס איז ניט אנדריש · נאר עס מוז אנודאי זיין איין שרעקליכר טרוים · וואס עס האט זיך מיר גחלומת · אודר אפשר גאר האט מיך תמר גפריווט · צוא מיין ליבע איז ציא איר אריינע אמתע ליבע · אוי וויא גרוס וואלט מיין פריינד גוועזן · אז תמר זאל מיר זאגן · איך האב דיך באטראגן · עמנון · נאר אבר וואס רעד איך · תמר האט מיך פאר טריבן פון זיך · אונ אוך פון איר גבורן לאנד ·

אונ

אונ איך האב איר גשווארן · אז אירע ווערטער ווערין מיר זיין היילוג · אוי מיין הארץ זאל קענן צו גאסן ווערין פר חנגאלן · וועה איז צוא מיר · תמרס פיילן האבן מיין הארצן גצילט · אונ איך קען קיין מול ניט עפונן :

ארום האלבן טאג הט מעכה גרופן זמרין · ער זאל גיין אין גארטן אריין · וואס תמר איז דארטן אליין ארום גגאנגן · וויא זמרי איז צוא איר אריין גקומן · האט ער זיך צוא איר אן גרופן · וואס ביסט דוא איז בלאס ווירטהון . אונ דעם טאג פון דיין האכצייט · פון דיין פרייד · איין ארענטליכן מאן . האט תמר צו אים גזאגט · האב איך דיח גפונן ביא דעם טאטענס הוז גזונד · דרובר וועל איך מייני שמערצן פאר ענטדעקן · איך האף אז דוא וועסט עס מייני עלטרן ניט דר ציילן :

זייא גאנץ זעכיר . האט זמרי צו איר גזאגט · אז איך וועל עס פאר קיינם ניט דאכטן . העד מיין אומגלוק · האט תמר גזופצט אונ הט צו אים גזאגט . ווען דוא וועסט עס הערן · וועסט דוא ערשטיינט ווערן · עמנון וואס איך האב אים ביז אהער געליבט וויא דאס אוג אין קאפ · איז מיר אצונד פאר קערט גווארן · זיין הארץ איז גפאנגן גווארן אין דער געץ פון דיא מכשפות (צובערינען) :

ניין ווירטהון · האט זמרי צו איר גזאגט (קלאמירשט) פר ווינדערט · זאלסט ניט שפעטין אום מיר · ניט אזא יונגל וויא עמנון וועט אזונס טאן · אומזוסט איז דיין טרייסטן · האט אים תמר געגטפערט · מייני אוגן אליין זאלן עס ניט געווען זעהן · וואלט איך עס אוך ניט גגלייבט . פר שאלטן זאל זיין דיא נעכטיגע נאכט . וואס זיא הט מיר מיין פרייד צוא שטערט · אונ פאר שאלטן זאלן זיין דיא מכשפות · וואס האבן פר פירט אזא ריינע זעלע · אוי זמרי · איין אום גלוק פון גאט איז מיר גשעהן · מיין לעבענס פאראריעס האט ער מיר צו דער העלע (גהינם) פערוואנדלט · אונ דאך הענגט נאך מיין הארץ צווישן שרעקן . אונ ערבארמן . מיט צווייפעל · צוא איך זאל מיך ערבארמן איבר עמנונן . אודר זיך צו שרעקן פר אים · אונ אים האסן · וועה איז צו מיר · מיין הארץ איז צוא רוס · פון ליבע אונ טריבע · פון נקמה · אונ פון ערבארמן · וואס זייא שטרייטען צווישן זיך טיף אין מיין הארצן · ווארום עמנונס ליבע איז נאך ניט אום גווארצילט אין גאנצן פון מיין הארצן . מיט גרוס פאר דראס האב איך אים אין דר פריא פר טריבן פון מייני אוגן · אונ אצונד איז ער גשטירט גווארן · אז איך באדעכן מיך · וועמין האב איך . פון מיר פר יאגט . עמנונן מיין גאנצי זון פון דעם לעבן · אן אים וואס בין איך · וויים זמרי . מיין אום גלוק . אונ

פיר

ור מיך ארום דר פון !

אונ זמרי האט מיט דיא הענד גקלאפט • אונ האט צוא איר גזאגט • מיין הארץ ווערט אין מיר צוא גאסן קאכענדיג אויף דיר • תמר מיין גילדן פאר • וויא זענט איר פלוצום אין איין אויגן בליק צוא טייל גווארן • בשעת ער האט דס גזאגט • האט ער מיט אטיכל קלאמירשט זייני פאלמשע טרערן אפ גווישט • ער איז גלייך צוא דעם קראקאדיל • וואס ער האלט זיך אויף אין דיא עגיפטשע וואסרין • וואס ער ברענגט אים איין מענטשן • וואלט ער אים גגערן מיט איין מאל איין גשלונגן • אונ אז ער זעהט אבר • אז עס גייט ניט • קלאגט ער • אונ וויינט • אזו איז אויך גוועזן זמרים וויינען • זאלסט זיך דיא נאכט ניט שלאפן לייגן • האט תמר צוא אים גזאגט • זאלסט זעהן אום צו טראפן עמנונן • אפשר וועט ער זיך בפרייען אויף זיין שלעכטס • וועט אונזר ליבע ניט אויף גקנופט ווערן :

אוב ער האט נאך עפיס גאט אין הארצן • הט זמרי צו איר גזאגט : האף איך • אז ער וועט דורך מייני רייד ווייך ווערן • אונ וועט זיין צו רוק דרייען • אזו ווען עס זאל אזו זיין • דעמאלט וואלט איך אים נאך טאפעלט מאל וויא פרוער גליבט :

20

עמנון מאכט זיך פארטיג צום וועג

דעם גאנצן טאג האט עמנון גוויינט • אונ האט ניט פאר זיכט קיין מינדסטע זאך פאר נאכט איז (עוץ) צו אים גקומן • אונ האט צוא אים גזאגט • וואס איז דיר עמנון • וואס דוא ביסט אזו פר זארגט :

אזו האט תמר גוואלט • האט אים עמנון געענטפערט • אונ האט מיך אזו אנודר גשטורצט • ער האט אים אום דר צייילט אלס • וואס אים איז גשעהן • אונ עוץ אז ער האט עס דער הערט • איז ער אנצוטערט גווארן • שון פון לאנג האב איך זיך דיר גזאגט • האט ער גזאגט צוא עמנונן • פליא ניט נאך דעם נאכטיגאל ביז אין הימל • דוא ביסט גוועזן וויא דער פרייער פויגל • וואס בוועט זיך צנעסט אין דער הייך אויף איין פענסטער פון אפאלץ • ער פער געכט זיך גאר אז ארעגן אודר איין בלאז האנד וועט עס אים אראפ נוארפן • אודר גאר אמענטשנם וועט עס אום שטארצן • איך האב דאך דיר שון פון לאנג גזאגט •

נעם דיר בעסר אפרוי דיין גלייכן דעמאלט וועסט דוא דיר גליקליך אפ לעבן דיין וועלט · דוא אבר האסט מיך ניט געהערט וויא דיא נארישע טוב מיינט . זיא וועט אזערנע קרונן · אונ ווערט גפאנגן · אזו ביסט דוא אוך פר וויסט גוואורן דורך תמרן . אונ ציון האסט דוא ליסט גהאט צו זוצן צווישן הערן · וואס דייני עלטערן האבן זייא ניט געקאנט · ווס זייא האבן קיין מורא ניט פר גאט · אונ אוף קיין מענטשן ער בארמן זייא זיך ניט · ווארום וועון תמר זאל נאר האבן אין זיך עפיס גאטס פורכט . וואלט זיא ניט גוואורן צוא דיר מיט אמאל אזא מעררן · דוא האכט זיך אבר · האט עמנון צו אים גזאגט . מיר אויין נאך ביי דעם אנפאנג אוס גרעכינט אירע גוטע זיטען · זעסט זיך שון אצונד · האט ער אים גענטפערט . אז אירע אלי זיטען זענן נאר וויא אויין קלייד . וואס עס איז נאר לכבוד · מיט ליבע שטריק האט דיך תמר צו גצוגן · אונ דורך דעם איז דיר אנווייטוג גבליבן . דארום ער שיין אוף · איר נאך צוא פלגען · מאמר וועסט דוא נאך עפיס בעסרם דער פולן . פאר געם אין דיא טעג · וואס דוא האסט מיט איר ארגליע פון ליבע גשפולט · פאר געם אין תמרן · וועסט דוא פאר געסן אין אלם שלעכטן :

הער אוף עוץ · האט עמנון צוא אים גזאגט געבר וועל איך אין מיין אייגינר האנד פאר געסן · איידר אין תמרן · נאך שטייען זייא אזו אונ רעדן · איז זמרי אן גקומן · אונ עוץ אז ער האט אים דער זעהן אריין קומן האט ער זיך צו עמנונן אן גרופן · ווייס עמנון וואס איך בין גצווינגן צוא דיר צוא קומן · ווייס אז אבישי מיין הער איז זייער קראנק · אונ ער פר לאנגט זייער מיט דיר זיך צו זעהן · וועסט מארגן אין דר פריא קומן צו מיר · האט עמנון אים גענטפערט · ווען מיר צוא זאמן גיין קיין בית לחם . עוץ איז פון אים אוועק גנאנגן . אונ האט עמנונס רייד טיף אין זיך פר בארגן . ער האט קיין ווארט ניט גדאכט פר נעמן מיט פנינהן :

אונ זמרי נאך דעם אז עוץ איז אוועק גגאנגן · האט ער זיך צוא עמנונן אן גרופן . ביסט דוא רוהיג · עמנון · אוף דעם ארט פון רוהיג זיין · האט ער אים מיט זיפצן גענטפערט · איז מיר געביך זייער ביטער · איך וויים דיין בוטעקייט . הט זיך זמרי צוא אים אן גרופן · דרוב בין איך אמוסנע גקומן צו דיר · דיך צו טרייסטן · ווען צוא דר היינטיגר צייט · וואס זיא ברענגט אלי מאל נייעס פאר · אוף מיין שטעלע בין איך גשטאנן פון אין דר פריא . ביז דער טאג איז אוועק ביוא נאכט בין איך מיר אביסל ארום גגאנגן אין דיא גאסן פון דעו

שטאט

שפאס · האב איך געזעהן שרעקליכעס · אפורכט רוט אויף דיא ליפן פון דיא באזוצר . פיל פון אינזרי גרוסע הערן האבן שון אן גהובן ווייט צו אנטלופן פר דיא שרעקן פון דעם פיינד · אונ בין צוא רוק אין שטוב אריין גנומן · אבר אוך דארט האב איך קיין רוה גפונן · אוך דארט האב איך געזעהן שינות פאר קערטע זאכן · אז תמר האסט שון דיך · אונ ליבט צוא רוק עזריקמן : איך האב גפריווט רעדן צוא איר · אוך האב איך איר פאר גלייגט איר נארישקייט פר דיא אויגן · זיא אבר האט זיך אויף מיר אן גבייזערט · ווער הט דיך זמרי גמאכט פר אראטה געבר בייא מיין פאטר אין שטוב . גנוג דיר צו זוצן בייא פאטרס שטוב . פיל גלייכר וואלט געוועזן אז קיין פרעמדר זאל זיך צווישן אונז ניט אריין מישן :

אונ איך האב עס זייער פאר ווינדערט אום געהערט . ווארום צייט מיין לעבן האב איך פון איר אזונע ווערטר נאך ניט געהערט · דרובר בין איך גקומן צו דיר צו וויסן וואס דער פר דרוס באטייט · אפשר האסט דוא איר הארץ פון איר דיר אוועק גנייגט · בייא גאט שווער איך דיר · האט עמנון צוא אים גזאגט . אז איך פיל מיך ניט אין קיין איינציגע זונד אקייגן איר · תמר האט מיך היינט פר טרובן פון איר אויגן · אוך פון איר פאטרס לאנד · אונ אירע ווערטר מוז איך ערפילן . ווארום איך וועל ווערן פר יאגט פון דעם לעבנס לאנד · אין אשטול וויסטעס לאנד · בייא דיא ווערטר זענן זייני טרערן גפאלן אויף זייני באקן שטראמן ווייס . אונ זמרי האט קאמירשט גזופצט אונ גזאגט איינס פאר לאנג איך פון דיר · עמנון הער אויף צוא וויינן · ווארום דורך דייני טרערן פלוסן אויך דיא מייניגע · אונ וועט דען דיר גרינגר ווערן · אז איך וועל אוך זיין וויא אבאטובטר מאן · הער אויף צוא וויינן וואש אפ די טרערן אונ לאמיר צו זאמן אראטה האלטן . וואס צו טאן · גיב מיר אראטה · זמרי האט עמנון גזאגט . אונ האט זיך אפ גווישט דיא טרערן פון זייני באקן . אונ איך וועל עס מיט איין אויף מערקזאמן אויער צו הערן . מיין הארץ קלאפט אין מיר . אז איך קען קיין ווארט ניט רעדן · ווען איז צוא דיא בלוקן פון איין מאנספערזאן מיט אפרוען צומר · אז זייא באגעגנען זיך · האט זמרי צו אים גזאגט · דר פון וואקסט אום · יעדר או.. ג־וק · יעדר בראך . פון דיא מענטשן שון פון לאנג האב איך עס גזאגט . ווען דוא זאלסט זיך געווען דעמאלט צוא הערן פון מייני ווערטר · איך האב דיין ענדע נאך בייא דעם אן פאנג באקלערט . ווייל איך קען דיא תמרן · גאך פון דער יוגענד אן . אזו וויא זיא איז גוט אונ וואכהערציג · אזו איז זיא ווידר

אוך .

אוך שטארק וויא אייזן • נאך איידר זיא האט דיך דער קענט • איז זיא תמיד אירע עלטערן דער ווידער גוועזן • וואס זייא האבן גהאסט • זיא האט גהאסט עזריקמן • ווייל דיא עלטערן האבן אים גליבט • דיך האט זיא פר טריבן • ווייל אירע עלטערן האבן דיך שיין אוף גנומן • אזונע שינות וועסט דוא נאך זוכן טוזענדר אין אקורצר צייט • ווארום איר עלטערנס ווילן • דאס מאכט איר אן פאר קערטע גראנקן • אזי וואלטן אירע עלטערן דיך גהאסט • אט דעמאלט וואלט זיא ערשט דיך גליבט • שון פון לאנג האט דיר מיין הארץ גזאגט • וויא אום גלוקליך איז נעביך עמנון • תמרס ליבע איז נאר וויא שפין וויבס • זיא וועט אים פר פירן דיא גילדנע יוגנד צייט • אונ ביא דעם סוף וועט זיין האפנונג וויא דאס פייגעלע אוועק פליען • תמר וועט פון אים פר שווינדן ווערן • וויא אנאכט חלום גאנץ פריא • ווארום נאר אטרום איז איר ליעבע • אונ צוא אטרום וועט זיך עס אום לאזן :

אוי • הט נעביך עמנון גזופצט • ווי ליב איז מיר דר טרום גוועזן • אלוואי וואלט ער גדוערט אין מיין גאנצן לעבן • היינטיגן טאג בין איך ער וואכט גווארן • אוף אייביג איין שלאפן צו ווערן :

הער נאר עמנון • האט זמרי צו אים גזאגט • הער דעם ביי שפיעל וואס איך האב געענטפערט איינם אנאר • ווס ער האט פון מיר פר לאנגט אראטה וווא זאל ער זיך זוכן אפרוי • אונ דיא שטעט • צוא אין דיא דערפר • האב איך אים גענטפערט • ווילסט זיך זוכן איין פרוי • גרייט דיא פרוער אן אוף איינגע יארן שפייז • אונ פליא אום דיא גאנצי וועלט • כדי זאלסט מיר דער נאך קענן זאגן • איך האב אום גזעהן דיא גאנצי וועלט • אלס האב איך גפונן • נאר קיין פרוי איז ניט דא • דאס האב איך שטענדיג אין זינען גהאט • איבר דע: האב איך מיר אום גקלובן רוהיג צוא זוצן איינזאם • אונ דיא עמנון • מעגסט מיך הערן צו ניין • נאר אבר אין היינטיגר צייט הער מיך צוא • איז צייט אצונד אפרוי צוא נעמן • ווען אלי הערן פון ציון זענן טרויעריג • מיט זייערי ווייבר אונ קונדר זענן זייא געבך פר וואגעלט מיט גרוס מיה • נים אבר אזוי זענן אונזרי ברודר • וואס לעבן זיך איינזאם • קום עמנון • מיר זענן זיך ביידע פר טרובן פון ידידיהס הויז • קום לאמיר אנטלופן איידר אונזרי פים זענן נאך אוף ציונס געבירגע צוא שלאגן גווארן • ווער ווייסט וואס פאר אשלעכטס עס נוארט אוף דיר • היינט האט זיא דיך פאר טריבן • אונ מארגן ווער ווייסט • וואס זיא קען אוף דיר אום טראכטן • כדי זיא זאל גרעכט בלייבן • אונ ווער ווייסט זיך קענן מיט

איר שטעקן :

ווען איז צו מיר · האט עמנון גשריגן · ווען איז צו מיר . ווי האט
האט מיך צו אזו פיל גבראכט · האט ער געביך גשריגן מיט אצובראכן
גמוט · פון גאנץ ווייט בין איך גלאפן צו דיר · גאנץ ווייט ווידר וועל
איך פון דיר פר יאגט ווערן · אונ דיא זמרי . וויא איין אייגענר ברודר
ביסט דוא מיר ליב · נאר אבר ניט איינזאם וויא דוא · בין איך · ניט
איינזאם בין איך · איך האב נאך אגטריייע מוטר מיט א שוועסטר · אונ
וויא בוטר איז מיר · צו פר לאזן געביך דיא אום גליקליכע שעפליך ·
אונ דאך מיין שבועה צווינגט מיך אבר פר יאגט צו ווערן אין אפרעמד
לאנד אריין · וועסט מיך וועלן פרעגן · וויא אהין וועל איך גיין
ווער איך צו דער שווערד אונ צוא יעדן אום גלוק נים עם וועט מיך צום
ערשטן באגעגנן · ווארום וואס איז מיין האפנונג · נאר דוא זמרי . ווס
זאלסט דוא נאך מיט מיר גיין צוא א ווגע צרות . פר וואס זאלסט דוא
איבר לאזן אלי באוצר פון ציון אונ אזא אום גלוק · וויא אזו קען מען
זיך פר געסן אין דר שטאט ציון · נאם זיא איז וויא א מוטר גטריייע צו
דיא קינדר · וויא קינדר האט איר גזוגען אין איער גיקרענר יוגענד
פון אירע ברוסטן · אשפילכען איז זיא גוועזן צו אייך אין איער יוגענד ·
וויא אזו זאלן זיך דיא קינדר מאכן זייער הארץ וויא שטאל · אקייגן
דער מוטר ליבע איבר צוא לאזן זיא פאר וויסט איינע אליין אונ איר
שלעכטר צייט :

אוי תמר · אזו וויא מיין זעלע אזו ווייסט אוך דייני · אז מיין זעלע
איז צו גקנופט מיט ליבע שטריק צו ציונס געבירגע באהעפט צו איר
גאט . אונ צו איר היילגן פאלץ · צו איר קיניג · צוא אירע פריעסטר
(כהנים) אונ צו איר פראפעטן (נביאים) · דאס אלץ האסטו גוויסט ·
תמר · אונ דאך האסטו אין איין אויגן בליק · אזעלע היילגע שטריק צו
ריסן · קורץ וועל איך דיר זאגן זמרי · וואלט איך ניט גשווארן תמרן ·
אז אירע ווערטר זאלן ביי מיר היילג זיין · וואלט איך קיין טריט ניט
ארום גשטעלט פון ציון אין אזא ענגר צייט · בעסר וואלט מיר גוועזן
מיט איר צוא זאמן שמערצן ליידן · איידר וויא זיך פאר גנוגן און טאן
אוף פרעמדר ערד . אצונד זמרי · גאנץ רוהיג שטול · אונ האף אוף
גאטס הילף אין ציון · איז זיא אנדרש גלובט ביי גאט · אזו וועט ער
זיך גווים איר קריוודע אן נעמן · אבר אז ער האסט זיא . וואס זשע
ווידר איז דאס האפנונג פון אירע קינדר · נום ווען זיא גווינן . אז זייא
יועלן ווייט אנטלופן · אוף יעדר טריט אוף יעדר סטעשקע ווארט אוף
זיא מארד אונ טוט · ווען תמר זאל מיך ניט פאר יאגן · וואלט איך

כיין

מיין בלוט פר גאסן אוף ציונס ערד · ליב וואלט מיר דר אייביגר שלאף געוועזן אז איך זאל מיינע טרערן פר גיסן פר מיין מוטר :

דיא ווערטר האבן זמרים הארץ וויא פיילן גצוירט · אז ער האט געזעהן אז עמנונס הארץ איז נאך צוא טרויעריג גאט אונ זייני היילוגע · אונ שרעקן זענען אוף אים גפאלן · אז ער האט געהערט ־ון עמנונען · אז דיא פרויען · וואס תמר מיינט אז זיא זענען מכשפות · זענען גאר זיין מוטר אונ שוועסטר · ער האט זייער גצוטערט · טאמיר וועט עס תמר גוואר ווערן · דעמאלט איז שון זיין מיה פאר פאלן · זיין הארץ האט אין אים גקאכט וויא אהעלישע פייער · מייני ווערטער וועל איך ניט משנה זיין · האט ער זיך צו עמנונען אן גרופן · איך מוז מיט דיר צוא זאמן אוועק ברייזען · איך וועל פרובער זיך דורך גיין צו ידידיהן אין אים עס מעלדן · איך ווייס אז ער וועט מיך נאך גוט באלונען דר פאר · אונ אפשר וועט איך נאך אום פירן · תמרם הארץ צוא דיר צו רוק בייגן · אט דעמאלט · וויא וואלט איך עס מיך גפרייעט :

טייערער גוטע פריינד · האט עמנון צו אים גזאגט · זענען צום מענטשן אונ זיין גלוקליכער צייט · נאר אבער איינער פון טויזענד בלייבט אים איבר אין זיין ענגער צייט · אונ וויא טייער איז אים דער איינער · אלי מייני פריינד · זענען מיר גווארן צוא פיינד · אזו וויא תמר · אונ דוא איינער ביסט מיר גקומען צו טרייסטן · וואס פר א דאנק קען איך דיר דר פארגעבן · ווען אבער דער איינער וועט ניט רעדן פון מיינעט וועגן עטליכי גוטע ווערטר · אזו וועט ער זיין · וויא דר פידל וואס הענגט אוף דר וואנד · ניט צו דר קוויקן דאס הארץ מיט זייני זיסע שטומן · נאר פון אצורונג וועגן :

זייא זעכר · אין מיר · האט זמרי צוא אים גזאגט · אונ זייא גאנץ רוהיג · באלד וועל איך צוא רוק קומן דיר אריינם ענטפר צוא געבן · ער איז אוועק גגאנגן פון עמנונען · אונ איז ארויס גקומען צו כרמין · אונ פון דארט האט ער גשוקט רופן עזריקמן · צו דר ציילן אים אלם · וואס עס האט זיך איבר גטאן אין יענער נאכט :

21

קוק ניט ארום קיין מענטשענס זיין מול איז דיר דר בעקאנטע
עצות : פריינד ·
שפאר זיך ניט אן אוף זייני זיין הארץ אבר אבלוטהיגער
פלייצעם : פיינד :

דער בריעף

וויא זמרי האט גשוקט נאך עזריקן · איז ער תיכף גקומן צוא ברמונן · אונ הט זיך מיט זמרין אפ גשלאסן אין איין באזונדר שטובל · אונ זמרי האט זיך צוא אים אן גרופן · צונד מעג איך מיך רומן · סיין קליגשאפט האט אן גמאכט אקריג צווישן דייני פיינד · תמר הט שון פאר יאגט עמנונן פון איר פאטערס הויז · אונ אוך פון איר גבורן לאנד · ער גלאנקט זיך אצונד ארום וויא אשעפעלע אן דעם פאסטעך · ער האט איר צו גשווארן אז אירע ווערטר זאלן בייא אים הייליג זיין · אונ זיין שבועה קען ער ניט ברעכן · נאך אין דרייא טעג ארום וועט ער זיך שון דא ניט גפונן · אט דעמאלט וועסט דוא ערשט לעבן · וועסט הייראטן מיט תמרן אודר מיט יענם מיידל · נאר אבר זאג מיר וואס ביסט דוא אזו טרויעריג · אומזוסט זמרי איז דיין מיה · האט עזריקם צוא אים גזאגט · אונ האט גקלאפט מיט דיא הענד · אוף צוא ביגרן דיא שטארקי קניפן · קום וואס דוא האסט איין קניפ אוף גביגרן · איז דער שטרוק צוא רוסן גווארן · קום וואס דוא האסט מיך פון דר ראכע העלע (נקמה גהינם) ארויף גבראכט · איז דער טייפל ארום גשפרונגען יעדרים צו פאר דארבן אוף אייביג · הער זמרי · איך וועל דיר עפים דר ציילן · וועסט דוא ערשטוינט ווערן :

זינט איך קען עכבן · האב איך שטענדיג גזעהן · אז ער האסט זייער חפר מיט בוקיהן · אונ זייא ווידר פון זייער צייט האבן אים אוך גאנץ שטארק · אונ לאקכן אלץ אוף אים · אונ דא ניט לאנג זענן זייא גוואר גווארן · אז עכן האט איין גאנג אין יענם גצעלט · בייא דיא צוויא פרוען · האבן זייא נאך מער גלאקערט אוף אים · אונ הייגט אין דער פריא בין איך מיט עכבן אריין גקומן אין דעם גצעלט אריין · האט זיך דיא פרוי צו מיר אן גרופן · וואס האסט דוא זיך אזו גהאלט צו קומן פרין מאנטה · ווייל דוא האסט זיך גהאלט · דיין ווארט משנה צוא זיין · האב איך איר גענטפערט · מיט דעם וואס דוא האסט נעכטין בייא נאכט זיך גפרייט אקייגן עמנונן · אונ אצונד ניט צו דיר רעד איך מער · נאר צוא דיין טאכטר · איך האב מיך צוא דעם מיידל אום נקערט אונ האב זיך צוא איר אן גרופן · ווייס דוא עדלע · אז תמרם פער דראס ברענט אין איר וויא פייער · אונ דאס פייער וועט דיך אייביג בראטן · אונ קיינר וועט זיך פר דיר ניט שטעלן · דארום ווער איך זיין דיין שוצר :

אום גקלערט · ווער זענן דייני עלטרן · ווער ביסט דוא · אונ וואס

איז

איז דא דיין באשעפטיגן . דוא ווערסט בייא מיר זוצן רוהיג אין דיא פאלאצן . אונ אויך דיין מוטר וועט דורך דיר רוהיג לעבן :

נאר וועה וועט זיין צו דיר אומגליקליכע . אוב דוא ווערסט עס מיר אפזאגן . דיין שיינקייט וועט אין פונקטערניש פערוואנדילט ווערן . דוא ווערסט דורך מיר דיין לעבן שטרעקן . אונ אויך דיין מוטר וועט ניט גוט אפשניידן :

האט מיר דיא מוטר געענטפרט . דוא ביסט דאך אהערם אזן . אונ מיין טאכטר איז פון אנידריגן שטאנד . אונ אז דוא ווערסט זיא נעמן . אזו מאכסט דוא זיך אפעק אין דיין ערען נאמן

וויא מיר שטייען אזו אונ רעדן . איז אן גקומן חפר מיט בוקיהן . אונ חפר האט אקיק גטאן אוף דיא צווייא פרויען . אונ האט זיך צוא מיר אן גרופן . אט דאס זענן דיז פרויען . וואס איך האב מיט דיר גרעט פון זייא ביידא כרמין . אונ עבן האט אוף חפרן גשרוגן . וואס ביסט דוא גקומן אהער רעדן סודות . אונ חפר האט אים איין ענטפר געגעבן . דוא עבן . ביסט גקומן אהער גוואר ווערן . וואס שפעטר וועט זיין . אונ איך בין גקומן אהער . שון איין אלטע זאך איבר שמוסן . וויא אזו דיא נאכט קען זיין וויא דר טאג באלייכט . אונ ווס דר קנעכט זא״ט טאן דעם בעל הבית . אז ער איז אוף אים בייז . נאר אבר וואס בארף איך אזעלכם פרעגן ביי דיא טוטע באשווערער . דוא עבן ווערסט זיך מיר יאה באשיידן דעם ראטהזעל (. ידה) . אונ דאס מיידל איז דר שראקן גווארן . אונ האט אן גנומן דר מוטרס האנד אונ האט זיך אן גרופן . זאג נאר מיר מאמע . וואס איז אונז אזונם . וואס זענן גקומן צו אונז אזוגע מענטשן . וואס זייא זענן אונז פון קיין מאל ניט באקאנט . זייערי אויגן שיסן פייער פינקן . אונ זייערי מיילר רעדן שרעקליכע ווערטר . אונ איך קען עס גאר ניט פר שטיין . אונ עבן האט זיך צוא חפרן אן גרופן . העער אוף חפר . העער אוף זיך צוא טשעפען צוא דיא צווייא פרויען . אונ צו מיר . אוב דוא ווילסט דייני ביינר היטן . ווארט נאר אביסל . האט אים חפר געענטפרט מיט גלעכטר . איידר דוא ווערסט מייני ביינר אן רורן . ווערסט דוא וויא אשלאנג ערד לעקן . קום נאר בוקיה . לאמיר גיין צוא דיא רעכטר אונ זייא דער ציילן עבנם זאכן . אז גאר מיט טוטע באשווערער איז ער אקאמפאניסט :

אונ דוא עזריקם . גייא ארום פון דאנט . נאך וואס זאלסט דוא נאך אין זיין זכות גניסן . נאך וואס זאלסט דוא צו הערן עבנן . וואס ער וויל דיך פאנגן מיט דער פרויען נעץ . אלי דרייא מוזן מיר גיין אצונד צום טוט . האט אים עבן געענטפרט . אצונד איז דיא צייט

נקומן

קומן · פרוער וועל איך גיין צו דיא ריטמעטער · אונ וועל עפענן דאס
מול · אט דעמאלט וועלין זיך ערשט באלקן דיא פאלטשע צינגען ·
דאס איינציגע מאל הער מיך צו חבר · אונ מאך אשוויג · בשעת ער
האט דאס גזאגט · האט ער עפים איין גראבט חפרן אין אויער אריין ·
אונ וויא עס האט אום גוויזן ·· איז ער זייער אנצוטערט גווארן · אז ער
האט דאס גהערט · ער האט אבלוק גטאן אויף דיא צוויא פרויען אונ
איז זייער בלאס גווארן · איך האב שון חרטה · האט ער זיך צוא
עכנן אן גרופן · אויף מייני ווערטער · זייא מיר מוחל עכן · דיא עטליכי
ווערטער האט ער גזאגט מיט גרוס צוטערניש · אונ האט שון גשוויגן ·
ער האט אויך בוקיה איין גראבט עפים אין אויער אריין · ווס ער איז
אויך זייער בלאס גווארן · אונ פון זייערי שרעקן · האט אויך מיין הארץ
גצוטערט · זייא זענן זיך באלד אוועק גגאנגן פון דעם גצעלט · אונ עכן
איז אויך ארוס גגאנגן · אונ איך נאך אים בין זייער דר שראקן גוועזן ·
ציקאווע בין איך גוועזן צו וויסן וואס דיא ווערטער באטייטן · אונ עכן
הט צו מיר גזאגט · זיי רוהיג מיין הער · וואורום אין אונזר ריהיגקייט ·
האסט דוא אויך ריה · אונ איר חבר · אונ בוקיה · ביי נאכט וואלט
איר קומן צוא מיין הער אהיים וועלן מיר שון דארט איבר שמוסן
אונזר גשעפט · גוט האבן זייא אים געענטפערט · זייער גוט · אונ זענן
זיך אוועק גגאנגן זייער וועג · אונ איך נאך דעם אז איך בין אהיים
גקומן · האב איך גבעטן עכנן · ער זאל מיר ריין אום שפרעכן דיא
ווערטער · האט ער זיך מיט מיר אפ גשלאסן אין איין באזונדר צומר ·
אונ איז אויף מיר ארוף גפאלן · אונ האט מיך מיט טרערן גקושט · אונ
האט צו מיר גזאגט · אצונד איז גקומן דיא צייט · אראפ צוא שטירצן
דעם שווערן שטיין פון מיין הארצן · ווס ער ליגט אויף מיר זינט דוא
ביסט גבורן · אצונד מוז איך עס פר דיר ענדעקן :

ווייס · אז דורך מייני פאלטשע הענד האסט דוא דאס רייכטהום
באקומן · אונ דיא צוויי פרויען · וואס דוא האסט היינט גזעהן · זענן
נעמה מיט פנינה · ביי דיא ווערטער איז מיר אשווידר איבערין לייב
איבר גגאנגן · אונ איך האב מיט צוטערנדע ליפן אים גפרעגט · וויא
אזו האסט דוא מיך גראטן מיין שוועסטער · דיא מאכטער פון מיין טאטן
יזרם צוא נעמן · אט דאס זענן זיך מייני ווערטער · האט ער מיר
געענטפערט אשווערי לאסט ליגט מיר אופן הארצן · אונ דוא זייא נאר
ניט דר שראקן · עס ארוף צו ווארפן אויף דיין הארץ · ווארט ביז בייא
נאכט · ביז חבר מיט בוקיה דרגלן אהער קומן · וועלן מיר צו זאמן
אראמה האלטן · זמרי זמרי · · · האסט זיך שון גהערט · ווייסט שון

מיין

מיין צוא בראכן גמוט • אונ דוא ריממט זיך נאך • אז דוא האסט מיך אוף אלעכטיגן וועג ארוס גפורט :

אונ זמרי אז ער האט דאס דער הערט איז ער זייער דער שראקן גוואָרן . אונ מיט גרוס צוטערניש האט ער זיך צו עוזריקמן אן גרופן • וויא פורכטבאר איז עכן חפר אונ בוקיה • שרעקליכע סודות זענן ביא זייא טיף באהאלטן • נאר אבר ניט אצונד איז דיא צייט זייא אין זינען צוא האבן • אונ איך איידר איך וועל מייני איבריגע פאלן אין עמנונס הארצן ציילן • ווארום איך האב אים נאך ניט פר יאגט פון דאנעט • אונ אוב זייא וועלן עפונן זייערי מיילר פר דיא ריכטר • אזו וועלן דיא פייקן אין אונזרי אייגענע הערצר טרעפן •• אונ וואס ביסט דוא פאר זיכערט • אז זייא וועלן אשלאס אוף דעם מול אוף הענגן • אצונד עזריקם • דוא האסט דאך גזעהן מיין מיה פון דיינעט וועגן ביז היינט • דוא ווייסט זיך שון • אז איך בין דיין גטרייער שיצער • דארום גיב מיר אצונד מיין גהאלט . אוב דוא ווייסט ניט . איך זאל וועגן אקאמפאניסט מיט דייני פיינד • אט דעמאלט וועלן דייני פיינד אין דיר אנקמה האבן . איך וועל עפונן תמרס אוגן • אונ וועל איר צייגן אזונס וואס זיא האט ביז אהער ניט גוויסט • וואס איך האב פון דיר אליין גהערט . אז עמנון איז דעם מיידלס אברודר . אונ דיא פרוי איז זיין מוטר • דאס האב איך אוך פון עמנונן גהערט • אונ אז תמר וועט נאר דאס דר הערן . וועט תיכף עמנונס זינד פון איר הארצן אפ גמעקט ווערן • דיא ווערטר האבן אין עוזריקמן אפייער אן גצונדן • אונ ער האט אים מיט ברוגזע מינעם געענטפערט . ביז האלב רייכטהום איז דיינס • זייא זעבר אין מיר • איך ווייס • אז דיין גאנצי הארוואניע איז פון מיינעט וועגן • דארום גיב מיר אוך אצונד ארמטה • אונ העלף מיר ארוס דאס מאל • אונ זמרי איז ארוס גגאנגן אין שטוב • אהין אונ צו רוק • אונ האט גטראכט ווס פר איין עצה אים צו געבן • פלוצום איז ער גבליבן שטיין • אונ האט זיך צוא אים אן גרופן עס וועלן זיך צוא דיר קומן חפר אונ בוקיה ביא נאכט • זאלסט דוא דאס טאן • זאלסט זייא געבן טרונקן • ביז זייא וועלן באטובט ווערן • דער נאך וועסט דוא אונטר צונדן דיא שטיב • אט דעמאלט וועט זייער סוד מיט דעם רוך אוף גיין • גייא גיך פון דאנעט אוועק • אונ זייא גרייט צוא טאן • וואס איך זאג דיר • נאר זאלסט עס טאן מיט שכל . אונ מיך וועסט דוא שון גוויס באלונן מיט בארס געלד • ווארום קיין ערד • קיין גארטן וועל איך ניט נעמן • אונ איך וועל דער וויל זעהן מייני איבריגע פיילן אין עמנונן אום צוא ברענגן . איך טוה עס פון דיינעט

וועגן

נעגן · וויא אוך פון מיינעם וועגן :

אונ זמרי איז פון אים אוועק גגאנגן · אונ האט זיך צוא גגרייט שלאגן גיפט ווס דאס האט גדארפט גבראכט ווערן צו זייני טוטלען · אונ איז צו רוק גקומן צוא עמנונן · אונ האט אים גזאגט · ידידיה איז ניט אין דער היים · ער זוצט צוא זאמן מיט דיא גרוסע הערן · אונ טראכטן וואס אין דר שטאט צוא טאן · אונ זיין גאנץ הויז גזונד ליגן אצונד אין דעם רוהיגן שלאף · נאר אבר איבר דעם וועג · איז מיר אעצה איין גפאלן · הער עמנון · איך האף נאך · אז תמר וועט דיך צוא רוק ליבן וויא פרוער · דוא שוק איר דורך מורגן אביטל ויין · אזו וויא אלי טאג · אונ אוך גיב אים מיט אבריף · אגיבעט בריף · אונ ער זאל אים איר אפ געבן אין דר פריא · ווען זיא גייט איינזאם ארום אין גארטן · אוך איך וועל אמוסטנע אין דער צייט אהין קומן · אונ וועל איר אוך עטליכי ווערטר זאגן פון דיינעם וועגן · זיא וועט מיך גוויס הערן · מיט איין ארענטליך הארץ · אונ מיט רייני הענד האב איך בייא איר פאטר גדונט שון וויא פיל יאר · הער עמנון · וואס איך זאג דיר · מיט דעם וועט תמר גפריווט ווערן · איינס פון דיא צווייא · אודר דוא וועסט איר הארץ נאך אמאל גווינן · אודר איר הארץ איז ביז אהער ניט גוועזן ערינגסט צו דיר :

זייער קליג זענן דייני ווערטר · האט עמנון צו אים גזאגט · אלוואי תמרס הארץ זאל זיין צו מיר ווייטר וויא ביז אהער · אונ דיך זמרי · וועל איך ניט אוועק לאזן · דוא זאלסט מיט מיר געכטיגן · ווארום דורך דעם וועל איך מוטהגער ווערן · זייא רוהיג עמנון · האט זמרי אים גענטפערט · מיט דיר בין איך · איך וויים דיין ווייטוג · עמנון הט זיך אנודר גזעצט · אונ האט מיט טרערן גשריבן צו תמרן אבריף מיט דיא זיסע ווערטר :

רען—טען—

„אס כאל קער זיך צוא מיר אום · שענסטע פון דיא פרויען · אונ איבר צייג מיר · עדלע · אונ וואס מיין זינד באשטייט · וואס דוא האסט מיך היינט מיט אזא פאר דראס פר טריבן פון דייני אויגן · דער מאן דיך עדלע · אז איך בין אהירט גוועזן · אונ מיין הארץ האט זיך נאר ניט גוואגט צו דענקן אין דיר · קיין האפנונג האב איך ניט גהאט צוא דיין ליבע · אונ דוא האסט מיר גגעבן האפנונג אין מיין הארצן · אונ מיט שטומן פון ליבע · אונ מיט חן האסט דוא צו מיר גזאגט ·

האף עמנון · ווארום האפנונג איז בעסר פון לעבן :

דעמאלט

דעמאלט האט מיין הארץ אן גהובן הוך צוא פליען · ביז אין הימל האסט דוא מיך ער הובן · אונ ביז צוא דר ערד האסט דוא מיך אצונד אראפ גשמוצט · וויא גאלד צו לייטרן האסט דוא מיך גפרעסט · אונ ווי וואקס בין איך אצונד צו גאסן גווארן · איבר לייג זיך · עס בייא דיר תמר · דיא עדלע · אז דיין אייגן ווערק בין איך · וויא אזו זאלסטו דאס אין איין טאג פר דארבן · צו גלעכטר איז זיך דר מייסטר · וואס ער צוא ברעכט זיין אייגן האנד ווערק · וועה איז צוא מיר · דייני ווערטר האבן מיך היינט באטובט אונ צו גלודערט · אונ אצונד מייני שרעקן אונ מיין האפנונג מאכן מיך צו דער ציל · ניט צוא וויסן וואס מיין סוף וועט זיין · עדלע תמר · קער מיר אום · דיין שיינם פהיזאגנאמי אונ דיין פרייליכין גייסט וויא אין בית לחם · אודר זאג מיר פאר וואס איך בין אזו אום גליקליך · אגאנצן טאג האב איך מיר אלץ איבר גלייגט וואס צוא טאן · אונ מיט זיין ראטה זאל מיך גאט היינט לייטן · אונ אצונד שוק איך דיר אביטעל וויין וויא גוואנליך · אוב דוא וועסט אים וויא פריינדליכן וויין מיט אפרייער האנד אוף נעמן אהה · דעמאלט וועל איך נאך האב האפנונג · וועו אבר דוא וועסט אים מיר צוא ריק שוקן · וועט דאס זיין אצייכן · אז אזו זאגט צו מיר גאט · שמרי״ע אוף · אונ בראנקע זיך ארום אין אפרעמד לאנד · זאלסט וויסן תמר · אז דייני ווערטר וועל איך ניט דר ווידר זיין · איך האב עס איין מאל דיר גשווארן · וויא אזו קען איך עס ברעכן · צווישן צרות אונ אנקסטן וועל איך גיין · אוך וועט אין מיר מיין גייסט · ווס ער איז צו טרויעריר אוך אצונד צוא דיר · שודערן · אונ מייני לעצטי ווערטר וועלן זיין זייא רוהיג · מיין זעלע · זייא שטול · אזו האט עס תמר גוואלט · זאגט עדלע · איך האב היינט דיר פאר גלייגט · מיין גלוק אונ מיין אומגלוק מיין עהרע · אונ מיין שאנד · מיין לעבן · אונ מיין טוט · אונ דוא זאלכט מיר דיין אום שפרעכן צוא אין הימל בין איך · אודר אין דער פונסטערער גרוב · זעה · עדלע · בייא דיר אין דר האנד זענן מייני אלי צייטן · אונ דיא ערוועקדיין ער באהרמן אוף :

דיין אייביג טרייעז עמנון :

אז עמנון האט אוף גהערט צו שרייבן דעם בריף · האט ער זיך צוא זמרין אן גרופן · לעז אים דוא דורך · אונ זמרי האט דעם בריף גליינט · אונ עמנון האט מיט גרוס גוויין גשריגן · וועה תמר · וואס דוא האסט מיך ביז אהער גבראכט · וועה איז צוא מיר · וואס איך האב היינט גמוזט מיט דיר אוף איין אנדר שפראכע רעדן · אונ זמרי האט דעם בריף צווייא מאל דורך גליינט : אונ האט זיך צוא אים אן גרופן · וועו

איר הארץ זאל אפילו זיין שטארק וויא שטאהל · וועט עס אבר פון דעם פלאם פון דייני ווערטר צו שלאגן ווערן · נאר אבר וועט זיא זיך דאס מאל צו דיר ניט צו רוק אום קערן · וועט דאס זיין אצייכן · אז זיא איז אלעווען · איז דאס גלייכסטע פאר דיר . גאר ניט צו אנטלופן פון איר · מארגן וועט דער צייכן זיין · אונ דער ווייל גרייט דיר אן דעם ביטעל גוויין . עמנון הט גנומן אונ האט אוף דעם מישעל אנודר גשטעלט דעם וויין מיט דעם בריף · אונ דער נאך האבן זיא זיך צו גלייגט . ארום האלבע נאכט איז זמרי אוף גשטאנן · אונ האט דעם וויין פר גיפטעט · אונ האט עס און פר פורהן ניט גבראכט :

ווער זאל ניט האפן אוף דעם לעבט פון דעם מארגן שטערן . אונ ווער זאל זיך ניט פרייען אקיגן דר גילדענר זון · ווס זיא ענטדעקט מיט אירע פלוגל יעדר באהאלטענע זאך · דיא זון איז דיא פרייד פון יעדנס לעבן · אוף גוטס . וויא אוך אוף שלעכטס שיינען אירע לעכטונגע שטראלן אזים לעכט איז זיא צום פרומן · ארענטליכן מאן · וויא אוך צום זונדיגן · עמנונס זעלע האט גהאפט צום לעכט וואס עס וועט איינעך מאכן צום פונסטערניש וואס עס רוהט בייא אים אין הארצן · נאר אבר זמרים אום ריינע זעלע האט ארוס גקוקט אוף דעם לעכט פון דעם טאג · וואס ער וועט שיינן אוף זייני זונדיגע זאכן . קום ווס דער מארגן שטערן האט זיך נאר ארום גוויזן איז עמנון · זמרי · אונ פורה . אוף גשטאנן · אונ עמנון האט פורהן דעם וויין מיט דעם בריף גגעבן · ער זאל וויא ברענגן תמרן . גאט זאל דיין וועג באגליקן · האט זיך זמרי צוא אים אן גרופן · אונ פורה איז אוועק גגאנגן . אונ זמרי האט זיך צוא עמנונן אן גרופן . אוך איך וועל גיין · אצונד צוא תמרן . אונ וועל דיר שון אקלארן אנטווארט ברענגן . אונ דוא גייא ארוס פון דאנעט . ווארום איך ווייס נאך ניט וויא אזו דיא זאך קען גשעהן · טאמיר האלט זיך טאקע תמר בייא איר שלעכטס · אזו וועט זיא גוויס אוף דיר אזונס אום טראכטן · וואס דוא וועסט זיך גאר ניט רעכטן דארוף · גייא ארוס פון דאנען . אונ פר בארג זיך דארטן אוף יענם ארט · צווישן דיא גרובר · בייא דיא ווערטר הט עמנון גוופצט . אונ האט צוא אים גזאגט · ווען אבר תמר וועט איר גזוכט פאר בארגן פון מיר · אזו איז שון פאר מיר קיין פאר בארגן ארט ניט דא · דיא הימלן וועלן עס אום זאגן :

זמרי איז ארוס גגאנגן פון אים · מיט ארוישענד הארץ וויא דער מער · אונ מיט אזעלע פול מיט מארד . אונ מוט · אזו וויא דער טייפעל גייט ארוס פון דער טיפר העלע · מיט איין קאמפאניע פערדארבן

ברינגענדע

ברינגענדע מארד · אונ פערוויסטונג . אונ פאר שטערונג · אום צוא ברענגען דם לאנד מיט זיין צארן . אה האט זמרי בייא זיך גטראכט · פארטיג דיא ארבייט · אט באלד וועל איך מיין שכר טרחה (לוין) פאלאטשען · (ערהאלטען)

אונ עוץ · נאך דעם אז זמרי איז אוועק גגאנגען איז ער גקומען צוא עמנונען . אונ האט גזאגט צוא אים . דיין מוטער · אונ דיין שוועסטער · זענען זייער פאר זארגט איבער דיר · ווס דוא האסט בייא זייא נעכטין קיין ווייזיט ניט גמאכט . אונ איך האב פאר זייא דייני שמערצן ניט גדאכט · אצונד האט עמנון צוא איר גזאגט · האב איך מייני לעצטי ווערטער צוא תמרן גמאכט הערען דורך דעם פאפיר · אונ באלד וועט מיין שיקזאל (גורל) ארום גיין . אוף ווס פר איין ארט זיא וועט אליין וועלען · אונ דוא עוץ · זיץ דא מיט מיר צו זאמען · מיין הארץ קלאפט אין מיר · אונ מיין זעלע צוטערט צו וויילען · ווען אבער זאלסט מיך פון לאנג גווען צו הערען · האט צוא אים גזאגט · וואלט דאס אלס דיר אצונד קיין איינציגען שרעק ניט גמאכט · שון פון לאנג האב איך דיר דיא ווערטער גזאגט · דער אנפאנג פון דער ליבע איז זארגען · דער פונקט איז פאלטשקייט · אונ דיא ענדע איז קלאגען . אירע פינקען זענען ניט צו ערלייכטען דאס גזוכט . נאר צוא פאר ברענען יעדער גלוד · אונ אום צוא זייגען דאס בלוט פון דעם קערפער . גליקליך איז דר וואס טרעט אוועק פון איר · נאר אצונד . אז דוא ביסט שון אין איר געץ גפאנגען גוואורען · מאך דיין הארץ וויא שטאל · אונ טרייב ארוס פון דעם יעדען שרעק · נאך קוקט אראפ האפנונג פון דעם הימל · און אפילו פון דיא גרויסע היצען טריקנען ניט אוס . דיא טרערן פון דיא אונטער דרוקטע :

22

אשיינעם דאנק פאר דעם בריעף

דיא זון איז אוף גגאנגען אירע שטראלען האבן באלייכט דיא געטלובע שטאט · אונ דיא פיהען הענדער האבן גפורט שאף . רינדער . צו פר בייטן זייא אוף געלד . אטייל ווידר פורן דורך גוטן וויין אלערלייא פארטן דורך ידידיהם הוז · ווס ער איז געזעסן מיט זיין ווייב תרצהן · אונ האבן דורך דעם פענסטער ארוס גקוקט · דאס פאלק קולן היינטיגע צייטן פיל שאף · רינדער · האט ידידיה צוא תרצהן גזאגט · אונ זופען

וום:

אום דעם איבריגן וויין פון זייערי קעלערס · גלייך וויא זיא פילן אן זייערי ביכר · אוף פופציג יאר · צוא יאמר אונ גוויין האט גאט דיא טעג אן גצייכענט · אונ דאך איז נאר פריידן אונ גזאנגן · אונ תרצה האט גהופצט · אונ האט צוא אים גזאגט · ביא אונז אבר אין שטוב האט זיך ערשט אן גהובן דאס קלאגן · דוא האכט באפולן אלס אן צו גרייטן אוף מארגן · צוא דר האכצייט פון עמנון מיט תמרן · אלס איז גרייט · נאר אבר תמרס גייסט איז ניט געוועזט אין איר · אגאנצי נאכט האט זיא גהאט איין צורודעטן שלאף · אוף קיין אוגן בלוק האבן אירע אוגן ניט אוף גהערט טרערן צו פיסן · אום זוסט הט זיא זיך איין גבילדעט דיא ווערטר פון דר פר פוכטר צובערן · וואס זיא האט זיא שפעט אין דער נאכט באגעגנט · איר הארץ צוטרט פאר עמנונן איר גלובטן :

דעם אמת וועל איך דיר זאגן תרצה · הט ידידיה צו איר גזאגט · אז זינט עמנון איז אהער אן גקומן · איז דיא רוה פון דער שטוב אין אומרוהיגקייט פערוואנדלט גווארן · אונ פיכטע גדאנקן האבן זיך אריין גגנבת צו תמרן אין הארצן אריין · אונ אצונד לאז זיא זיך טאן נאך איר ווילן · וועלן מיר זעהן · וויא גאט האט אן גצייכענט · זיא איז אצונד אין גארטן · האט תרצה צו אים גזאגט · איך בין פון איר אוועק גגאנגן · אז איך האב גזעהן · אז מיין טרייסטן איז אומזוסט · איר טרויער האט זיך טיף אין איר הארצן אנגעסט אפ גקלובן · אונ קיין ווערטער וועלן זיא ניט טרייסטן · נאך היינטיגן טאג מוזן מיר איבר ווארטן · האט ידידיה צו איר גזאגט · אונ מארגן וועל איך מיט איר אליין שמוסן · וואס איר ווילן איז · ווארום מארגן איז איר גבורטס טאג פון אכצן יאר :

אונ זמרי איז צוא איר אריין גקומן אין גארטן אריין · אונ הט זיא גטראפן לעזן דעם בריף · וואס עמנון האט איר גשיקט · אונ מעכה שטייט לעבן איר · אונ האלט דעם וויין · אונ פון איר מינעם הט ער דער קענט · אז איר צארן איז שון גשטולט גווארן · אט דא האט ער (קלאמירשט) מיט אגוויין גשרוגן · גשווינד ווארף אוועק · מיין ווירטהון · דאס אומריינע פון דייני הענד · אונ ערבארם דיך איבר דיין זעלע · אונ תמר וואס האט ביז אהער אים גאר ניט באמערקט · האט זיך אום גקוקט זעהן ווער דאס איז · אונ זמרי איז צוא איר צוא גגאנגן · אונ אשרעקליך פונסטערניש האט באדעקט זיין גזוכט · בשעת ער האט צוא איר גזאגט · ביסט דוא רוהיג · מיין ווירטהון · דוא לעבסט נאך · צוא בין איך דיל פון דעם שיין פון מייני אוגן · ניין · אט איז

דר

דר וויין • איך זעה אים מיט מיינע אויגן • דער וויין איז דא • אונ מיין ווירטהון לעבט • גלויבט איז גאט • וואס ער האט פון דעם הימל זיינע דאכנאמע בלוקן אוף דיר גוווארפן • אונ תמר אז זיא האט פון אים דער הערט צוויא דרייא ווערטר • וואס זייא האבן וויא אשווערד איר הארץ דורך גשנוטן • האט זיא זיך צוא אים אן גרופן • ציה ארום דיא שווערד פון דער שייד • אונ רעד צו מיר ריינע ווערטר • וום זאל איך זאגן • האט זמרי צוא איר גזאגט • דיא פען עמנונס איז וויא דעם בארימטען מאלערס פענזל אלם אפ צוא ריסעוועו • זיין הארץ אבר טראכט זינדיגע גדאנקן אום צו פורן זיין מייסטער שטיק • אוסער דעם איז קיין איינציגע זאך • ווארף אוועק גשווינד דעם בריף פון דיין האנד • גים אום דעם וויין • אונ פר געס אין עמנונן :

זמרי • האט תמר מיט גרוס צוטערניש גשרוגן • האט דען עמנון וויא גראז אין מיין הארצן גשפראצט • וואס דוא זאגסט • אים אום צוא רייסן אזו גשווינד :

ניין • פול אין מיין גאנצן הארצן איז ער • ער האט מיך איבר גשראקן מיט ארושענדען שטארם • נעם ווארציל איס אום אצונד • אוך מאך איין עק פון דיא שיינע צוויגלך • וואס ער האט אין מיר פון דער צייט אן גפלאנצט • אודר מיט איין האק זאלסט דוא אים פון מיין הארצן אפ שניידן • ווארום וויא אצעדר בום אזו שטארק איז ער • וועה • האט זמרי גשרוגן • אונ האט זיך אום גרוסן דיא האר פון דעם קאפ • וועה • דער טייפל האט מיך איבר גרעט אריין צו מושן זיך אין אפרעמד גשעפט • בעסר וואלט איך געוועזן קראנק גוואורן יענע נאכט • זעה זמרי • האט תמר מיט שרעק צוא אים גזאגט • אז ניט וויא קיין קלוגער באגייסט דיא זיך • איין העליש פייער ברענט מיך אין דיר • אונ דוא ביסט מיך גקומן איבר שרעקן • מאך בעסר רעגנין אוף מיר דינער שטיינר ווארף אוף מיר ארוף דאס שרעקליכע פייער • נאר ניט צו שטארבן אן וויסען • וואס קומט דיר ארום • אז דוא ווייזט מיר דיא פייל וואס עמנון האט מיר גצועלט • אונ דעם בוגן פר שטעלסט דוא פאר מיר • איך מוז וויסן • דורך וועמין מיין לעבן ווערט צוא גנומן אונ וואס מיין טויט הענגט אן :

הער צוא • דוא עדלע • האט זמרי צוא איר גזאגט • שטארק דיין הארץ וויא שטאל • ווארום טאמיר וועט עס צו גיין פון מיינע ווערטר וואס זייא ברענן וויא אפייער • דוא האסט מיר באפולן • איך זאל עמנונס הארץ צו דיר צו רוק נייגן • איך זאל אים זיין זונד פר לייגן • איך אבר האב מיר גטראכט • ניט מיט קיין שטראף גייד וועל איך

חיוג

זיין הארץ גוויינן • זייני סודות ענטדעקן • דארום האב איך מיר אום
גקלויבן אסטעשקע פון פאלטשקייט • אונ בין צו אים גקומן גליך וויא
איך וויים גאר ניט • וואס אים האט גטראפן • אונ האב זיך גקלאגט פר
אים • אז דוא האסט מיך היינט פר טריבן פון דיין פאטערס הוז מיט
גרוס שאנד • אונ האב אים גבעטן • ער זאל פון מיינעט וועגן פאר
דיר עטליכי ווערטר רעדן • אט דא האט ער גהייסן פורהן אביין
ברענגן וויין • אונ האט גזאגט צוא מיר • טרונק זמרי • ווארום גוט
איז דער וויין צו צוברעכנע גמוטער • איך האב גטרונקן • אוך עמנון
האט גטרונקן • חאטשי עס איז נאך אין דיא דרייסיג טאג • וואס ער
האט אנדר גטאן ניט צוא פאר זוכן קיין וויין • נאר איך האב עס אים
ניט גדאכט • אונ ער האט זיך צוא מיר אן גרופן • דוא האסט מיך
גבעטן איך זאל רעדן מיט תמרן פון דיינעט וועגן • וויים אבר אז אוך
פון מיר איז איר הארץ גאנץ וויים • אוך מיך האט זיא פר טריבן מיט
גרוס צארן • נאר אבר מיין יוגענד שאנד מוז איך אצונד אוף מייני
ליפן טראגן • קיינערהייט האט מיך אבישי גקופט • אונ איך האב
אים דיא שאף גפאסט • נאר אבר מיין קראפט אונ מיין שיינקייט •
האבן מיך דער הובן פון מיין נידרוגן גצעלט צוא זאמן צוא זיצן מיט
גרוסע הערן • אונ תמר האט מיך גליבט • אונ אוך איך האב פון
מיין זייט מיט איר אראלע פון ליבע גשפיעלט • ווארום זיא איז אהערס
אטאכטער • אונ איר רייכטהום איז גרוס • ידידיה אבר איז דר פון גוואר
גווארן אונ האט מיך ארום גטריבן מיט שאנד • אט דא האב איך מיין
לעבן איין גשטעלט • אונ בין גגאנגן קיין אשור • אונ האב אום גליינט
חננאלן • אונ האב זיין גאנץ רייכטהום גוויננן • אט דא האב איך
גטראכט • גליכליך בין איך • איך האב מיר גוואל קופן עהרע צווישן
הערן • אונ תמר אבר האט ניט דער לאזט • איך זאל אזא רייכטהום
באקומן • וואס מייני עלטערן האבן דארוף ניט מיה גהאט • עס איז ניט
אנדרש • זיא האט זיך גמוזט פר ליבן אין איין אנדר יונגל • נאר אבר
ווען עס איז אזוי • בין איך אוך גאנץ קליג • ניט קיין פאסטך בין איך
מער • אוך ניט קיין ארום שעפעלע • אונ דוא זמרי • קלאגסט זיך •
אז תמר האט דיך פון איר פאטערס הוז פר טריבן • אונ מיך האט זיא
אוך פון איר גבורן לאנד פר יאגט • אונ דאך זארג איך מיך גאר ניט •
אזוי וויא דוא האסט גזאגט • אז ציון איז דיא קיניגען פון אלי
קיניגרייכן • אזוי האב איך אוך ביז אהער גטראכט • ניט אבר אזוי זעה
איך אוך אצונד • נאך דעם • אז זייני אויגן האבן אום גזעהן דיא
גרוסע שטאט • דארט האב איך גזעהן אלערלייא מענטשן קלוגע •

פערשטאנדיגע · אלס האט מיין אוג דארט געזעהן · אונ דורך דעם בין
איך אוך צו לייט געווארן · זארג ניט זמרי · שליעס אהאנד מיט מיר :
אונ דר פאר וואס דוא ביסט ביז אהער געוועזן אדינגער ביא דיין הער ·
וועסט דוא זיין אהער איבר דייני בארונגר · וויא איך האב געזעהן ·
אז ער טראכט גאר אויף דיר אזא זאך האב איך אגעץ געווארפן אין זיין
הארצן · אונ האב אים גפרעגט · וואס טראכטסט דוא עמנון : איבערן
קיניג פון אשור · וועט ער געווינגן דעם זיעג אין ציון · אזו וויא אין
שומרון · האט ער מיר געענטפערט · דאס וואס איך טראכט · דאס האסט
דוא אליין גזאגט · נאר אבר היט דיין מול · זאלסט עס ניט דאכטן פר
דיא וואס ליבן דיא טויערן פון ציון · יאה זמרי · אום ברענגן וועט
סנחריב ציון · אונ וועט זיא פר וויסטן · אזא פר וויסטונג · אז עס וועט
פון איר גאר ניט בלייבן · דא איז גרייט אשאפאט (בלוט גריכט) פר
אקסן · פר שאף · אונ אוך פר דיא טובן · אונ איך האב אים גפרעגט ·
וואס וועסט דוא טאן עמנון · מיט דיין טייבעלע · אוב זיא וועט פון
דיר פארלאנגן זאלסט זיך צוא רוק צוא איר אום קערן · האט ער מיר
געענטפערט · צו מיין טייבעלע וואס עס איז מיט גאלד באדעקט · ניין ·
ניין · ניט צוא זיא וועל איך איבר געבן דיא זעלע פון מיין טייבעלע :
ביא דיא ווערטר · איז תמר אביסל מינטערר געווארן · אונ אשנעלע
לעכט האט געשיינט אויף איר גזוכט · אונ האט צוא אים גזאגט · גנוג פר
מיר · עמנון וועט מיך נאך ליבן · אוי איך וויל שון אום הערן דייני
רעצטי ווערטר · אוי האט זמרי גקרעכץ · אלוואי מייני אויערן זאלין
בעסר געוועזן פאר שטאפט ווערן · איידר וויא אזוינע ווערטר צו הערן ·
וועסט דוא וועלן ווירטהון · אז איך זאל דיר זאגן אגעוווירצ־האפטען
לוגן · לאז מיך אפ ווירטהון · לאם איך אוועק גיין · אוי דוא אן
ניטצליבער מענטש · אגוטע בשורה צוא ברענגן האט תמר צוא אים
גזאגט · דוא ווייסט זוכן אגאטליכן ענגל דא אויף דער ערד · זינט איך
קען עמנונן · האט זמרי צו איר גזאגט · הער איך אך פון אים אזוינע
ווערטר · וואס דיא ענגל הערן זיא אוך צוא · נאר אבר וועה · צוא
דר נעכטיגער נאכט : וואס ער האט אזוינע ווערטר גרעט · וואס אפילו
דיא טייפלן וועלן זיא אוך ניט הערן · ער האט מיר געגעבן צו טרונקן
פיל וויין · אונ ער אליין האט אוך אזו פיל גטרונקן · אז זייני
אונעוועגנוגסטע גדאנקן האבן אן גהויבן ארום צו רושן · זייני אויגן זוענן
רוט געווארן · זייני ליפן האבן זיך גשאקעלט · אונ האבן מיאוסע
ווערטר גרעט · ער האט גזידעלט דעם קיניג · דעם יודישן מילטער ·
דעם פראפעט (נביא) אונ אלי פראפעטישע קונגדר · וואס ער האט

זיה

זיך צווישן זייא אויף גפורט . אונ דער נאך האט ער זיך צוא מיר אן גרופן . האסט מיך גפרעגט זמרי . וואס איך וועל טאן מיט מיין טייבעלע . ווייס אז צווישן דיא גידערגע פאליגע פון דער שווערד . וועט זיא ניט פאר רעכינט זיין ' אוך צווישן דיא וואס וועלן אום גיין פר הינגר וועט זיא ניט גצײלט ווערן . אוך איך וועל איר באגרעבר זיין . ווייל זיא האט מיך אזו צו שאנד גבראכט . אונ איך האב אים איבר גפרעגט . זיין מול פרעגט זיך אבר שטענדיג מיט איר אזו פריינדליך רעדן . אונ וויא אזו ביסט דוא איר אין איין אוגן בלוק אזוא פיינד גווארן ' דאס מול רעד זיך נאר דאס האט ער מיר גענטפערט . אונ דאס הארץ טראכט זיינס . נאך אביסל וועסט דוא זעהן זמרי . אז מיין הארץ האט זיך פיל קליגשאפט גלערינט . אונ ניט אומזוסט האבן מיך מייני פיס קיין אשור גפורט :

אונ תמר האט מיט גרוס שרעק גשריגן . גאט . מיין קראפט . גיב מיר כח דאס אלם אום צו הערן . אונ זמרי האט צו איר ווידר גזאגט ' איך בין אוך אן קראפט גבליבן . אז איך האב עס גהערט ' נאר אבר פון דעם וויין בין איך איבר רושט גווארן . אונ אשלאף וויא אטוט שלאף . איז מיר איבר גפאלן . אונ בין אנשלאפן גווארן . אויף מיין גלעגר בין איך מיר גלעגן . אונ בין רוהיג גשלאפן . אונ עמנון איז צו מיר צוא גקומן ארום האלבע נאכט . אונ האט זיך צו מיר אן גרופן . שטייא אויף זמרי . אונ קום מיט מיר . וועל איך דיר ווייזן מיין מאכט . אזו וויא אטרייסמענדער בין איך אים נאך גגאנגן . אונ בין גפאלן פון דיא פיס . ווארום נאך האט דר וויין אין מיר גרושט . אערעקליך פונקטערניש האט זיא פויגל צו צפרייט איבר דר שטולר ערד . אונ מיט אטונקלער שאל האט זיך דער הימל איבר גצוגן . אונ מיר זענן אהיין גקומן אין אוויסט ארט . אך . מיין גטרייע מוטר ' האב איך דער הערט וויא אמיידל שרייט . עמנון מיין גלובטר . מיין גלובטער איז דא ' אונ אשטומע פון אפרוי האט זיך גהערט . דער אלטאהר איז גרייט . צינד אן מיין טאכטר . צונד אן אפייער ' אונ לאז דיין גלובטר זעהן . אלי שרעקליכע זאכן פון דר וועלט . וויא זייא צוטערן אלי פר דייני שטומן . קום האט זיא דיא ווערטר גענדיגט ' איז גווארן אשרעקליכר גערוך פון שווייבעל . אונ פון אלי מעטאלען . אונ אגרין רוטר פלאם איז מיט אמאל אופן אלטאהר ארויף . אונ פון זיין שיין האב איך דר זעהן אשיינע פרוי מיט אשיינם פריוויליין ' דיא האר פון זייערי קעפ זענן צו ווארפן . אונ מיט דיא עקען פון זייערי שווארצי קליידר האבן זייא צוא בלאזן דיא פינקן פון דעם פלאם . אונ האבן גשריגן

פריין · בערען · דוא העלש פייער · אונ צונד אן דעם פאר דרום זייא
אפייער אין תמרים הארץ · אונ דאס מיידל איז צו עמנונן צו גגאנגן ·
אונ הט גזאגט צו אים · רייס איבר אצונד דיין פערבינדונג מיט תמרן ·
אונ עמנון האט איר הינד אן גנומן · אונ הט זייא גקושט · אונ מיט
הויבע שטומן האט ער גזאגט צו איר · צו שאנד איז מיר · תמר · מיט
איר גאנץ רייכטהום · נאר דוא ביסט מיר זייער גלובט · אונ דאס
מיידל הט זיך ווידר אן גרופן · דרובר וועל איך אוף נעמן פורכטבארי
עדות · אונ אונזר צוא שווערונג · דר נאך האט זיא מיט אירע ליפן
אפייף גטאן · אט דא איז גוואהרן אשטארם אין [illegible] עקין · אונ וויא
אווינד האט צוא אוף גטראגן אלי ווילדע חיות פון אלי זייטען · דיא
לייבען ברומן · דיא בערין זיפצן · דיא נאכט וועלף קלאגן · אונ דיא
ווילדע שווייגע קרוצן מיט דיא ציין · אונ נאך זייא דאס קלאפרייא
פון דעם געפליגיל · דער שטרויס־פוגל · דיא נאכט־איילע קוויטשן אונ
קלאגן · מיט טרוריגע שטומן · אוך דיא שלאנגן · קראקאדילען האב
איך גזעהן דארט · נאך שטייא איך אזו דער שראקן פון דער סצענע
זענן אלי טוטע קערפער פון דר ערד ארוף גשטוגן · אונ דער טייפעל
האט זיך אנודר גשטעלט אוף דעם אלטאהר · אונ ארום אים טאנצן
אונ שפרונגן אלי שדים · טוט שרעקן זענן אוף מיר גפאלן · אונ מיט
צוטערנדע ליפן האב איך גשרוגן גאט · מיין גאט · וויא אהין בין איך
גקומן · אונ דער טייפעל האט אוף מיר אגשרייא גטאן · אז איך בין
אזש צו ערד גפאלן · ניט דא דער מאנט מען דעם נאמן גאט · אט דא
שטייט פר דיר דער קיניג פון דיא טייפלען · קניע פר אים · אונ דאס
מיידיל איז צו גגאנגן צו איין ווילדן לייב · אונ האט אים בייא דער
בארד אן גנומן · אונ האט אים אנודר גלייגט אוף דעם אלטאהר ·
אונ האט אים דארט געאפערד · אונ פון דעם בלוט האט זיא גשפרוצט
אוף עמנונן · אונ הט גזאגט · דס איז דאס בלוט פון מיין פערבונדונג
מיט דיר · אונ צוא רוסן זאל ווערן דער קניפ · וואס דוא האסט מיט
תמרן פאר בינדן בייא דעם לייבס טוט · אונ דיא פרוי האט גשאכטן
צווייא ווילדע שוויינען · אונ האט זייא דארט אוך געאפערט · אונ דם
פלייש האט זיא אין אקעסל אריין גלייגט · אונ מיט וויין אן גגאסן ·
אונ דם מיידיל האט מיט שרעקליכע שטומן גשרוגן · איין עדות ביסט
דוא · קיניג פון דיא טייפלען · אונ עדות זענט איר אלי · אונ אונזר
פר בינדונג · אונ האט ווידר אפייף גטאן מיט דיא ליפן · איז דם אלס
ווידר פר שווינדן גוואהרן · גשווינד איז דאס פלייש פארטיג גוואהרן ·
אונ זייא האבן צוא זאמן גגעסן · אוך דעם וויין האבן זייא גטרונקן ·

אונ דעם איבריגען ווין האבן זייא אריין גגאסן אין אפלאש אריין, אונ האבן אים פר גיפטעט. אונ מיך האבן זייא אוך גרופן צום טיש. איך אבר האב זייא גענטפערט. אז איך בין זייער דר שראקן. אונ קען ניט עסן. אונ דאס מיידל האט זיך צו מיר אן גרופן. זאלסט עס פאר קיינם ניט דאכטן. ווארום דוא ווערסט דיין לעבן שטרעקן. אונ עמנון האט מיט זייא דארט גגעסן אונ גטרונקן. אונ איך בין אזש דול גווארן פון דער [illegible]ענע. מיין קראפט האב איך אן גווארן. אונ אטוט שלאף איז מיר איבר גפאלן. אונ בין אנשלאפן גווארן. איך האב מיך אוף גחאפט. אונ האב געפונט מייני אוגן. בין איך גווען צוא רוק אין עמנונס צומער. גאנץ פרייא בין איך אוף גשטאנן. אונ עמנון האט פורהן גגעבן דעם ווין. דיר אים צוא טראגן. אוך אבריף האט ער אים מיט גגעבן. אונ צוא מיר האט ער גזאגט. האסט גזעהן. זמרי מיין מאכט. אצונד וועל איך דיר נאך ווייזען מיין קליגשאפט. נאר היט דייני ליפן. אונ וויא עמנון איז נאר כון דער שטוב ארום גגאנגן. בין איך תיכף ארום גלאפן. לאז זיין וויא עס וויל. האב איך מיר גטראכט. איך מוז לופן צו מיין ווירטהון. אוי דר ווין איז דא. אונ דוא לעבסט:

אונ תמר. וואס זיא איז ביז אהער פיל מיט שרעקן גשטאנן. האט זיך אצונד וויא נאך אשרעקליכן חלום. אוף גחאפט. אונ האט גזאגט צוא אים וועה. מיין קאפ דרייט זיך. וויא אראד פון דעם ווינד. אוך דיא פיער וועלט עקין שאקלן זיך אקיין מיר. גשווינד מעבה. האלט מיך אונטער:

איך גלייב מיר גאר ניט. האט זיך מעבה אן גרופן. אז ער זאל דאס אלס האבן ווייבזאם גזעהן. ניט אנדערש. עס האט זיך אים גטוזט אום ווייזן אין חלום בייא נאכט. איך מוז אום פרייוען. צוא זייני ווערטער זענן וואר. בשעת זיא האט דאס גזאגט. האט זיא גנומן דיא טוב. וואס תימן האט איר אוף דעם אעל בארג גגעבן. אונ ווס זיא איז ביז אהער גוועזן בייא תמרן זייער גלובט. אונ האט איר אריין גגאסן אביסל פון דעם ווין אין מול אריין. אט דא האט דאס טייבעלע אן גהובן מיט דיא פליגל צוא קלאפן. אונ איין אוגן בלוק. איז דיא טוב דר גאנגן. דם איז תמר זייער בלאס גווארן. אונ מעבה האט צוא איר גזאגט וועה. ווירטהון. דער ווין איז פערגיפטעט. אונ וואס זאגסטו דוא אצונד. וואס זאל איך זאגן. האט איר תמר גענטפערט. דיא בערג האבן מיך בארעקט. דיא טאלן האבן מיך ניידר גשטרוצט. וועה. דער נאך יאגר פון מיין זעלע האט היינט זיין ארבייט געענדיגט:

אונ זמרי הט זיך זייני האר פון דעם קאפ אוס גרוסן · אונ הט גשריגן :
ווען איך זאל וויא דיא טוב · בעסיר גוועזן נעכטן דער גיין · וואלטן
מייני אויגן פר שפארט אזא שלעכטס צו זעהן · שטארק זיך ווירטהון ·
אקיינן דעם בייזן שלאנג · וואס הט דיך גוואלט אום ברענגן · אונ
תמר איז שטול גבליבן · אונ הט אים קיין ווארט ניט געענטפערט · פאר
גרוס צוטערניש · אונ זמרי האט זיך צוא איר אן גרופן · האסט דאך
מיר אליין גבעטן · איך זאל דיר אלס דער ציילן וואס איך ווייס · ביי
דיא ווערטער האט תמר מיט גרוס זיפצען אים געענטפערט · דוא זמרי
ביסט ניט פון דעם שיין פון דייני אויגן גטייט גווארן · אונ איך האב
נאר גהערט בין איך שוין דול גווארן · גאר פרעמד איז זיך עמנון פון
מיר · הט ער איר גענטפערט · אונ דוא ווירטהון · מוזט אוך זיין פרעמד
פון אים · פר געס אין עמנונן · אונ אין זייני זאכן · נאר איך באשווער
דיך · מיט דעם נאמן גאט · דוא זאלסט ניט קיינם דר ציילן · ווארום
איך צוטר פר עמנונן · אוי דוא מרה שחורה דיקער מאן · האט אים
תמר געענטפערט מיט כעס · וואס דוא האסט מיר גהאט צו זאגן · האסט
דוא מיר שון אפ גזאגט · אונ אצונד לאז מיך גמאך · זיא איז אוועק
גגאנגן פון אים · אונ איז אריין גקומן אין שטוב אריין · אונ נאך איר
איז ידידיה אוך אריין גקומן · וואס איז דיר · מיין טאכטער · האט זיך
ידידיה צוא איר אן גרופן · וואס פאר הולכסט דוא פון דיין טאטן דיין
טרוריגקייט · קען איך דיר גאר ניט העלפן · דא איז תמר ארוף גפאלן
אוף אים ; אונ מיט הייסע טרערן הט זיא גזאגט צוא אים · פער צייל
מיר · דיא זונד פון דיין אומגליקליכר טאכטער · וואס איך האב דיר ביז
אהער ניט גהערט · נאר פון אוסן וויניג האב איך גזעהן עמנונן ·
דרובר האב איך אים גליבט · נאר אבר אצונד · וועה · מייני אויגן
אליין האבן גזעהן ווי גרוס זיין זינד איז · דרובר האס איך אים אצונד
פיל מער · וויא פרוער איך האב אים גלובט · דאכט עס ניט פאר
חננאלן · איך אליין האב אים אריין גבראכט אהער · · אונ איך ווירד
וועל אים אליין פאר יאגן פון דאנעט · וועה איז צוא מיר · אונ צוא דיר
מיין טאכטער · האט ידידיה צוא איר גזאגט · וואס דוא האסט ביז
אהער דייני זאכן פאר הולן פון מיר · נאר אבר אצונד · זעה אים צוא
פר יאגן פון דאנעט · ווארום איך ווייס אוך זיין גרוסע זינד · נאר טיף
אין מיר האב איך עס באהאלטן צו זעהן וואס דר סוף וועט זיין · יאה ·
אמת טאטע · האט תמר גזאגט · עמנון איז דיא זינד באנאנגן · וואס
דיא הימלן קלאגן · דיא הימלישע ענגעל פר גיסן טרערן פון מיטלייר ·
אוך דיא טיפע העלע צוטערט פון אונטן · הער אוף טאטע · מיין

הארץ

הארץ ווייגט אין מיר • אז איך זעה דיך • וועה • דייני ווערטער בין איך דר ווידר גוועזן • אונ אצונד ווייסט מיין זעלע • וויא ביטר מיר איז :

ידידיה איז ארוס גגאנגן פון איר • אונ תמר איז אין אן מאכט אנודר גפאלן אויף איר גלעגר :

אונ איניגע אויגן בליקן איז חננאל צו איר אריין גקומן • אונ האט זיא גטראפן . יעער פר זארגט • וואס איז דיר • מיין טאכטר • האט ער צו איר גזאגט • אוועק פון מיר • איר אלטר בעיארזער מאן • האט תמר צו אים גזאגט • פיל האט איר שון אום גזעהן • אונ אייערי לעבענס טעג אי גינץ אי שלעכץ • אויך מיר האט איר גזעהן אין דר גליקליכר צייט • אונ אצונד אבר זעהט איר מיך • אונ מייני וויסטע טעג • מיין הארץ איז אוועק גנייגט פון עמנונן • אין דעם טאג וואס איך האב אויף אים מיין גאנץ האפנונג גזעצט • דיא ווערטער האבן חננאלן גרוסע שרעקן גמאכט • האף מיין טאכטר • צוא גאט • האט ער צוא איר גזאגט • ווארום ביא אים איז דיא הילף : ער איז פון איר אוועק גגאנגן • איבר צו שמוסן מיט ידידיה • אונ מיט תרצהן דער פון :

אונ תמרס טרויעריגקייט איז אויף גרוס צארן אין איר אום גבוטען גווארן • נאך האלבן טאג • האט זיא זיך אנודר גזעצט • אפ צו שרייבן צו עמנונן ביטערע ווערטער • אונ תרצה האט זיא שטארק גקווילט • זיא זאל איר זאגן וואס דא איז אזונס גשעהן • תמר האט איר אבר גענטפערט • הער אויף מאמע • הער מיך אויף צו קווילן • פרועך טוז איך עמנונן דעם זונגרן • כון דעם גאטלוכן לאנד פאר יאגן • דער נאך וועל איך דיר דער ציילען • דיא זינד וואס מייני אייגענע אויגן האבן פון אים גזעהן :

וועה איז צוא מיר • מיין טאכטר • האט איר תרצה גענטפערט • דוא ביסט דיר גגאנגן נאך דיין אייגענם ווילן • צוא ליבן • אונ צוא האסן • וויא דיר איז גפעלן • דער מאן זיך אין זיין גוטץ מיט דיר • אונ מיט מיין טאטן • ווען אפילו טויזנד יאר • האט איר תמר גענטפערט • זאל ער גוועזן לעבן אין זיין ערליכקייט וואלט אצונד זיין איינע זונד • דאס אלס אפ גמעקט • דוא ווייסט זיך • אז זיין נאמן • האט שטענדיג מיין הארץ ער קוויקט • אצונד אבר פאלט אויף מיר טוט שרעקן • אז איך דער מאן זיך אין אים • הער אויף מאמע • לאז מיך אליין איבר • נאך שטייט זיא אזו אונ רעט מיט תרצהן • איז עוץ אן גקומן • אונ האט גזאגט צוא איר • שרייב אפ • עדלע צו עמנונן דיין געליבטן איין ענטפר אויף זיין בריף • ווס זייני אוגן קוקן ארום אויף דייני זיסע ווערטער • נאך איז ער אין ציון • האט תמר מיט שרעק גשרוגן • גינץ לאז ער

אנטלויפן · וואָרום אַשְׁוועהרד הענגט איבער זיין קאָפּ · פונסטער וועלן זיך אַלע זיינע וועגן · אונ אויך תּרצה האט זיך צו אים גרופן · אַזוי וויא ער האט זיך מיט איר באַגאַנגען · זאָלסט דוא אים זאָגן · וועט זיך גאָט מיט אים באַגיין :

ווען קומן פאַר נאַכט · האט תמר ווידר גזאָגט צוא אים · וועל איך דיר אַבריף געבן · אָפּ צוא געבן צום באַטרובער פון מיין זעלע · אונ פון זיינער · עוץ איז אַוועק גגאַנגען מיט איין פר ביטערט האַרץ · אונ האט דר צייל נעמהן · אַז איר קינד איז גפאַנגען גוואָרן אין איין ביטערער נעץ · וויא נעמה האט עם דר הערט · האט זיא מיט שרעק גשריגן · אויך אַזא אומגלוק האט גאָט אויף מיר גבראַכט :

געשווינד · גייא זאָג אים · אַז ער זאָל זיך פאַרטיג מאַכן צום וועג · אונ איך מיט מיין טאָכטר · וועלן אים נאָך גיין קיין בית לחם · דאָרט וועט ער אונז טרעפן · אויך סתרי וועט דאָרט היינט זיין · אונ נעמה מיט פנינה האבן ביטערע טרערן פרגאָסן · נאָר אָבער וועה · ג׳ומוזסט זענען זייערע טרערן גוועזן · ירידיה האט באַשטעלט מענטשן · זייא זאָלן זייא קרוגן בייא נאַכט · אונ צוא אים זייא ברענגן · אונ ער וועט זייא שון איבר געבן צוא דיא ריכטער :

23

תָּעָה לְבָבִי פַּלָּצוּת בִּעֲתָתְנִי · אֵת נֶשֶׁף חִשְׁקִי שָׂם לִי לַחֲרָדָה :

(ישעיה כא ד)

אליכטיגער פונק דורך פונסטערי וואלקין

דיא זון האט נעכטיגען טאָג גנייגט · אונ אירע לעצטע שטראַלן האט זיא גוואָרפן אויף דיא שפּיצען פון דעם אָעל באַרג · אונ עמנון וואס עס איז אים שון לאַנג וויילג גוועזן צוא וואַרטן אויף פורהן · אונ אויף עוצן · איז ער אַרום גגאַנגען אביסל אין שטאָט אַריין · אונ מיט איין צובראָכן האַרץ איז ער אַרום גגאַנגען בייא דעם ברעג פון דעם וואסער (שילוח) אויף דעם אָרט · וויא דיא זיסע חוואַלים פון דעם וואסער גגאָסן זיך אַריין אין דעם אומריינם וואסער (קדרון) · אונ האט צוא זיך אַליין דיא ווערטער גרעט · וויא זיס איז דאס רוהיגע וואסעריל · וואס עס פליעסט אַזוי איין גנומן · וויא קרישטאָל טוט עס גלאַנצן · וויא דער לוטערר היטל איז דאס ריין · נאָר אָבער אין איין אומריין אָרט · אונ דעם וואסער קדרון וועט עס אַריין גגאָסן · אַזוי וויא דאס רוהיגע וואסער

שילוח אַזוֹ זֶענֶן אוֹךְ מַיינִי גְדַאנְקֶן רוּהִיג גְוֶועזֶן • אוּנ אוֹךְ אַצוּנְד וֶוערְט מַיין זֶעלֶע • וְויא דָאס אוּם גְנַאסֶן אִין אֶמִיף טְרוּיעֶרִיגְקֵייט • וֶוער ' נִיט לַאנְג הָאבֶּן גְדוֶּוערְט מַיינִי גִילְדִינֶע טֶעג • אוּנ אַצוּנְד זֶענֶן מִיר דִיא וְויסְטֶע טֶעג פָאר גְקוּמֶן • גְדַאנְקֶן פוּן לִיעֶבֶּע הָאבֶּן זִיךְ אִין מִיר דֶער הוֹבֶּן • וְויא דִיא הוֹכֶע חְוַואלֶם ? אִיךְ הָאבּ אָבֶּר נִיט גְוְויסְט • אַז זַייא זֶענֶן נָאר שְׁוֶוערְדֶן • צוּא צֶערְשְׁטֶערֶן יֶעדֶר צְוַייגֶעלֶע • וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מִיר מִיט אֵיין אוֹרֶנְטְלִיךְ הַארְץ מִיט גְרוֹס מִיה גְפְלַאנְצְט ' וֶועה • מַיין זֶעלֶע קְלַאפְּט אִין מִיר • אוּנ מַיין הַארְץ אִיז וְויא חְוַואלֶם אוּנ אֵיין שְׁטָארֶק וְוינְד • אַזוֹ אִיז עֶר אַרוֹם גְגַאנְגֶען מִיט גְרוֹס גְוְויין • אוּנ אִיז אַרוֹף גְגַאנְגֶען אוֹף דֶעם אֶעל בַּארְג • וִויא עֶר אִיז נָאר אַרוֹף גְקוּמֶן • הָאט עֶר דֶר הֶערְט וְויא עוּץ שְׁרַייט צוּא אִים פוּן צְווִישֶׁן דִיא צְוַויְיגֶן • גִישְׁווִינְד עַמְנוֹן • אַךְ • מַיינִי אוֹגְן קוּקְן אַרוֹם אוֹף דִיר • הָאט אִים עַמְנוֹן גֶענְטְפֶערְט • אוּנ מַיינִי אוֹעֶרֶן זֶענֶן גְרֵייט צוּ הֶערֶן פוּן דִיר דֶעם עֶנְטְפֶער וָואס זִיא הָאט מִיר גֶגֶעבֶּן • עוּץ הָאט מִיט גְרוֹס זִיפְצֶן אַרוֹס גְנוּמֶן אֵיין בְּרִיף • וָואס תָּמָר הָאט אִים גְשְׁרִיבֶּן ' אוּנ הָאט זִיךְ אָן גְרוּפֶן צוּ אִים • אַזוֹ הָאט דִיר תָּמָר בַּאפוֹלֶן ' דֶער בְּרִיף אִיז צְווִישֶׁן־שַׁייד צְווִישֶׁן אוּנְזֶער פֶערְבִּינְדוּנְג אוֹף אֵייבִּיג • לָאז עֶר טְרִינְקֶן פוּן דֶעם וַויין • אוּנ זָאל פַאר גֶעסֶן אִין מִיר ' אוּנ אִיךְ הָאבּ גְנוּמֶן דֶעם בְּרִיף מִיט דֶעם וַויין • אוּנ בִּין אַרוֹם גְגַאנְגֶען ' אוּנ מַעֲכָה אִיז אוֹךְ נָאךְ מִיר אַרוֹם גְגַאנְגֶען • אוּנ הָאט זִיךְ צוּא מִיר אָן גְרוּפֶן ' לָאז עֶר נִיט טְרִינְקֶן פוּן דֶעם וַויין ' מָארְגֶן אִין דֶער פְרִיא וֶועל אִיךְ צוּא אִים קוּמֶן • אוּנ וֶועל אִים עֶפִּיס שְׁרֶעקְלִיכֶס דֶער צֵיילֶן • וָוארוּם תָּמָר לָאקֶערְט אוֹף זַיין זֶעלֶע • עַמְנוֹן הָאט גְנוּמֶן דֶעם בְּרִיף אוּנ הָאט גְלֵיינְט :

וְויא דֶער זַאנְגֶען קְלוֹבֶּער אִין אֶמִיפֶן טָאל • אַזוֹ קְלוֹבּ אִיךְ צוּא נוֹף אוּנְזֶרִי זִיסֶע וֶוערְטֶער • אַצוּנְד אַז גָאט הָאט צוּ רוּסֶן אוּנְזֶרִי זֶעלֶען אִין דֶעם פִינְסְטֶערֶן טָאג ' מַיין גְזֶעלֶן • מַיין גְלוּבְּטֶער ' מַיין אוּם דֶר וַוייל טֶער • אַזוֹ הָאבּ אִיךְ דִיךְ תָּמִיד מִיט לִיבֶּע גְרוּפֶן • אוּנ דוּא הָאסְט מִיךְ גְרוּפֶן מַיין טוֹב • מַיין פְרִימֶע • מַיין אֵיינְצִיגֶע • אַזוֹ הָט מִיךְ דַיין מוֹל גְרוּפֶן • דַיינִי הֶענְד אָבֶּר וֶועה • דַיינִי הֶענְד הָאבֶּן מִיר אֶקֶבֶר (גְרִיפְט) אוּם גְשְׁנוּטֶן ' דַיינִי לִיפֶּן זֶענֶן גְוֶועזֶן וְוי רוֹזֶן • דַיינִי גְדַאנְקֶן אָבֶּר וְוי דֶערְנֶער • אַזוֹ הָאסְט דוּא גְטְרַאכְט זִיךְ צוּ בַּאגַיין מִיט דַיין טוֹב מִיט דַיין אֵיינְצִיגֶער • גְנוּג אַצוּנְד פַר אוּנְז צוּ פַר שְׁטֵיין וְוי דִיא טוֹבֶן מִיט זִיסֶע שְׁטוּמֶען פוּן חֵן • פְרַיינְד שְׁאפְּט ' אוּנ לִיבֶּע • אַבֶּערִין שְׁפְּרַאכֶע לָאזֶן מִיר זִיךְ אַצוּנְד אוּם קְלוֹבֶּן • וְויא דִיא לֵייבֶּן וֶועלֶן מִיר בְּרוּמֶן • הֶער צוּ מַיין גְשְׁרַייא • מַיין בְּרוּמֶן הֶער צוּ • אוּבּ דַיינִי אוֹעֶרֶן זֶענֶן נָאךְ פַר שְׁטָאפְּט • וְויא דֶר

טיבר שלאנג · נאר אבר וואס רעד איך · דייני אויערן זענן פר שטאפט
וויא דיין ביין הארץ · ווארום שלאנגן מילך האסט דוא גזוגן · שלאנגן
גיפט אין דער וויסטע · וויא איז דר עמנון · וואס ער איז גקומן וויא
אהילפס ענגל פון דעם הימל · מיין לעבן פון דעם ווילדן לייב צוא
ערטייטן · וועה · מיין גייסט צוטעהרט אין מיר · איבר דער פראגע
וויא איז ער · עמנון פון בית לחם הט מיין לעבן ערלייזט · אונ עמנון
האט עס ביא מיר גוואלט אוועק נעמן · ווען מייני ליפן זאלן ארום
טראגן דיין זינד · צוטער איך · אז גאט זאל דר פר אוף דר היילוגר
שטאט ציון ניט צערנן · דיין זינד הט דר צערנט דיא גאטליכע שטיל ·
זייא נאך דאס מאל וויא ביז אהער · אונ בארעכן דיך עמנון צו וועמן
האסט דוא אזונס גטאן · צו וועמין · צו דיין טוב · צו דיין איינציגער
וואס זיא האט דיך ניט גוואלט אוף קיין קיניגע אום בעטן · וויא
אשיינע פרוכט ביסט דוא מיר גוועזן · אונ אצונד ביסט דוא רייף
(צייטיג) גוואהרן וויא אביטערער טרוב · וועה איז צוא מיר · וויא איין
גשארפטע פייל מוז איך דיך אצונד ארום ציען פון מיין הארצן · מיט
דייני פאלטשע ווערטר האסט דוא מיך באטראגין · האסט ניט גוואלט
אוועק געבן צוא דיא ווילדע חיות דיא זעלע פון דיין טייבעלע · אונ
צום סוף האסט דוא זיא אליין גוואלט אום ברענגן · אנטלויף · מיין
יעלען אוף זעכר · אנטלויף אין אזא ארט · ווי דיא בערג שפייען פייער
אונ דיא וואסרן רושען · אנטלויף אין דיא לייבן גרובר · אונ דיא
שלאנגן העלן · אוך דארט וועט דיין זינד באקאנט ווערן · ווארום פיל
ערגר פון זיי האסט דוא זיך באגאנגן · דר לייב ערבארעמט זיך אוף זיין
לעווין · דער שלאנג איבר זייני קונדר · דוא אבר · דוא האסט אום
גבראכט דיא זעלע פון דיין טייבעלע · אנטלויף דוא בייזר קראקאדיל ·
העהר מיך אוף מיט דייני פאלטשע ווערטר צו נארן · אנטלויף גשווינד ·
ווארום נאך וואס זאל איך זעהן דיין בלוט פר מיר וויא וואסר פר גאסן
ווערן · אפייער ברענט אין אלי מייני פריינד · אונ ווען זייא וועלן
דיך קרוגן · אזו וועסט דוא דיין לעבן פאר לורן · וועסט דוא וועלן
פרעגן · וויא אהין זאל איך פאר זייא אנטלויפן · דוא ווייסט דאך שון
דעם שליאך (טרוט) אין דער העלע ארייין · וואס קיין אורענטליכער
מענטש איז דארט קיין מאל ניט גוועזן · אהין זאלסט דוא גיין · ביז דיין
זעלע זאל אין דיר קלאגן · אונ זאלסט זיך בערייען אין דיין סוף :

וויא עמנון האט דעם בריף דורך גלעזן · האט ער זיך אויש אום
גרוסן דיא האר פון דעם קאפ · זייני קליידר האט ער צוא רוסן · אונ
פון גרויס שרעק האט ער גשרוגן · וועה צו דעם פינסטערן טאג · גאט

האט

האט אונזר שפראכע צוא מישט · גבעט ווערטר מיט טרערן גשרובן האב איך איר גזוקט · אונ זיא האט מיר ביטערי בייזע ווערטר אפ געגנטפרט · אונ נאך מער · זיא האט אויף מיר אזא זונד אום גטראכט · אונ האלט מיך פר אמערדר · איר זעלען אויף זעכר · וועה · איך קען עס ניט פאר שטיין · ניט אנדרש · נאר פאלטשע ציינגן האבן אויף מיר גמוזט אן רעדן · אונ תמר איז אום ומט פעראירט גווארן אונ זייא צוא גלייבן · איך מוז גיין אליין צוא איר · אונ אזו לאנג טרערן פר גיסן · ביז זיא וועט זיך ווידר אויף מיר דר בארמן · ניין עמנון האט אים עוץ גזאגט · גייא ניט אקיינן דעם טוט · מעכה האט מיר גזאגט · אז מארגן וועט זיא קומן צו דיר · אונ וועט דיר דר ציילן אז תמר איז דיר צו אמערדערן גווארן · זיא זוכט אויף דיין לעבן · טוט שטעקט אין דעם נויין · האט מיר תמר גזאגט · לאז עמנון פון אים טרונקען אונ זאל פר געסן אין מיר · פר וואס זאל דיא מערדערן ניט טרונקען פון אים :

שטילר עוץ · האט עמנון צוא אים גזאגט · מיינע אוערן הערן וויא דוא שענסט זיא :

גייא זשע דיר צוא איר · האט אים עוץ געגנטפערט · אוב דער טוט דורך איר האנד איז דיר טייער · ערבארם דיך עמנון · איבר דיין אייגענר זעלע · גיב זיא ניט אוועק צו דעם וואס זוכט זיא אויף · אנטלויף גשווינד · האב מיטלייד אויף דיין זעלע · ניין האט אים עמנון געגנטפערט ניט אנטלופן וועל איך איבר מיין זעלע · אנטלופן וועל איך פון מיין זעלע · וואס זיא איז מיר גווארן צו אשווערער לאסט · הער צו עמנון · האט עוץ צוא אים גזאגט · הער צו דיין מוטרס ווערטר · ווס זיא האט מיר גזאגט · איך זאל דיר איין רעדן צו גיין קיין בית לחם · אונ זייא וועלן דיר נאך גיין אהין · דארט וועסט דוא אויך סתרין טרעפן · אונ עמנון האט זיך וויא פון אטרום אויף גחאפט · ווארום ער האט גאר ניט גהערט וואס עוץ האט אים גזאגט · אונ האט זיך צו אים אן גרופן · גייא גשווינד עוץ · אונ זאג תמרן · מיין גילדענר טוב · אז עמנון ווארט אויף איר אונטר דעם אעל בום · וואס אונזרי געטן זענן דארט צום אייביגן אנדענק אום גקרוצט · ווארום איך האב נאך מיט איר עטליכי ווערטר צו רעדן · הער אויף עמנון · האט אים עוץ געגנטפערט אנטלויף ווארום דיא זון איז שון אונטר גגאנגן :

האסט רעכט עוץ · האט עמנון צוא אים גזאגט · ביז טיף אין דער העלע וועל איך אנטלופן · מיין זון איז אונטר גגאנגן אין מיטן גילדענם זומר טאג · דיא פייגעלך האבן זיך אום גקערט צו זייער רוה · אונ ווען וועט אויך מיין זעלע רוהיג זיין · לאז אפ פון מיר עוץ · לאז איך זיך

אביסל אום ריען אונטער דעם שאטן פון דעם אעל בארג · אוף דעם ארט
וויא איך פלעג מיר פערגנוגן צו טיילן מיט תמרן וועה · ווער וואלט
מיר דעמאלט געזאגט · אז איך וועל מוזן אמאל אין אפונסטערן טאג
זיך אונטער אים אום רוען · כדי איך זאל קראפט האבן אנטלופן פון
מיין גילדענער וועלט · וועה צו מיין פרייליכער נאכט · איך האב גהאפט
אוף פרייען · אונ עס האט זיך אום גלאזט ליידען · מארגן איז דער
טאג פון מיין האכצייט · אונ צום סוף איז גאר גקומן מיין פונסטערניש
זעה דארט מיין שטובל · ווער וועט אבער דארט מיט תמרן וואנן :
זאג דיא היילגע שטאט · איר געטליכע בערג זאגט צוא זאמן תמרן ·
ניט קיין מערדער איז עמנון · נאר נעביך ער מארדעט גאר אומזוסט ·
גלוק צוא דיר געטליכע שטאט · גלוק אוך צוא דיר תמר . דיא עדלע ·
קיין פר דרום האב איך אוף דיר גאר ניט · דיא שענסטע פון אלי יונג
פרוען · אלנאי גאט זאל אזו אוף דיר ניט צערנן · וויא איך צערן אוף
דיר ניט :

ווי ער שטייט אזו אונ רעט · איז אים תימן אקיגן גקומן רייטענדוג
אוף איין פערד · ער איז אראפ גקראכן פון דעם פערד אונ האט זיך
אן גרופן צו עמנונן · אנטלוה גשווינד אוף דעם פערד · ווארום טאמיר
וועט דיך דיא שווערד וואס זיא הענגט ארום דיר פאר דארבן :

ער איז גיך אוועק פון עמנונן · אונ האט אוף אים קיין בלוק ניט
גטאן · עמנון האט זיך ארוף גזעצט אוף דעם פערד . צוא לופן קיין
בית לחם · אונ האט גזאגט צו עוצין . גיך ברענג מיר מיין מאמן מיט
מיין שוועסטער . ווארום איך וועל מיך דארט אוך ניט לאנג פר זאמן ·
וויא תימן איז צוא רוק גקומן . האט ער גטראפן תמרן זוצן בייא זיך
אין קאבינעט אונ ויינן . פאר געם שון מיין שוועסטער · האט ער צוא
איר גזאגט . פאר געט אין עמנון . אונ זייא גרייט אקיגן עזריקמן :
ווארום צו אים האט דיך גאט (אוך דער טאטע) אן גצייכענט . היינט
בייא נאכט · וועלן זיך אהער צוא נוף קומן אלי גרוסע הערן . צוא
זעהן · וויא דוא וועסט מיט עזריקמן פר בינדן ווערן :

אונ חננאל איז אריין גקומן צו תמרן · אונ האט צוא איר גזאגט ·
גיין מיין טאכטער · ניט צוא עזריקמן האב איך מיין רייכטהום אוועק
געגעבן · דיין ראטה וועט ניט זיין · ערעטע מיך פון עזריקמן · האט
תמר צוא אים גזאגט · לאזן מייני טעג ניט פאר וויסט ווערן · לאז ער
זיך ניט איין רעדן · אז אצונד וועל איך אים ליבן · ווייל איך האב
עמנונן גהאסט · ניין · איינם האב איך גקענט · אונ נאך אים וועל
איך קיינם ניט קענן · אונ ווער ווייסט האט חננאל צוא אים גזאגט

אמיר איז גאר עטניגס זינד ניט אזו גרוס · ווארום ניט אין אונזן בלוט ווערט דר ערליכער צו אזונדיגען · אט נאך אביסל וועלן קומן אהער די צוויא פרוען · אונ די ריכטר וועלן די זאך דר קלערן :

אונ עטליכי מינוט ארום איז תרצה אריין גקומן אין שטוב אריין · אונ האט די זאך אן גרופן · אט זענען שון דא די מערדר מעכטער אין שטוב · עס וואונדערט מיך גאר ניט · וואס עטנון איז אין זייער נעץ גפאנגן געווארן · ווארום שיין וויא אגאטליכע טאכטר · איז דאס מיידל · ביא די ווערטער איז תמר אונ תימן זייער דר שראקן געווארן וויא איז ערגיץ מעכה · האט תמר מיט שרעק גפרעגט · אונ מעכה איז די זעלבע נאכט אוועק פון דארטן · עטנונען נאך צו גיין :

24

חאפט מען דעם גנב · קריגט מען די שטוק סחורה · אונ מען הייבט ביא אים אן צוא צאפן ווערטער ·

אזו ווערט מען פון אים שון תיכף גוואר פון אנדרי חברה לייט אוף נאך ערטער :

דאס איז ביא אונז יודען אכלל ·
אז ווער עס האלט שון ביא דעם פאל :
אנייעם נאמן צו געבן ·
דעם איז נעבך ביטר וויא גאל :
ער איז שון ניט עבר מיט דעם לעבן :

אוף אייביג איז קיין סוד ניט דא

אונ נעמה מיט פנינהן זענן גשטאנן וויא דול אין שטוב אין איין ווינקל · אונ די סטראשעס וואס האבן זייא גבראכט זענן גשטאנן ארום זייא · אונ ידידיה האט אריין גרופן תימנן מיט תמרן אין שטוב אריין · אונ איינם פון זייני באדינרם הט ער אוועק גשוקט נאך זמרין · וויא תמר האט נאר אבלוק געגעבן אוף זייא · האט זיא געגעבן פאר שרעק מיט אמאל זיך אראפ צוא רוק · אונ האט זיך אן גרופן · אזי מאמע · אט דאס איז די מוטר די מערדרן · מיט איר טאכטר · וואס האבן איבר גפורט אריינע נשמה · אונ וום זייא האבן מיר דעם ווין פר גיפטעט · קארג פר זייא · וואס זייא האבן מיין גלובטן איבר גפורט · האבן זייא נאך גוואלט מיין לעבן אוך אוועק רייסן · ביא די ווערטער איז נעמה גשטאנן אונ האט גבראכן די הענד · זיא הט

נאר

נָאר קֵיין וָוערְטָר נִיט גְהַאט צוּא עֶנְטְפֶרְן · אוּנ תֵּימָן אַז עֶר הָאט דֶער זֶעהְן זַיין רוּז הָאבֶּן זִיךְ אִים דִיא טְרֶערְן אִין דִיא אוֹיגְן גְשְׁטֶעלְט · אוּנ זַיינִי לִיפֶּן זֶענְן גְוָוארְן צוּ גְשְׁלָאסֶן :

זָאגְט אִיר טֶעכְטֶר · וָואס אִיר דֶער צֶערִינְט גָאט · הָאט יְדִידְיָה צוּ זַייא אַנְשְׁרֵייא גְטָאן זָאגְט · אִיר קֶענְט גָאר נִיט עַמְנוֹנֶן פוּן אַקוּרְצֶר צַייט · אוּב פַּאלְטְשֶׁע צִינְגֶן הָאבֶּן אוּף אוּנְז שְׁלֶעכְטְס גְרֶעט · הָאט זִיךְ פְּנִינָה אָן גְרוּפֶן מִיט בִּיטֶערֶע טְרֶערֶן · טוּט אֵייךְ מִיט מִיר · וִויא אִיר וִוילְט · וָוארוּם אֵייִדֶר צוּא לֶעבֶּן אוּף אַזַא פַּאלְטְשֶׁע וָועלְט · אִיז גְלַייכֶר יוּנְג צוּ שְׁטַארְבֶּן · מַיין מַאמֶן אָבֶּר לָאזְט צוּא רוּה · גִיךְ הָט זִיךְ אוּף גְעֶפוּנְט דִיא טִיר אוּנ זִמְרִי אִיז אַרַיין גְקוּמֶן · הָאבּ גָאר קֵיין מוֹרָא נִיט פַאר זַייא · הָאט זִיךְ יְדִידְיָה צוּא אִים אָן גְרוּפֶן · בַּייא מִיר אִין שְׁטוּבּ וָועלְן זַייא דִיר גָאר נִיט קֶענֶן טָאן · זָאג וָואס דוּא הָאסְט גְזֶעהְן :

הֶערְט צוּ וַוייבֶּר · הָאט זִמְרִי צוּא זַייא גְזָאגְט · וָואס אִיךְ וָועל אֵייךְ זָאגֶן · מִיט אֱמֶת הָאט גָאט גְגְרוּנְד דִיא וָועלְט · אוּם גְשְׁפְּרֵייט דִיא הִימְלֶן · אוּנ מִיט אֱמֶת בַּארְף זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אוּף דֶר עֶרְד אוּף פוּרֶן · מִיט אֱמֶת וָוערְט יֶעדֶר זִינְד אָפּ גְמֶעקְט :

זַייט אַזוֹ גוּט · מַיינִי הֶערֶן · הָאט זִיךְ נַעֲמָה מִיט גְרוּס שְׁרֶעק אָן גְרוּפֶן · אוּנ בְּרֶענְגְט אַהֶער דֶעם מֶענְטְשֶׁן · וָואס הָט אוּף מִיר שְׁלֶעכְטְס גְרֶעט · לָאז עֶר מִיר עֶס אִין דִיא אוֹיגְן זָאגֶן · מִיט וָואס אִיז מַיין זִינְד אַזוֹ גְרוֹס אַקֵייגְן גָאט · שְׁטִיל דִיא פַּר שָׁאלְטִינֶע צוּבֶּערֶן · הָאט תָּמָר מִיט כַּעַס גְשְׁרוּגֶן שְׁטִיל · וִויא קוּמְט צוּ דִיר דֶר מַאנְן דֶעם נָאמֶן גָאט · רִיף דֶעם שָׂטָן · פַיף צוּא דִיא שֵׁדִים · לָאזְן זַייא דִיר זָאגְן וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז :

וִויא אִיז עַמְנוֹן · הָאט חַנַנְאֵל צוּ זַייא גְזָאגְט · זָאגְט וִויא אִיז עֶר אוּמְזוּסְט וֶועט אִיר לַייקֶענֶן · זָאג דוּא שֵׁיין מֵיידֶל · אִיז אֱמֶת אַז עַמְנוֹן אִיז בַּייא דִיר גְוֶועזְן :

דָא הָט פְּנִינָה אָן גְהוֹבֶּן צוּ וַויינֶען · אוּנ הָאט מִיט גְרוֹס צוּטֶערְנִישׁ גְשְׁרוּגְן גָאט · מַיין גָאט · וִויא בִּין אִיךְ עֶרְגֶץ · פַּר שְׁלִיֶעסְט זַייא דֶר וַוייל דָא אִין שְׁטוּבֶּל · הָט יְדִידְיָה גְזָאגְט צוּ דִיא סְטְרָאזְשֶׁעס · בִּיז דִיא רִיכְטֶר וָועלְן אַהֶער קוּמֶן · דִיא זַאךְ צוּא דֶער סְלִיֶעדְוַואן · אִין אִיר גֵייט רִיפְט עֵזְרִיקָמֶן :

עֶר בַּארְם זִיךְ אוּף מִיר · הָאט תָּמָר מִיט שְׁרֶעק גְזָאגְט צוּ יְדִידְיָהְן · אוּנ רִיף מִיר נִיט דֶעם פַיינְד אִין שְׁטוּבּ אַרַיין :

זֶעה מַיין טָאכְטֶר · הָאט יְדִידְיָה צוּ אִיר גְזָאגְט מִיט צָארְן · דָאס

אין

אין גאנצן האסט דוא עוץ אן גארבית מיט דייני נארישקייטין · לאז מען ברענגן אהער פורהן מיט עמנון · האט זיך חננאל אן גרופן · לאז עמנון זיין · אפשר האט ער עפיס צו ענטפרן ;

דיא מטראזשעס האבן זייא באלד פאר שלאסן אין איין באזונדר שטובל · אונ זייא זענן גיך אוועק גלאפן נאך עזריקם ;

דיא טיר האט זיך אויף געפונט · אונ אבישי דער אלטער איז אריין גקומן אן געשפארט אויף סתרי זיין ברודערס הענד · זייא האבן גפרעגט ידידיהן · ווס ער הערט זיך עפיס גוטס בייא זייא · ידידיה אבר האט זייא געענטפערט מיט ברוגזע מינעם · וויא קראנק איך בין גוועזן · האט זיך אבישי צו אים אן גרופן · האט מיך גאט אומוסטענע פון דעם בעט אויף געשטעלט צו פרייען זיך מיט דיר צוא זאמן אויף דר חתונה מארגן בייא דיין טאכטער מיט עמנון ;

איר זענט דאך שון אויף דר עלטער · האט ידידיה צוא אים גזאגט · פון דעסט וועגן האט איר נאך קיין מאל ניט גזעהן אזונס וואס איר וועט אצונד גוואר ווערן · שדים טאנצן ארום זיין חופה · ווילדע חיות שפרונגן ארום אויף זיין האכצייט ;

וואס רעדסט דוא · האט אים אבישי גפרעגט זייער פר וואונדערט · וויא גטרייא עמנון איז אייך גוועזן · האט ער אים געענטפערט · האט ער אייך גאר ניט דר ציילט · אז ער האט זיך פר ליבט אין א מיידל · ווס זיא רעגירט איבר אלי פיסטע ערטער · אונ מאכט צוטרן דעם גהינם ;

עס איז ניט אנדערש · האט סתרי צו אים גזאגט · אז עס איז אנעק פון דער וועלט · אז פון דעם היכל דיא מלאכים (ענגעל) זענן אונטער אראפ ; אונ פון אונטן זענן גאטס דר צערנר אובן ארויף · קארג פר דיר האט ידידיה צו אים גזאגט · וואס גאטס צארן האט זיך אריין גחאפט אין איין רוהיג ארט · אן צו מאכן אין דעם אמזריוואגע · אונ צוא פר שטערן יעדר פרייד ;

עפיס הער איך פון דיר זייער מרה שחורה דיקע ווערטער · הט סתרי צו אים גזאגט · דרובר צווינגט מיך דיר אפ צוא ענטפרן · שון לאנג האב איך דיר גזאגט · אז דיין גלייכן אין איטליכן איז אווילד נארישקייט · אונ אצונד הער איך פון דיר · אז עמנון האט פר שטערט אין דיין שטוב דיא רוה דרובר הער · ווס איך וועל דיר זאגן ;

דרייא ערלייא זאכן צערשטערן דיא רוה פון דער וועלט · צווייא מאכן אן אטריוואגע · נאר אבר ערליכע שאטן זייא ניט · איינס אבר גייט שמולר הייט · וויא דער טוט · אונ לאזט ניט אום קיינעם אויף דער וועלט · באפאלן אונז אונזרי פייגד · אונז אום רוהיג צו מאכן · האבן

מיר אויף גאט · אז ער וועט אונזערי פיינד אונטער טענג מאכן . שלעכטי מענטשן אז זייא טאן מיט אום רעכט דיא שטאט אום רוהיג צו מאכן זעהן דיא ריכטער פון דר שטאט זייא צו שטורן · נאר אבר ניט אייביג וועט דיא שווערד פר דארבן · ניט אייביג וועלן דיא שלעכטי מענטשן דיא רוה צוא נעמן · דיא שווערד וועט ווידר אין דער שייד צוא רוק גזעצט . דיא שטארקי הענד וועלן שלאף ווערן . נאר איין זאך וועט אויף אייביג ניט אויף הערן · איינם רעגיערט זינט דיא וועלט שטייט . דאס איז דאס פאלטשקייט . וואס עס פאר דארבט . אונ זויגט אוס פון יעגעם דאס בלוט · אונ הילט זיך איין אין איין ערליך מאנטל . עס ווישט זיך אפ דיא ליפן · גאר ניט צוא דער קענן · עס איז גלייך צום שלאנג . וואס ער איז גפלעקט מיט גרינע פינטשען · אונ קריכט ארום צווישן בלומן · פון דארט לאזט ער גאר דעם אומשילדיגן אגופט · אונ מען ווייסט אים גאר ניט וויא צוא קריגן · ווארום דער שלאנג באהאלט זיך צווישן דיא בלומן · אונ דאס פאלשקייט . אונ ערליכע מינעם · דרובר ידידיה · מאך ניט אום שילדיג עמנון . איידר דוא ווייסט עס אקראט . געבר האבן פאלטשע צונגן אן גרעט :

ווייער קליג זענן זייני ווערטר . האט זיך חננאל אן גרופן · אבר אצונד וויא איז ערגיץ עמנון :

ער האט גמוזט גיין קיין בית לחם · האט אים סתרי גענפרט · אז ער האט גהערט אז אבישי איז ניט גזונד :

דא האט ידידיה אנשרייא גטאן צו זייני באדינר . לאזן צוויי רייטן אויף פערד · אונ זאלן אים אום קערן עמנון פון בית לחם · וואס קען דאס זיין · האט זיך תרצה אן גרופן · וואס מעכה איז ניט גבליבן דאס מוז עפיס זיין :

אונ ידידיה האט זיך צוא זמרין אן גרופן · לאז נאר קומן עמנון · וועסט אים זאגן אין דיא אויגן :

דא איז זמרין אביסל קיל גווארן אין בוך . נאר אבר ער האט עס אין זיך פר בארגן · אונ האט זיך אן גרופן · איך בעט דיך איבר מיין הער · פאר וואס ווילסט דוא ניט קלערן . ווער דיא פרויען זענן · אונ וואס טון זייא דא · איך האב גהערט עפיס פון זייערט וועגן · איך וועל נאך דיך ריכטער עפיס נייעס פון זייא דער ציילן · אפינסטערעד נעבל האט באדעקט דיא גאנצי שטאט . דיא רוהיגע . אונ אלי מאל ווערט גהערט דאס קול פון דיא וועכטער :

דער באזוצר · דער יודישער שוצר ·
פון דעם היכל · מאכט קיין דרוסל (שלאף) :

אונ

אונ דיא וועכטער וואס גייען ארום אין שטאט זינגן :

וואל איז דעם ערליכן אז ער
טוט אוף דעם גילגער לוגן .
ער רוט זיך אוס דיא נאכט
מיט גרוס פר גנוגן :
זיין גייסט איז שטול . זיין
זעלע רוט .

נאר ניט צום זונדיגען איז זים
דר שלאף .
פאר אים איז דיא נאכט
אפינסטערר שטראף :
זיין לייב ציטערט . עס זיעט
אין אים דאס גבלוט :

זעה נאר פון ווייטן . האט זיך איין וועכטער צום אנדרן אן גרופן . וויא עס גייט ארוך ביז אין הוטל . האסט רעכט . האט אים דר אנדרר גענטפערט . דער פלאם ווערט אלי מאל גרעסר . קום נאר גיך . לאמיר לופן דארטן העלפן . פינף וועכטער זענן אוועק גלאפן גיך אהין . בשעת זיא זענן גלאפן האבן זיא גהערט אין איין ווינקל שרייט איינר מיין שווערד הט זיא גטייט . אונ דיא אלי פארליצעם האבן זיך אום גלאזט . נאך אביסל וועט זיא דאס פייער צו נעמן . גאר אבר פר וואס ציטערן מייני גלודר . וועה מיין הארץ קלאגט . מיין לייב שודערט . דיא מוערן פון דער שטאט טאנצן פר מיר וויא שדים . פר וויסט בין איך . אזו וויא אנאכט וואלף בלאנזע איך ארום אין דר פינסטערר נאכט . אוף מיר ציטערן דיא הימלן . זיפצט דיא ערד . דער ווינד בלאזט מיט איין וויינונדוג קול אין מייני אוערן . אנטלוף זינדיגער . וועה איז צו מיר . איך האב מיר פר זינדיגט . מייני הענד זענן פר שמיערט מיט דר מאמים בלוט . קיין וואסר וועט ניט קענען זיא אפ צו וואשן . אלי טייכן וועלן ניט אפ לעשן דאס פייער . וואס איך האב אן גצונדן אין מיין טאטן . וועה וויא אהין קען איך קומן . איך וועל שטארבן מיט גרוס שאנד . האסט זיך ניט ארום גחאפט . האט געגעבן אגשריא איין וועכטער האבן אים אלי אין איינם גחאפט . זאג ווער דוא ביסט . אום זוסט וועסט דוא עס אין דער פינסטער איין הילן . דיא זין וועט נאר אשיין געבן . וועט ענטדעקט ווערן דר סוד פון דר נאכט .

נאך שטייען זיא אין האלטן אים . זענן אן גקומן דיא סטראזשעס וואס זענן בייא דעם פייער געווען . אונ האבן צו דיא וועכטער גזאגט . איין אום גלוק איז גשעהן אין שטאט . אוי דם פייער האט זיך דארט צו שפרייט . ניט קשה . האבן דיא וועכטער גענטפערט . עס האט זיך אצונד צוא אונז אין דיא גוועלבר פאפאדיט דער גייער נאכט וואלף . אונ שטייט וויא דאס שטילע שעפעלע . ער וויל ניט זאגן ווער ער איז . נאך דעם אז מיר האבן גהערט פון אים עטליכי גיצגע ווערטער . קומט

האבן

האבן דיא סטראזשעס צוא זייא גזאגט · קומט לאמיר אים פירן צוא ידידיהן · דארטן וועלן זיך צו נויף גיין דיא ריכטר · אוך דיא הרוגים לאזן מיר אהין ברענגן · קומט לאז זיין וויא עס וויל · זייא האבן אים אוועק גפורט צו ידידיהן אהיים · דיא ריכטר זענן גזעסן בייא ידידיהן אין שטוב · אונ זמרי האט דר ציילט פר זייא ; וואס ער האט גזעהן דעמאלט דיקע נאכט · אונ נעמה מיט פנינהז שטייען נעבך אונ ברעכן דיא הענד · זייא ווייסן ניט ' וואס פר איין ענטפער זייא צוא געבן דארויף · אונ תמר שטייט · אונ הערט עס אום זייער פאר ווינדערט · פלוצום האט זיך דיא טיר אויף געפונט · אונ דיא סטראזשעס האבן אריין גבראכט עזריקן אין שטוב אריין · וויא עזריקם האט דר זעהן דארט זמרין · האט ער ארוס גחאפט אשוועדר פון אונטר דעם ראק · אונ האט אים גשטאכן · אט דאס איז דיין באלונונג פאר דייני עצות · האט ער אגשרייא גטאן · שטייא רוצח · האבן דיא ריכטר אגשרייא גטאן : אונ עזריקם האט נאך אמאל אויף גהובן דיא שווערד אויף עמהן מיט פנינהן · ווארום ער איז אזש דיל גוואורן · דא איז תימן אונטר גלאפן · אונ הט אים אווארף גטאן צו דר ערד · אונ דיא סטראזשעס האבן בייא אים צוא גנומן דיא שווערד אונ האבן אים גבינדן · דורך דעם באפעל פון דיא ריכטר · פאר גרוס שרעק איז תמר ארוס גגאנגן פון איר קאבינעט · אונ זמרי האט גשרונגן מיט טוט וויעז · עמנון איז גרעכט · אונ איך מיט עזריקמן זענן מיר שילדיג :

אוף דיא ווערטר האבן זייא זיך אזוי פר וואונדערט · אונ אין דרוסן איז גוואורן אגרוס גשרייא · אונ דיא סטראזשעס האבן זיך אן גרופן · אט האט מען גבראכט עזריקמס הרוגים · דיא טיר הט זיך אויף געפונט אונ עכנם קונדר זענן אריין גקומן אונ האבן גבראכן דיא הענד · אונ האבן גשרונגן · אוי אונזר ברודר (נבל) הט אן גארביט איין אומגלוק · ער האט פר נארט אונזר טאטן · אונ תפר מיט בוקיהן אין שטוב אריין אונ האט פון דרוסן דיא טיר פר בינדן · אונ האט דם הויז אן גצונדן · אונ דער מאמען חלאהן האט ער גשטאכן · בשעת זיא איז צוא אים צוא גגאנגן :

ווער איז דער נבל · האבן אלי אין איינם גפרעגט · אט דאס איז דר שלעכטער נבל · האבן זייא געענטפערט · אונ האבן ביטר גוויינט · אט דאס איז דר נבל אונזר ברודר פון איין טאטן אונ פון איין מאמן · ווס מען האט אים גרופן · עזריקם יורמס זון · לאז מען אריין ברענגן דיא הרוגים · האבן דיא ריכטר אגשרייא גטאן · זייא אטמען נאך אביסל · האבן דיא קונדר גזאגט · מיר האבן זייא ארוס גחאפט פון דעם פייער

ווא

וויא פר ברענטי האלאוועשקעס :

דיא סטראושעס האבן גיך אריין גבראכט עגנן · אונ חפר מיט בוקיהן מיט חאהן אין שטוב אריין · אונ האבן זייא אריין גלייגט אין דיא בעטן נאר חלאה איז שון גוועזן גאר טוט · אונ דיא איבריגע זענן גוועזן דורך אום פאר ברענט · נאר קוים וואס זייא האבן גזיפט · אזי האט עבן גשריגן גאט איז גרעכט · ער באצאלט אימליכן וויא ער איז ווערט · שון אכצן יאר · אז מתן האט מיך אן גרעט אן צו צונדן איין פייער אין חנתין זיין פיינדס ווייב · אונ איך האב מיר גלאזט איין רעדן · אונ האב זייא פר ברענט מיט דיא דרייא קינדר · אונ מיין זון נבלן האב איך אנאמן גגעבן עזריקם · כדי ער זאל זיין יורשס יורש · אונ אוף נעמהן · געביך דער אומשילדיגער האב איך דיא באד ארויף גלייגט · וועה · וואבן אוך חפר מיט בוקיהן גשריגן · אט דאס זענן אונזרי ווינדרען · מיר זענן גוועזן אין דעם שלעכטם · אום צוא ליידוגין יורמס שאץ קאמר · אונ איבר צוא טראגן צוא מתנן · אונ פאליש אוף נעמהן אן צו רעדן פר דיא ריכטר · מאכן זיא צוא דער בלאטע · אונ דר נאך האבן מיר פר ברענט מתנס הויז · אז מיר האבן גזעהן · אז ער איז דול גוואורן :

וועה האט עבן ווידר גשריגן · נעמה דיא ערליכע זיצט מיט איר טאכטר אין אקליינם גצעלט אין דר גאס וויא דיא ארימע וואגן · ריפט זיא אצונד צוא רוק · אונ באזעצט זייא אוף זייער ארט · אזו איך זונדיגר · האט אוך זמרי גשריגן · וואס ער איז גלעגן אין איין בעט ניט ווייט פון זייא · וועה איך האב אן גרעט פאלשעס אוף עמנוגן אונ אוף דיא פרוען · וואס איך האב זייא אוסער דאכט מאל גאר אין דיא אוגן ניט גזעהן :

אוף דיא ווערטר האט זיך תמר אונ תימן שטארק פאר ווינדערט · אוך ידידיה אונ תרצה האבן גבראכן דיא הענד · אונ תמר האט זיך צוא תימנן אן גרופן · נוא אצונד ווינדערט דיך · וואס עמנון האט זיך פאר ליבט אין יורמס טאכטר :

אונ תרצה איז ארום גפאלן נעמן · אונ האט זיא גהאלזט · זיא הט זיא אזש דורך גנעצט מיט אירע טרערן · אוך ידידיה איז גשטאנן וויא אדילר · אונ חננאל האט גשריגן · וויא איז מיין אום לייזער וויא איז מיין יורש :

זייא מיר מוחל · יורמס ווייב · הט זיך ידידיה צו נעמהן אן גרופן · איך האב דיך גזעהן · אונ האב דיך ניט גקענט · זייער פר שעמט בין איך אצונד · אז דיין גרעכטוגקייט איז ענטדעקט גוואורן · אונ תימן

איז

איז גפאלן ידידיהן צו דיא פים . אונ האט צוא אים גזאגט · דר בארם
דיך טאטע . וואס איז דיר מיין קונד · האט אים ידידיה גפרעגט . אונ
האט אים אוף געשטעלט פון דר ערד · אט דאס איז דאס מיידל · הט ער
אים געענטפערט · וואס איך האב זייא ליב גקרוגן שון פון לאנג · אונ זיא
האט מיך אוך גליבט . נאר אבר אין מוטן איז גוועזן איין צווישן שייד
אונ איך האב ניט גוויסט ווער זיא איז . ביז איך האב גהערט · דיא
פאלטשע מענטשן אוף איר אן צוא רעדן · דאס האט מיך אוך זייער
גקרענקט · ווארום מיין גאנץ לעבן איז זיא · אן איר אבר וס בין איך :

ניט אצונד איז דיא צייט פון פריינד שאפט צוא שמוסן · האט זיך
נעמה צוא איט אן גרופן · פרוער מוז מען זעהן אפ צו טאן דאס פריינד
שאפט · אונ אצונד זאג מיר עדלע תמר · וואס פאר איין אום רעכט
האכט דוא אוף אונז גזעהן · וס דוא האסט אונז גהאלטן פר מכשפות ·

דאס איז נאר · הט איה תמר געענטפערט · בשעת זיא איז רוט גווארן ·
וועגן גרום ליבשאפט וס איך האב גהאט צו עמנונן . אונ אז איך האב
גזעהן אז ער ליבט דיין טאכטער · האט דר פר דראס · וואס ער הט אין
מיר גברענט · נארישע זאכן אין מיר ארײן גווארפן · אוי אלוואי איך
זאל זיצן אין איינם מיט דיין טאכטער דר שיינר · מיר זאלן זיין ביידי
פרוען צו עמנונן · אוי דוא נאריש מיידל . האט סתרי צו איר גזאגט ·
אונ איין מינוט קען זיא יענם דר הייבן אונ ווידר אראפ ווארפן · וועט
דיין יורמס טאכטער צוא אפאכטך . נאר אבר הער אצונד תמר . הערט
איר אלי וואס זענט דא · איך וועל אייך קורץ דר ציילן · עמנון מיט
פניגהן זענן אצווילינג · ביידי האט נעמה גבורן · אונ עמנון איז אוף
גצויגן גווארן ביא מיין ברודר אבישי אין בית לחם · אונ פנינה איז
גזעסן מיט איר מוטר אין דארף · אונ האבן זיך דער נערט מיט דעם
וואס זייא האבן גקליבן אין יורמס פעלדר · אונ דיא אלי איינוואהנר
האבן זיא פר איר גרוסן חן גרופן דיא שייני רוז · דא איז תמר ארום
גפאלן נעמן · אונ האט זיא גקושט מיט הייסע טרערן · אונ הט פאר
גרום פרייד אזש קיין ווארט ניט גקענט רעדן · זיא איז אנודר גפאלן .
אונ האט אש גחאלישט . אונ ידידיה מיט תרצהן · וואס זענן אוך
גשטאנען זייער פאר וויגדערט · האבן זיא גנומען · אונ האבן זיא אנודר
גלייגט אוף דעם בעט ביא איר אין שטובל · זיא זאל זיך אביסל אפ
רוען · שוק מיין קונד · האט זיך נעמה צוא תימנן אן גרופן . שוק
איינם אוף אפערד · אונ לאז ער אום קערן עמנונן פון בית לחם :

תימן איז גיך גלאפן . אונ האט גטאן · וויא זיא האט באפולן .
אונ דיא ריכטר זענן זיך דר וייל אהיים צו גאנגן :

אונ זמרי האט זיך גראנגעלט מיט דעם ביטערן טוט · זייני אוגן · וואס האבן פינקן פייער גוווארפן · האט ער אום גגלאנצט אוף עזריקמן · וואס ער איז גלעגן געבונדן :

וועד האט פר גיפטעט דעם ווין · האט עזריקם צוא אים געשרוגן · אונ ווער האט מיך אן גרעט צו דיא אלי בייזע זאכן :

דוא זמרי · דוא האסט עס אין גאנצן אן גוארבט · האסט זיך אריין גמושט אין פרעמדי געשעפטן וועגן דעם געלד :

אוי זמרי · האט אוך תימן צוא אים געשרוגן אוי ערליכר מענטש · וואס שווייגסט דוא אצונד וויא דאס שטילע שעפעלע · הערסט וויא נבל שענט דיך אזו · אונ דוא ענטפערסט אים גאר ניט · אוי דוא צדיק · וואס דוא פלעגסט תמיד קרעכצן אוף דייני זינד · אונ פלעגסט זיך אום ליוזען מיט קרבנות · אוף דעם קוקן · אונ אוף דעם הערן · אונ אופן שמעקן · וואס האסט דוא עפיס פר אזונד היט באנאנגן · וואס דוא האסט מענטשן בלוט גאפערט · דוא קוקסט נאך אוף מיר · אוי דוא בייזר שלאנג · איין גוונקען זאלן ווערן דייני אוגן אין דיא לעבר · נאך אביסל וועט דיין ברענענדיגער צונג פאר שטומט ווערן אוף אייביג · דוא האסט מוטן צונג פאר וואנדעלט דעם גן עדן (פאראדיעס) צום גיהנם (העלע) · נידר זעשע אצונד צוא דער גרוב מיט גרוס שאנד :

אצונד מיין קונד · האט זיך געמה צו תימנן אן גרופן · אצונד פר שטייסט דוא שון מייני ווערטר · וואס איך האב דיר אמאל גזאגט · אצונד זעסט דוא דיא רוז · אונ דיא דערנר וואס זענן גוואקסן ארום איר · דיא דערנר זענן שון פאר ברענט גווארן · נבל האט אוך גוואלט דיא רוז אפ רייסן · ער האט זיא גוואלט איבר זעצן אוף אפעט ארט · דר נאך אבר אז ער האט גזעהן · אז זיא וויל אים ניט קענן · הט ער זיא גוואלט צוא דער שווערד איבער ענטפרן · איר יונג לעבן אוועק צוא רייסען :

אוי האט נבל געשרוגן · מיין נאמן איז מיר אגרויסע שאנד · שטייא אוף תימן · אונ ענפר מיך איבר צוא דער שווערד · ווארום איך האב מיך אן גזעגט מיט שאנד אוף דעם ארט פון כבוד · בושה אופן ארט פון לעבן · נעם טייט מיך גיך :

שטול דוא בייזר שלאנג · האט תימן צוא אים גזאגט · איך וועל מיין שווערד ניט איין ווייכן · מיט אזא טריף בלוט איין אקס וועט דיך צוא טרעטן · וועסט זיין אמאל צייט צו דיא פייגל :

אונ תרצה איז ארום גגאנגן פון דער שטוב · אונ האט אן גזאגט

תימן • ער זאל הייסן אום ראמן דיא גאטס־דר צערנר פון דר שטיב • אונ תימן האט עס באלד פארטיג גמאכט • אונ נבלין האט ער איבר געטפרט צוא עכנם קונדר • זייא זאלן טאן מיט אים וויא זייא וועט גפעלן • אונ תרצה האט אריין גרופן געמהן מיט פנינה׳ן צוא תמרן אין קאבינעט אריין • וואס זיא האט זיך אביסל דר מונטערט • אונ תמר האט גוויינט • אונ האט צוא זייא גזאגט • ווען איך זאל דאס גוועזן פרוער מיט אפאר טעג וויסן • וואלט מיין גלובטר פון מיר ניט גוועזן אוועק • פער צוילט מיר • איך האב אייך פיל באליידיגט אומזוסט • אונ געמה מיט פנינה׳ן האבן שטארק גוויינט • בשעת זיא האט [illegible] גזאגט • אייערי טרערן • האט זיך תמר ווידר צוא זייא אן גרופן • אייערי טרערן האט אייך גאט היינט אפגווישט • אונ אייער מזל (לאאס שיקזאל) איז שון ווידר דער הובן גווארן • נאר אבר מיין וויטוג • ווער קען פילן • פון גאר אנידרוגן שטאנד האב איך גרעכינט עמנונן • אונ דאך האב איך אים גליבט • וויא אזו זאל איך ניט וויינן אצונד • אז איך ווייס • אז איך האב גאר אום זוסט פר טרובן פון מיר דעם הערס יורמס זון • אונ מיין גלובטן • נעביך גאר אומזוסט האב איך אים פר יאגט • ווער ווייסט צוא ער וועט זיך נאך צוא מיר אום קערן • אונ ידידיה האט גבראכן דיא הענד • אונ האט צו סתרין גזאגט • היינטיגע נאכט איז פאר מיר ענטדעקט גווארן מיין נארישקייט • שון פון לאנג האב איך דיין לערע ניט גוואלט אן נעמן • דיא נאכט אבר האט מיך זמרי אן גלערינט • אז קיין פייער • אונ קיין שווערד • קען אזו פיל ניט פר דארבן • וויא דער פאלטשר מענטש • ווס צייט זיך איבר מיט אמאסקע פון יראה • ער פר דארבט • אונ הילט זיך איין אין דר פעל פון דעם פרומן שעפעלע • וויא ווינדרליך זענען דייני זאכן גאט :

לאז זיך נאך עמנון אום קערן אהער • האט חננאל גזאגט • אונ האט גזופצט • מיין חלום איז שון אין גאנצן באשייד גווארן • איך האף צוא גאט • אז ער וועט נאך עמנונן אויך צוא שיקן אונז צו טרייסטן • אונ איר פרוען • זייט גרייט אויף מארגן • וועל איך אום קערן אויף אייערי ערטר • וואס זענען נעביך אומזוסט פר פרעמדט גווארן • אונ תימן האט צוא נעמהן גזאגט • אצונד לאז שון דאס שטיינדיל ניט ארוס פון דעם רייפעלע • לאז נאר עמנון אהער קומן • וועט ער זייא צוא זאמן באהעפטן • האט זיא אים גענטפרט • אונ תימן האט זייא דער ציילט אלי אין שטוב • וואס עס באטייטן דיא ווערטר • דא האט ידידיה מיט גרוס פרייד גשריגן • טאקע נאר גאטס האנד איז באקאנט גווארן אין דעם פריינד שאפט מיט מיין פריינד יורמן • אוך אפילו צו אונזרי

קונדר

קונדר ווייזט ער אונזר ליבע · אונ אצונד נעמה · זיץ זיך גאנץ רוהיג מיט דיין טאכטר אוף אייערי אלטע ערטר · אונ דער גאט וואס האט זיך דיין קרוג אן גנומן · זאל זיך אן נעמן אוך זיינס קרוג · דיא שווערד פון אשור זאל ניט פר דארבן · אלוואי עמנון זאל צו רוק קומן · האט זיך תמר צוא איר אן גרופן · אונ זאל מיר זאגן · אז ער האט מיר דער ציילט · ווארום אזו איז מיין הארץ גייער אום רוהיג · דיא ביטערי נאכט איז אוועק · פונקטער איז זיא גווארן אוף דער באנדרע פארטשע מענטשן · איידר דיא זון האט אשיין געגעבן · ווען זייא שון אלי גלעגן אין אייביגן שלאף · אוך נבל איז אין דר נאכט גיעקט גווארן · דורך עבנס קונדר · אונ מוטע מאג האט ידידיהם הוו גזונד באזעצט נעמהן צו רוק אוף אירע ערטר מיט גרוס גוויין · אונ אוך אבישי מיט סתרין זענן מיט זייא אין איינם דארט גזעסן · ווארום דיא רעוויליציע פון אשורן האט זיך שון שטארק גהערט אין שטאט :

אונ דיא שלוחים וואס מען האט אוועק גשוקט נאך עמנונען · האבן זיך פר נאכט צוא רוק אום גקערט · אונ האבן גזאגט מיר זענן גקומן קיין בית לחם · אונ מיר האבן אוף עמנונען גפרעגט · האט אונז איין פאקטך גענטפערט · אז עמנון איז בייא אים גוועזן · אונ האט ארום גקוקט אוף זיין מוטר אונ אוף זיין שוועסטר · נאר אבר ער האט זיך ניט גקענט דר ווארטן · אונ ער האט אן גשריבן אבריף מיט ביטערע טרערן · אונ האט אים גגעבן · אז ער זאל אים אפ געבן תמרן · אונ גאנץ פרייא איז ער פון דארט אוועק · זייא האבן ארום גנומן דעם בריף אונ האבן אים גגעבן ידידיהן פאר חתמיתער הייט · אונ הבן ווידר זיך אן גרופן · אונ פורהן האבן דיא פאסטיכער גחאפט פר בית לחם · בשעת ער האט דארטן גוואלט מעבהן האבן מיר גבראכט פון אובן ביז אראפ מיט ווינדן · קום וואס זיא לעבט :

אונ ידידיה האט איבר גלייענט דעם בריף · אונ האט זיך צוא זייא אן גרופן · זאגט עס ניט תמרן · זאגט איר אז עמנון איז אוועק מיט נאך מענטשן קיין (תרשיש) · אזו וויא דוא זאגסט · אזו וועט זיין · האבן זייא אים גענטפערט · נאך רעדן זייא צווישן זיך איז תמר ארין גקומן אונ האט זיך אן גרופן · וואס שטייסט דוא עפים אזו טרויעריג טאטע · פרעג זיא האט ער איר גענטפערט · ווען זייא זיר דער ציילן אונ דיא שכו ים האבן איר גזאגט · אזו וויא ידידיה האט זייא גהייסן : דא האט תמר גבראכן דיא הענד · אונ האט גשריגן · וועה איז מיר · אוף אייביג בין איך שון פאר לורן · ווייל בעסר · האט ידידיה צוא איר גזאגט · אוף דיא וואס זענן אין ציון · ניט אוף דעם וואס ער איז גאנץ

וויים

וויט פון דעם טוט · האף צו גאט · אז ער וועט דיר צוא שיקן עמנ״ן אין אפרייליכן טאג · ניט אין אזא ביטערע צייט · אוך אבישי אונ סתרי האבן זיא גטרייסט. אומזונסט אבר איז זייערי ווערטר גוועזן :

אונ פון מעכהן האט מען אן גהובן צאפן ווערטר · האט זיא צוא זייא גזאגט · איך בין שון ממילא מיט אטריט צום טוט · נאך וואס זאל איך ליקעגן · איך האב גליבט עמנון · זינט איך האב אים דער קענט · דרובר האב איך מיט זייני פיינד אהאנד גשלאסן · אונ פורהן האב איך אן גרעט. אן צו רעדן שלעכטס אוף עמנון · אונ וויא איך האב גזעהן · אז עמנון איז שון אוועק · בין איך אוך אוועק אים נאך צוא גיין · אונ איך האב ניט גוויסט · אז פורה לאקערט אוף מיר · וועה אוף דעם וועג האט ער מיך גכאפט · אונ האט מיך גשלאגן טוט שלעק · האבן מיך דיא פאסטיכער אפ גראטעוועט · אונ אצונד בין איך נאהונט צום טוט · דא האבן זייא פורהן אין קטראג גנומן ביז דיא ריכטער וועלן דיא זאך דר קלערן :

25

דיא מלחמה

וויא דיא הייליגע שטאט ציון האט גצוטרט · אירע איין וואהנר גייען אלי ארום מיט צובראכבנע גמוטר · אונ מיט שוואכע הערצר · פון דעם רעש פון דיא פיינד וואס האבן צוא גטרעטן צום קרעפיסט פון ציון · אונ חזקיהו האט צוא נוף גזאמילט צוועלף טויזנד מאן · אלי אורנטליכע מענטשן · אונ האט צוא זייא גזאגט · הערט צוא מייני קינדר · אונזרי פיינד האבן באלעגערט ירושלים · זייא ווילן פון איר אתל מאכן · פאר זייער פיל פאלק זאלט איר ניט צוטרן · אונ פאר זייער גרויסקייט זאלט איר זיך ניט איבר שרעקן · ווארום זייא קומן אן צוא אמענטשנס הילף · אונז אבר גייט צו הילף דר באווצר פון דעם הימל · האפט צוא גאט · צוא זיין גרוסר הילף · ער וועט טאן אזוינע וואונדר · וואס איר האט גאר ניט גרעכנט אוף זייא · דאס איז דיא שטאט ציון · ווס פון עק וועלט · אונ פון ווייטע אונזלען קיקט מען אוף איר · פון איר גייט ארום דר שיקזאל פון אלי פעלקר · וויא אזוי עס זאל זיך מיט יעדר נאטציאן פאסירען · אייערי פיינד וועלן אלי ווערן צוא שאנד · זייא וועלן אלי זעהן · אז נאר אונזר גאט · איז איין גאט · ווייטר קיינר · האט קיין מורא ניט פר זייא · ווארום אייך האלט אוף · אוף

זיין

זיין כמשאט · דער וואס עס חתמית זיך מיט דעם נאמן גאט ·

אין שבנא האט דיא שטאט אין שרעק פערוואנדעלט · אונ האט דיא באוצר מרה שחורה דיק גמאכט · צוועלף טויזנד מאן האט ער זיך צו נויף גזאמילט · וואס זייא האבן מיט אים אהאנד גשלאסן · אונ האט צוא זייא אזו גזאגט · וועלכר מענטש · וואס זיין לעבן איז בייא אים טייער · זאל צו שטיין צוא מיר · אונ זאל פרובן שלוסן מיט סנחריבן דעם קיניג פון אשור · איידר ער וועט פאר וויסטן ירושלים ביז אין גרונד · אומזוסט שיצן דיא וואס ליבן ציונס טויערן · דעם קרעפיכסט פון דר שטאט דעם קרעפיכסט · ווס ער שטייט איין צוא פאלן :

ציון איז גלייך צוגו מענטשן · ווס ער האט ניט קיין גאנץ גלור אין זיך · אונ דער נארישער דאקטאר · גיט אים איין עצה צוא נעמן אשטוק פלייש פון זיין אייגן לייב · אונ דאס וועט אים העלפן צו זיין קרענק · דיא שענסטע פאלצן וועט ער צו שטוסן · פון אלטען וועט ער אתל מאכן · דיא שטיינר פון דיא ווענט קראגן · אזו מיט דעם וועלן זייא שיצן · דער מיט וועלן זייא זייערי הינדרן היילן · אומזוסט אומזוסט · ציונס טויערן זענן פאר שלאסן · נאר אבר דיא טויערן פון דעם טוט זענן אפין פאר אונז · אונ ווען איר וועט זיך אצונד ניט ערטייטן · וועט איר מארגן אויף שלאכט פעלד צווישן אלי דר שלאגנגע לוגן · קיין ער לייוונג איז ניט פאר אנדרן אין דעם טאג · איין מאל האט ער אונז פאר גלייגט (רבשקה) אשורס אדיוטאנט · אונ מער וועט ער שון מיט אונז ניט רעדן דער פון · דאס גלייכסטע איז אונטר טעניג צו זיין אונטר זיין קיניג · אונ אצונד · וואס איז חזקיהוס שיצן · ווס ער שיצט אונז · קיין געלד האט ער ניט · ער קען אפילו ניט אום האלטן זיין ביסל מיליטער אין דער שלעכטר צייט · דאס איבריגע ביסל געלד · ווס עס האט זיך גפונן בייא אים · האט ער אין דעם היילגן טעמפעל צוא נויף גקומן · אונ האט עס אוועק גשיקט אפריזענט דעם קיניג פון אשור · אוב ער שיצט אונז מיט זיין גבורה · זאלט איר ארויף גיין אויף דיא הויכע ערטר · אונ קוקט אראפ אויף אשורס מיליטער · וואס זענן פיל וויא דיא שטערן פון דעם הימל · אויך אין עגיפטן זענן שון אונזרי קארעספאנדענטען גוועזן · אונ זענן אויך פר שעמט גווארן · אונ זייערי אלי שטעט זענן גפאנגן · אונ אונזרי הערן זענן ווי פייגעליך פאר וואגלט פון זייער נעסט · דיא אלטי לייט אונזרי גייען אום פאר הינגר · אונ וויא פיל קליינע קינדר זענן אמאל שטוק שון גוועזן צוא זייערי אייגענע מיטערס · קיין עצה · קיין גבורה · קיין חכמה איז ניט דא אקיגן אשורן · ווער וועט אקיגן אים עפיס אום פירן :

מיט

מיט דעם ציטערניש איז נעמה אונ פנינה געזעסן ביא זיא אין געצעלט . אונ ידידיה האט זיא אוף זיין קאפט געהאלטן • אונ תימן מיט תמרן פלעגן אלי מאל ביא זיא וויזיטען מאכן :

איין מאל • וויא תימן איז צו זיא ארין געקומן • האט ער גטראפן בניהן זוצן אין וויינן • גאט העלף • האט ער צוא איר גזאגט . דייני אויגן לייכטן • וויא דיא זין פון צווישן דיא טינקעלע חמארעס • אונ דיא טרערן אוף דייני באקן שיינען וויא גילדינע טויא טראפן אוף דער בשמים ביימ • ווער מין הער • אומגליקליך בין איך • האט זיא אים גענטפערט • ניין ערלע • האט ער גזאגט צוא איר • ניט קיין הער ריף מיך • דיין קנעכט בין איך • אונ דוא מיין ווירטהון • זינט דוא האסט מיין הארץ גווינן • בין איך צוא דיר • עבן דער וויסטער קוואל • איז גוועזן צוא דיר אלעבענס קוואל • דיין ארום שטאמן איז שון באקענט • אונ דיין גלוק האט זיך ארום גוויזן • וויא דיא זאנן שטראלן פון דעם פונסטרן געצעלט • יאה אמת • האט פנינה צוא אים גזאגט • אהערס אטאכטער בין איך נאר אבר וויא איז מיין טאטיע • וואס איז זיין סוף • אונ מיין מוטער איז עלענד • מיין ברודר פר ווייסט • וואס זשע איז אצונד מיין טייל • טרויער גוויין • אונ איביגע שמערצן • וויא קען אצונד מיין גלוק לייכטען • אצונד אז זינט איך בין געבורן • איז דאס אין דר ערד באגראבן • ווער גאטס צארן האט אום גבראכט מיין טאטענס הויז גזונד • אונ וואס נאך קען איך האפן • שטארקי פעלקר האבן דיא שטאט באלעגערט אין אלי צייטנס טעכטער גייען מיט ציטערניש אונ שרעק באקלייט אונ שוצן זיך אונטער זייערי גטרייע מאנן • פעטר • ברודער • וויא איז אבר מיין טאטע • ער זאל מיך שוצן • מיין ברודר • ער זאל מיין זעלע ערליזן פון שאנד • דאס אלץ בארעכן איך מיך • וויא אזו זאל איך ניט וויינן • דוא ווייניסט אוף עמנון • האט תימן צו איר גזאגט אוף עמנונן וואס איך פלעג אים אויך ברודר רופן • ווען דוא זאלסט גוועזן וויסן • מיין באגיין זיך פרוער מיט אים • וואלסט דוא אצונד מיין ווייטונג גוויסט • נאר אבר איך • איך וועל דיין ברודר זיין אין דר ביטערר צייט • איך נאך מער וויא אברודר אין דעם גליקליכן טאג • זאג מיר נאר . דיין שוועסטער בין איך • וועל איך מיך באקליידן מיט אהעלדן גייסט • ווען דוא וועסט מיך מיט דייני אויגן צו צווען • אונ מיט דייני זיסע ווערטער האפנונג געבן • אזו בין איך וויא דער גרעסטער העלד • אלי העלדן אשורם וואלט איך צו טרעטן וויא אווייגר ליוב • אונ וויא דיא לעוון • וואס זיא איז זיך נוקם . אונ אירע פיינד וואס ווילן איר קונד פון איר ברוסט אוועק רייסן • איך • איך וועל זיין

[illegible]

צוא דיר אפעסטער קרעפים · אצווישן שייר צווישן דיר · אונ יעדן
אומגלוק · לאזן פלוגען אשורם פיילן אוף מיין קאפ · וועלן זייא ביי מיר
ווי רעגן טראפן זיין · מאך מיך הערן דייני זיסע ווערטר · דיין שוועסטר
בין איך · בין איך דער גרעסטער העלד :

וועה אבר · האט זיא אים מיט גרוס זיפצען געענטפערט · איך אליין
האב אין מיר קיין העלדן גייסט ניט · וויא אזו קען איך דיר
שטארקייט געבן :

וואס נוצט מיר אזא פריילין מיט אצובראכן גמוט ווי איך · פון
מייני טרערן וועט אוך דיין הארץ ווייכן · אונ פון מיין זיפצען וועלן
דייני הענד שלאפמיטהיג ווערן :

וואס פאר איין זאך וויל איך פון דיר · האט תימן גזאגט צוא איר ·
אזא זאך וואס קיין איינציגע זאך אויף דר וועלט · איז גליין צו דעם ·
דיא דערגער וואס זענן ארום דער רוז גוועזן · זענן זיך שון אפ גברענט
פר וואס זאל מיין האנד דיא רוז ניט נעמן · קער מיר אום עדלע · וואס
דוא האסט ביא מיר אוועק גנומן · קער מיר אום מיין רוה · מייני
פריידן · וועט דיר גאט אוך דיין פרייד אום קערן :

נעמה איז ארויין גקומן אין צומער אריין · אונ האט זיך צוא זייא אן
גרופן · איר קלאגט אלץ אוף דער פרייד וואס זיא איז ווייט פון אייך ·
קלאגט בעסר אוף דער גאטליכער שטאט · אונ אוף עמנוען וואס איר
וועט אים מער ניט זעהן · איינס האב איך מיך באקלערט · וויל
אנדערש נאך גאט אין יורמס הויז · אזו וועט ער ניט אפ לעשן זייני
פינקען · אונ וועט אום קערן עמנוען מקיים זיין דאס פערבינדונג מיט
ידידיהן · נאר אבר ווען גאט האט דאס פערבינדונג צוא רייען · וועט
אוך אייער פרייד ניט צרפילט ווערן · אונ דאס שטיינדל איז ארום פון
דעם פונגעריל · אלס רען תימן · זייט דיר איינזאם ביא דיין טאטן ·
נאך וואס זאלסט דוא נאך מיין טאכטערס לעגן אוך פאר ביטערן · זייט
איינזאם · גשלאגן פון גאטס צארן · פיל לייכט וועט ער אוך אייערי
טרערן זעהן · צוא זאמן מיט דיא טרערן פון זיין היילוגן נאטציאן
(פאלך) נאר אונ פנינהן הענגט אן מיין לעבן · הט איר תימן געענטפערט ·
אין אירע אוגן זעה איך פר מיר דיא גליקליכע וועלט · ווען אבר איך
וועל זיך פאר בארגן פון אירע אוגן · אז אוך מיין ווייטוג פון גאט פר
בארגן · אונ דאס לעבט איז פאר מיר פונסטער · וועה מיין הארץ איז
וויא ...רוען הארץ גווארן צו וויינן אונ קלאגן · איך בין יעצונד וויא
מיין שוועסטער תמר · אונ וויא פנינה · מיין צורונג פון מיין לעבן · אלי
דרייא האבין מיר עמנוען גליבט · אלי דרייא ווידר מוזן מיר קלאגן

נאך

נאך אים אבוטער גוויין אוף אונזר לעבינס פריינד · אונ ווען ער האט דס גזאגט · האט ער שטארק גוויינט · אוך פנינה האט פיל טרערין פר גאסין בייא זייני לעצטי ווערטער :

פון דר צייט אן · האט תימן אוף גהערט צו גיין צו פנינהן · ער איז גוועסין בייא זיך אין קאבינעט · אונ האט גקלאגט צוא זאמין מיט תמרין נאך עמנון איר גליבטן :

26

איטליכס הארץ דר פילט תיכף זיין וויטוג

אין דער זעלבע נאכט וואס עמנון איז אן גקומן קיין בית לחם · איז ער באלד פון דארט אוועק ביז ער איז גקומען קיין עזקה · פון דארט איז ער אוועק מיט אגאנצי קאמפאניע מענטשן (וואס זייא זענן קיין עגיפטען גגאנגן · וויא זייא זענין גקומן אונטר דער שטאט עקרון האבן זייא דיא וועכטר פון דיא פלשתים גהאפט אונ האבן זייא פאר קופט צוא דיא בני היונים · וואס זייא זענין גגאנגן מיט דר שיף צום אינזעל כפתור (וואס עס גהער צו זייא) וויא זייא זענין גקומן מיט זייא צו זייער אינזעל · האבין זייא זייא גמאכט פאר ערד ארבעטארערס · אונ פאר גערטנערס · אוך האבן זייא שון גהאט בייא זיך פון לאנג איודין · וואס ער איז נאך אין אחזו צייטין גפאנגין גווארן · מיט דעם נאמן יורם · זייא האבן אים אצונד פאר איין עלצטן איבר זיי גמאכט · ווארום דיא יודן האבן זייער שפראכע ניט פאר שטאנן :

דיא ארבייט זייערי פלעגט זיין אוף אהויכן בארג לעבן אלוטר וואסר וויא קרישטאל · ווס אוף אים זענין גוועזן גפלאנצט אלערלייא גערטנר · אונ דס וואסר וואס הט ארום גרינגעלט · האט זעהר אשיינע אום זיכט אוף דיא גערטנר גמאכט · אונ עמנון אז ער האט דיא געגענד דר זעהן האט ער זיך דר מאנט אין ציון · אונ אין זיין גליבטע · אונ דס האט אים נעביך זייער גקרענקט אזו וויא איין אעל בום · ווס מען האט אים פון אפעט ארט איבר גטראגן אוף אוויסט ארט · אזו הט דארט עמנון אום גזעהן :

דער זומר איז גקומען · אונ דיא אלי גפאנגעני האבן אן גהויבן גיין אין דיא גערטנר צו דר ארבעט · אונ עמנון איז גשטאנין אונ הט גארבייט אין איין עק גארטין · אונ גאנצי טייכין טרערין האבין זייני אויגין גגאסן · באלד איז צו אים דער באפעלס-האבר צוא גקומן · אונ
הט

הָאט זִיךְ צוּא אִים אָן גְרוּפֶן ; דֶר פְרִיהֶלוּנְג הָאט זִיךְ ווִידֶר בַּנַייעֶט • דַארוּם בַּאנֵייעֶ וָשֶׂע דוּא דִיךְ אוֹיךְ מִיט אַפְּרִיילִיכֶן גֵייסְט • וָוארוּם דוּא בִּיסְט נָאךְ יוּנְג • פַאר וָואס זָאלְסְט דוּא זַיין אַזוֹ בַּאזָארְגְט • דֶער וָואס אִיז שׁוֹן אוֹיף דֶער עֶלְטֶר • דֶעם וֶועט זִיךְ זַיין יוּגֶענְד צוּ רוּק נִיט אוּם קֶערֶן • אָבֶּר דֶער יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ דֶער דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ נִיט טְרוּעֶרִיג • שְׁטֵייא אוֹיף • שֵׁיין יוּנְגֶעל • אוּנ שְׁטַארְק זִיךְ • זַייעֶר שֵׁיין זֶעסְט דוּא בַּייא מִיר אוּם • מִיט זַיין שֵׁיינְקַייט • אוּנ מִיט דַיין גְבוֹרֶן אָרְט • וָוארוּם מֶען הָאט מִיר גְזָאגְט • אַז דוּא בִּיסְט אַקוּנְד פוּן צִיוֹן • אוּנ אִין דֶער שְׁטָאט אִיז מַיין גַאנְץ לֶעבֶּן :

יָאה אֶמֶת • אִיךְ בִּין טַאקֶע נָאךְ יוּנְג • הָאט אִים עֶמְנוֹן גֶעֶנְטְפֶערְט מִיט טְרֶערֶן • קֵיין אַלְטֶר אָבֶּר הָאט זִיךְ נָאךְ נִיט אָן גְלוּטְן מִיט אַזוֹ פִיל צָרוֹת ווִיא אִיךְ פַּרְטְרוּבֶּן בִּין אִיךְ גְוָוארֶן פוּן מַיין גַאנְץ לֶעבֶּן • פוּן מַיין גְטְרֵייעֶר מוּטֶר • אוּנ פוּן מַיין טֵייעֶרֶר שְׁוֶועסְטֶר • וֶועה אִיז צוּא מִיר פְרֵייעֶר פוֹגֶל • קֵיינֶר אִיז נִיט דָא מַיינִי טְרֶערֶן אָפּ צוּא ווִישֶׁן • מַיינִי צָרוֹת וֶועל אִיךְ דֶר צֵיילֶן פַאר דֶעם ווִינְד • אוּנ מַיינִי שְׁמֶערְצֶן צוּא דִיא חְוָואלֶט פוּן דֶעם וַואסֶר • וָואס זַייא בְּרוּמֶן אוֹיךְ שְׁטְרֶעמְרִיג • ווִיא מַיין הַארְץ בְּרוּמְט • מִיט וָואס וָשֶׂע קֶען מִיךְ דֶר פְרִיהֶלוּנְג דֶר קְווִיקֶן • נִיט צוּ אַזָא צוּא בְּרָאכֶן גְמוּט • בְּלָאזְט דֶר פְרוּשֶׁר ווִינְד • אוּנ נִיט צוּא אַזָא פַּר בִּיטֶערְט הַארְץ שַׁיינְט דִיא זוּן ; דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט לָאז זִיךְ אָן צִירֶן מִיט דֶעם זוּמֶר צוּרוּנְג • נָאר אָבֶּר אִיךְ • מַיין צוּרוּנְג אִיז צוּא גְרוּנְד גְגַאנְגֶען • אִיךְ זָאל הָאבֶּן פְלוּגֶל • וָואלְט אִיךְ גְלַייךְ גְפְלוֹגֶן קֵיין צִיוֹן • אוּנ וָואלְט גְנוּמֶן מַיין טֵייעֶר לֶעבִּין • אוּנ וָואלְט מִיט אִיר אַוֶועק אִין עֶק וֶועלְט • דָארְט ווִיא קֵיין פַאלְטְשֶׂע צִינְגֶן זֶענֶן נִיט דָא • אוֹיךְ אֲפִילוּ אַז צִיוֹן זָאל זַיין אִין גַאנְצֶן חָרוּב • אוּנ מַיין שֵׁיינִי טוֹב זָאל לִיגֶן צְווִישֶׁן אֵלִי טוּט • וָואלְט אִיךְ אַרוּם גְגַאנְגֶען אַרוּם דִיא פַאר בְּרֶענְטֶע פַּאלֶעצְן • אַרוּם דֶעם פִיסְטֶען טֶעמְפֶּל • אוּנ וָואלְט אַזוֹ לַאנְג טְרֶערֶן פַאר גָאסֶן • בִּיז מַיין זֶעלֶע זָאל דָארְט אוּם גֵיין :

מַיין הַארְץ ווֵיינְט אוֹיף אַצוּבְּרָאכֶן גְמוּט • הָאט זִיךְ דֶער בַּאפֶעהֶלְס הָאבֶּער צוּא אִים אָן גְרוּפֶן • דוּא זָאלְסְט אָבֶּר ווִיסֶן מַיין גְמוּט וָואלְסְט דוּא שׁוֹן גְוִוים גְשְׁווִיגֶן • אִיךְ בִּין גְוֶועזְן פוּן דִיא פַארְנֶעמְסְטֶע לַייט • אִיךְ בִּין מִיר גְזֶעסֶן אִין דִיא שֶׁענְסְטֶע פַּאלֶעצְן • קֵיינֶר אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נִיט גְוֶוען אַזוֹ גְלִיקְלִיךְ ווִיא אִיךְ • נָאר אָבֶּר בַּייא דֶעם סוֹף • וֶועה בַּיי דֶעם סוֹף הָט זִיךְ עֶס אִין גַאנְצִין אוּמְגְלָאזְט • שׁוֹן נַיינְצִין יָאר • אַז אִיךְ בְּלָאנְקֶע מִיךְ אַרוּם אִין אֵיין פְרֶעמְד לַאנְד • אוּנ דָארְט אִין דֶער הֵיים הָאט דָאס פַייעֶר פַּר בְּרֶענְט מַיין הוֹז • מִיט מַיין ווַייבּ מִיט מַיינִי צְווַייא

קונדר

קונדר • אזו מיין הארץ ווייגט אין מיר • אז איך רעד דר פון • נאר וואס זאל איך פר הולן מיין נאמן פון דיר • אוב דוא האסט געהערט דעם נאמן דער העער יורם • זעה וויא ער שטייט אקעגן דיר מיט איין פאר ביטערן הארץ :

וויא עמנון האט עס פון אים דער הערט • איז ער זייער אנצוטערט געווארן • ער האט בארועט יורמן וואס עס איז פון דעם הוכן הימל אין דער טיפר ערד ארפ גפאלן • אונ דא ווידר איז ער אנצוטערט געווארן פון דעם נאמן יורם • זיין פיינד עזריקמס טאטע :

וואס שטייסט דוא אזו דר שראקן אונ פר וואונדערט • האט אים [illegible] גפרעגט • דר מענטש איז זיך נאקט גבוירן אונ דם גלוק אונ או[illegible] געוועגט זיך אין גאט • וועמן ער וויל • דער הייב[illegible] ער אים • אונ וועמן ער וויל ווארפט ער ארפ :

ביא די ווערטר האט עמנון גזיפצט • אונ האט גזאגט • וויא קליג זענן די ווערטר פון מיין גרובטר • וואס זיא האט מיר גזאגט וויא איז פאראנגן אמענטש וואס ער זאל זעהן לעבן מיט טוט אין איינם • אונ זאל ניט ווערן ביא זיך ארפ גפאלן • אוך אצונד זעה איך אין איינעם דעם הימעל מיט דער ערד • וויא זשע זאל איך ניט שטיין פאר וואונדערט • דוא ביסט עס דער העער יורם • דיא ווס דיין נאמן קלינגט אין ציון • דא האט זיך יורם מיט אים שון באקאנט שאפט גמאכט • אונ האט גפרעגט אוף ידידיהן • אוף זיין זון עזריקמן • אונ אוף אבישין מיט סתרין • אונ עמנון האט אים דר ציילט מתנם סוף • וואס ער האט גהאט • אונ אז ער ה[illegible]ט אים אן גהובן צוא דער ציילן פון ידידיהן • האבן זיך אים דיא טרערן גשטעלט אין דיא אוגן • אונ דאס איז ביא יורמן זייער אומיגר גוועזן • נאר ער האט אים דארוף ניט גפרעגט :

וויא זייא שטייען אזו אין וויינן • איז דער ווירטה פון דעם גארטן אן גקומן • אונ האט זיך צו יורמן אן גרופן • אט [illegible]ארוף האב איך דיך גמאכט פאר איין אוף זעהר • זאלסט זייא אפ שלאגן פון דער ארבייט • ווארט • פון דיר וועל איך דיא ארבייט מאנן • דוא וועסט זיא מיר מוזן צוא שטעלן • דא איז יורם אוועק גגאנגן צוא דער ארבייט • אונ עמנון האט זיך אוך אום גקערט צו זיין ערשטער ארבייט :

אוף דעם אנדרן טאג איז עמנון גאנץ פריא אוף גשטאנן • אונ איז גגאנגן אין גארטן ארייין צוא זיין ארבייט זייער פאר זארגט • ווארום ער האט זיך גפילט זייער מאט אונ אן כח • דר מארגן איז גוועזן זייער שיין אונ לוטר • נאר גיך אבר הט זיך אוף גהובן איין שטארם ווינד •

אונ

אז דר הימל איז גווארן מיט פינסטערי וואלקן אן גקלעבט • אונ עמנון האט פון דער הייך פון דעם בארג ארוף גקוקט אוף דער זון • זייער פאר ווינדערט אונ צוא מישט • אונ האט מיט הייסע טרערן אן גרופן :

קיניגין פון דעם טאג • דיא טייערי זון אמתר עדות פון דער ליבע וואס איך האב גשלאסן מיט תמרן • מייני אוגן אוך תמרס קוקן ארום אוף דיר אין דער צייט • אקייגן דיין לעכטונגן שיין • גייט זיא אצונד ארום אוף דעם אעל בארג צוא באטראכטן דיין ארום גאנג • טייערי זון • ברענג מיר האפנונג אונ דיין שיין • אונ אבאלזאם מיט דייני שטראלן • מאך מיר אצונד הערן דיא זיסע ווערטער תמרס • ווי בשעת זייא זענן ארום גגאנגן פון אירע רוזן ליפן • האף עמנון • ווארום האפנונג איז בעסר פון לעבן :

ברענג אוף דיין שיין אוף ציון דער היילגר שטאט • אונ מיט אים מיין גרעכטיקייט אקייגן תמרן • ווען איר צארן ברומט נאך אין מייני אוערן • אונ גאט וויל מיר מיין פינסטערניש ניט דער לייכטן צו וואס זשע טוג מיר דס לעבט פון דער זון • אונ דיין שיין זעה איך ארום מייני צרות וויא דורך אשפיגל • הער אוף זון צוא לייכטן באהאלט זיך אין אפינסטערן גנעבי (וואלקן) • אזו וויא עס האט זיך אוף געהערט מיין גליק • אונ אזו וויא עס האט זיך באהאלטן מיין זון פון דעם לעבן • פאר לאשן ווערן דאס לעכט פון דער לבנה • פון דיא שטערן • אזו וויא עס איז טינקל גווארן מיין לעכטיל פון הצלחה • פון דעם הימל לאז אראפ רעגנען שוועבל שטיינר אונ עס זאל מאכן איין עק פון דער גאנצער וועלט • איין עק פון פרייד • פריינד שאפט זאל פר וואנדעלט ווערן אין פיינד שאפט אונ פרייערן צוא ליידען • אונ דיא גאנצי וועלט זאל גיין צוא גרינד ווארום צוא גרינד איז גגאנגן דער פינדמענט • דרובר דארפן דיא זיילען אום פאלן • וואס איז דער פינדמענט פון דער וועלט • ציון • וואס זענן דיא גרינד זיילען פון דער ערד • ירושלים • דרובר אצונד אז ציון איז דער שלאכט חרוב גווארן • צושטערט איר הימלן • ברעך זיך איין ערד • אזוי ויא פיל גהארגיטע וואלגערן זיך ארום אין ציונס גאסן • צוא טרעטענע קונדר נעביך פון דער מוטערס ברוסט • דאס לויטערי וואסר שילוח איז רויט פון יודיש בלוט • אוך אפילו דיא לבנה אין דעם הימל איז רויט גווארן • אוך אהין האט גשפרוצט דאס אום שולדיגע בלוט • אזוי ציון • היילגע ערד • דער פיינד האט גנוג גידעסטורייעט אין דיר • שולדיגע אונ אומשולדיגע ערליבע אונ אום ערליבע האט ער אום גבראכט • דער

בראך

LIBRAR

בראך פון גאט קוקט ניט צווישן גוטץ אונ צווישן שלעכץ • עס מאכט ניט קיין אונטער שיד צווישן ערליך אונ אום ערליך • אזו וויא אביינעם קערט עס אפ אין גאנצן :

וויא לאנג ער איז גשטאנן אונ הט גרעט • איז יורם גשטאנן אונטער אים אונ האט אים ניט גוואלט איבר שלאגן אין מוטן • אונ עמנון הט אפאר מינוט גשוויגן • דר נאך הט ער זיך ווידר מיט ביטערי טרערן אונ מיט הייסע גדאנקן אן גרופן • אוי טייערי מאמע • אוי גטרייע שוועסטער • וויא האב איך אייך איבר גלאזט • וויא אהין וועט איר קומן . גייט ארוף אוף דעם הייליגן בארג אונ פאר גיסט אייערי טרערן אוף דעם פאר שטערטין אלטאר (מזבח) :

גיך גייט אוף • ווארום די שווערד וועט אייך גרייכן • בלייב שטול. בלייב שטול שטארעמדיג וואסער . עפיס גשרייען פון ווייטען קלינגען אין מיינע אוערן • גשרייען פון דעם אעל בארג אראפ . וועה • דארט זיצט מיין לעבין • מאך הערין דייני זיסע שטומן • תמר מיין איינציגי טויב . וועה • מען הערט שון קיין איינציגע שטומע • פון גאנץ ווייט ריף איך דיך • אונ דוא ביסט דורך גווייגט מיט בלוט . אונ מיט דיר וואלגערט זיך אוף תימן אין זיין בלוט . שעם זיך דוא זון • אוף וועמן וועסטו דייני שטראליןווארפין . שטייא אוף שוועסטער • לאז מיר אין איינם פאלן צווישן דיא הרוגים • אונ לאמיר אונזר בלוט צווישן זעהרס אום מושן . דאס לעבן האט אונז צו שפרייט דער טוט ווידר לאז אונז אין איינם צוא נויף נעמן • אונ מוטין איז ער שטול גבליבן • ער האט מער קיין כח ניט גהאט צו רעדן • אונ איז אנודער גפאלן אוף דעם גראז וויא טוט • וואס ער איז אונטער אים גשטאנן . האט ער אים אן גנומן בייא דער האנד אונ האט גזאגט צו אים :

מיין הארץ וויינט אוף דיר קוקענדיג טייער יונגל • קום וועל איך דיך אנודער לייגן אוף דעם בעט • ווארום וויא איך זעה האבן דיך דיא צרות קראנק גמאכט • מייני טרערן רינן אוף דיר . טייערי רוז • פאר שאלטן זאלן זיין דיא מענטשן וואס האבן דיך פון דער ערד ווי דוא ביסט גפלאנצט גוועזן • אום גרופן . בייא דיא ווערטער האט ער אים גנומן אונטער דיא הענד אונ האט אים אריין גפורט אין דער אלטאנקע פון דעם גארטן :

אונ עמנון • אז ער האט זיך אביסל דער מונטערט • אונ האט דער זעהן יורמן לעבן אים שטיין • האט ער זיך צוא אים אן גרופן • ער בארם זיך אוף מיר • מיין הער • ווארום איך בין אומגליקליך :

זייא רוהיג • מיין קונד • האט ער אים געענפרט • אזו וויא מייגעם

אזון

אזן וועל איך דיך היטן שטענדיג · ביז דוא וועסט גזונד ווערן :

27

דער מרה שחורה דיקער חלום

דיא גאנצי צייט האט תמר דורך דיא נעכט · אונ דורך דיא טעג גקלאגט נאך עמנון · אום פערצעהין פון דעם חודש איז סתרי אריין גקומען צוא תמרן אונ האט זיא דער וויסט זוצן אונ וויינען אונ ברעכן דיא הענד · וויין בעסר אוף דיא איין וואגער פון דער שטאט · האט ער זיך צוא איר אן גרופן · ניט אוף עמנונן ווס ער זיצט זיך אצונד רוהיג אין אפרעמדר לאנד :

עביג · עביג · האט אים תמר געענטפערט מיט גרוס גוויין · עביג וועל איך זוצן אונ קלאגן נאך דעם · וואס ער איז אוועק פון מיר · אונ וועט זיך שון מער ניט אום קערן · וואס וועט דיר העלפן דיין וויינן · האט זיך אוך ידידיה צוא איר אן גרופן · ווען ער איז צו איר אריין גקומען אין קאבינעט · וואס וועסט דוא פולן מיט דיין קלאגן · וועלן דען דייני טרערן אוף וועקן דעם וואס לוגט אין דעם אייביגן שלאף · מיר צוא אים וועלן יאה מוזן גיין · אבר ער צו רוק צו אונז · קיין מאל · וויין בעסר אוף דיא לעבידיגע · וואס זייא אטעמן נאך · ניט נאך דעם טויטן · וואס באטייטן דייני ווערטר · ידידיה · האט אים סתרי גפרעגט · זייער פר וואונדערט · אונ זייער בלאס :

טוט יאה · טוט איז עמנון · הט ער אים גענטפערט קאלט בלוטיג : נעביך אזו יונג איז ער פון אשורם הענד גטייט גווארן · געכמין איז אהער גקומען איין אנטלאפענר פון דארטן · האט ער אונז דער צײלטי אז אלי גרעכטי לייט פון ציון זענן גפאנגן · אונ צווישן זייא איז גוועזן איין יונגל · שיין וויא דיא זון זייני לאקען זענן שווארץ · וואס מען האט אים מיט אשווערד זיין יונג לעבן צוא גנומען · אונ וויא ער מאלט אים מיר אוס · איז דאס גווים עמנון · נאר ער איז זיך אבר ניט איינר ניט נאר ער אליין איז גטייט גווארן · עס זענן זיך מיט אים וויא פיל אנדרי גטייט גווארן · פר וואס זשע דען ווייגסט דוא נאר נאך איינם פר געם שון אין דעם · וואס דיא גריב איז זיין אייביג גצעלט · וועסט אים שון מער ניט זעהן :

ווער ווייסט · האט זיך סתרי צו אים אן גרופן · טאמיר איז דאס גאר איין אנדרר · ניט עמנון · נאר איינם פון דיא צווייא · איז ער

טוט וואס וועט דיר העלפן דיין וויינן · לעבט ער נאך איז זיך נאך דא האפנונג · אז ער וועט צוא רוק קומן ; הער אוף צוא וויינען · האב האפנונג אוף גאט · אונ פאר געס אין עמנון אין אזא שלעכטער צייט · וואס איטליכעם לעבן העננגט אוף אהאר :

זיין · גיין · האט אים תמר געענטפערט אונ האט גזופצט · עביג וועל איך אים ניט פאר געסן אין דער שלאכט · ניט אין אפרייליכן טאג · אוך אפילו ניט אין דעם שלאף וועל איך אין אים פאר געסן · אוי אז איך דער מאן מיך אין דעם ביטערין חלום וואס איך האב גהאט · צוטערט אוף מיר דאס לייב ; הערט וואס איך וועל אייך דר ציילן :

נעכטין בייא נאכט · בין איך מיר מיט איין פר ביטערט הארין אוף גגאנגן אוף מיין געלעגר · אונ בין דיא גאנצי נאכט געלעגן אין איין צוריסענן שלאף · האב איך גזעהן וויא דר מלך גייט מיט דר שווערד אין דר זייט · אונ דאס ביסל מילטער וואס זענן אים גטרייע גבליבן · רינגלן אים ארום · אונ האבן זיך אפ גשטעלט אין דר מארגן זייט אונ חזקיהו האט זייני אויגן אוף גהובן צום הימל · אונ האט טייכן טרערן פר גאסן · אונ פון זייני ליפן זענן ארום גגאנגן דיא ווערטער פון דעם הימל קוק אראפ גאט · וויא דער יודישער קיניג איז פר װאגעלט פון זיין טהראן (כסא המלוכה) אונ פון זיין רעזידענט שטאט (סטא״יצע) · מיט זיין ביסל מילוטער · גיין אין דער שלאכט אקעגן אשורן · וואס זיין פאלק איז וויא דיא שטערן אין הימל · אוף דיר גאט · אוף דיר לאז איך איבער דיא שטאט · שיטץ זיא מיט דייני פלוגל · בייא דיא ווערטער איז גווארן צווישן דער גאנצי פארטיע אגווין · אונ מיט וויינודיגע שטומן האבן זייא זיך גיזעגינט מיט דר היילגער שטאט ציון · אונ פון צווישן דעם חיל · איז צוא גקומן צוא מיר עמנון רייטענדיג אוף איין פערד · וואס דעם לייבם פעל איז אוף דעם פר שפרייט גוועזן · מיט דער שווערד אין דער זייט · אזו וויא דער העלד אין דר שלאכט · אונ פון זייני רויזן ליפן זענן ארום גגאנגן עטליכי געציילטע ווערטער · אדיע תמר · אדיע מיין געליבטע · אוך דער טוט וועט אונז ניט צוא שיידן · אונ איז גיך אוועק פר שרעק זענן מייני ליפן גווארן צו גשלאסן · איך האב גוואלט שרייען · האב איך אבר ניט געקענט · ווען דאס חיל איז אוועק גגאנגן · האבן זיך ערשט מייני ליפן אוף געפונט · דא האב איך אן גהובן צו שרייען · אוי מיין געליבטער · וויא אהין גייכטו דוא אוועק · וויא אזו טרעסט דוא איבער גאטס גיבאט · דוא האסט זיך נאך מיט מיר ניט חתונה גהאט · וויא אזו זשע טארסט דוא גיין אין דער מלחמה אריין · איך האב געשריגן · אונ קיינער האט מיך ניט געהערט · פון דארט

בין איך ארויף גגאנגן אויף דעם הויכן טארים · אונ האב געזעהן דס גאנצי מיליטער אשורס פון ווייטן · אונ האב גהערט זייער ברומן וויא דיא לייבן · מיט שרעקן בין איך דארט גשטאנען · מיין הארץ האט גוויינט קיקעניריג אויף דעם יודישן מיליטער · וויא זייא שטייען גגעביך זייער ענג · דיא שלאכט האט זיך גשטארקט איבער דיא יודן · אונ טויזענדר זענן גפאלן · וויא פליגן אויף דעם שלאכט פעלד · פלוצום איז גווארן אגשרייא צווישן דעם שונאס פארטייע טריאמפה · טריאמפה · (נצחון) דער יודישער קיניג איז גפאנגן · אונ דיא איבריגע זענן ווי דיא שטילע שעפעלך זיך צוא לאפן · אונ אשורס חיל זענן זייא נאך גלאפן וויא דיא ווילדע לייבן · שטייט אויף קיין ציון · אונ צונט אן איין פייער · אז זאלט איר מאכן פון דר גאנצר שטאט · אונ צווישן דעם ביטערן גשרייא · האב איך געזעהן עמנונן לויגן צוא טרעטן אין מיטן דר גאס · אונ האב איך גהערט זיין קרעכצן פאר דעם טויט · אט דא האב איך מיר גטראכט · איך וועל אראפ שפרינגן פון דעם טארים · אונ מיין לעבן זאל ווערן אין איינם מיט זיינעם צו גנומן · אונ טויטן אבר האב איך מיך אויף גכאפט · אונ האב געזעהן אז עס איז נאר אחלום · נאר אבר אזא חלום וועה · אז איך דער מאן מיך · גרולט מיר נאך דאס לייב · איך זעה אז גאט וויל מיר נאר ווינדר טאן · ווארום זינט איך האב עמנונן דער קענט · איז מיין פרייד · אונ אויך מיין לייד אנדרש וויא ביא לייט · הער אויף טאטע · הער מיך אויף צו טרייסטן · אייביג וועל איך אין אים ניט פאר געסן · ניט אין דער שלאכט ניט אין דעם פרייליכען טאג · אוך אפילו אין דעם שלאף וועל איך אין אים ניט פאר געסן :

עט האט זיך כתרי אן גרופן · ביא איר איז דער חלום אזא ווינדר · מיך ווינדערט עס גאר ניט · אזעלכע חלומות טרעפן זיך ברוב אין אזא ביטערר צייט · וואס דיא ערד ציטערט אזש פאר שרעק · פר אחלום דארף מען אזוי ציטערן :

אזוי טראכט איך אויך · האט זיך תימן אן גרופן · ווייל אונזרי הערצר זענן זייער איבר גשראקן פון דער באוויליצע · אונ פון דיא ביטערי גשרייען וואס עס הערט זיך אלי טאג פון דעם טעמעל (בית המקדש) דיא גשרייען פון דיא לוים וואס זייא שאלן מיט דיא טראמפעטן · זינט עס הערט זיך מרידה · דרובר ווייל מיר טראכטן גאנצי טעג פון דעם · שרעקט זיך דאס הארץ אוך ביא נאכט · אבר ווייטר איז דאס גאר ניט קיין שום שרעקן · וואס וועט זיין אונזר טיף · האט בנבאל אים גפרעגט · אונ האט גזופצט · עס איז נאך דא

האפנונג אוף דעם סוף · האט אים סתרי געענטפערט · הער די ווערטער וואס ישעיהו האט אונז געזאגט פון גאטס וועגן :

מיט פייער וועט גאט מלחמה האלטן · ער וועט זיין צארן וויא איין פייער אן צינדן אין דעם גאנצן חיל אשורס · קיין קלאנג פון קיין שווערד וועט ניט געהערט ווערן · פון גאטס געשרייא וועט אשור אנצוטערט ווערן · די ערליכע אבער וועט ער שיצן מיט זייני פלוגל ביז דאס פייער וועט געשטולט ווערן · ביי נאכט וועט ציון צוטערן · אונ דער פריא אבער וועט זיא שון געהאלפן ווערן פון זיין האנד · אלי זאלן זעהן · ווער זייער מיט העלפר איז · געהיילגט וועט זיין יעדר וואס עס וועט בלייבן אין ציון :

אונ אשורס מילטער זענן זיך געלעגן זעבר וויא די לייבן · ארום די טשערדס שאף · ווארום ווער וועט זיך איין שטעלן זייערי שאף צו ראביוון :

די זון איז וויא ארוד פייער פר זינקען געווארן אין דעם ים · זיא האט זיך באהאלטן פאר די שרעקן פון דער שרעקליכר נאכט · אונ די לבנה האט ארום געטרעמן רוט וויא פייער · עס איז געקומן די נאכט · די היילגע נאכט · וואס עס ווערט דער מאנט די וואנדר וואס גאט האט באוויזן אין עגיפטן (מצרים) · נאר אבער וועה · זייער פרייליכע נאכט איז אין צוטערניש פאר וואנדעלט געווארן · די עטליכי וואס זענן געבליבן אין ציון האבן דיך באהאלטן אין די שטובן · אונ האבן געוויינט מיט ביטערי טרערן אוף גאטס צארן · אוך די פריעסטער (כהנים) האבן געקלאגט צווישן דעם אלטאר (מזבח) · ווארום עס איז פר שטערט געווארן יעדר פעסט (יום טוב) דר קיניג האט אוס געטאן די קרון · אונ ישעיהו הנביא האט פר גאסן זייני טרערן מיט די ווערטער זעה ציון · אונזר היילגע שטאט · אונ אלי גאסן הערט מען קלאגן · די טוערן טרוערן · די בערג זענן וויסט · אונ דיין היילגר פאלץ צוטערט · זעה גאט · אונ באטראכט אונזר היילגע שטאט :

נאר שרעקן פון וויינען · אופן ארט פון זיך פרייען :
ווערן געהערט אין דר גאנצר שטאט :

שטייא אוף גאט · אונ גייא אונז צו הילף · אזו וויא דו האסט אונז אין דר צייט פון עגיפטן באפרייעט :

וויא פורכטליך איז גאט · אז ער שטייט אוף זיך נוקם צו זיין · אונ וויא גרוס איז ער · אז ער באקלייד זיך מיט זיין נקמה קלייד · ער טוט נאר אוויגק · אזו צוטערן די הימלן מיט דר ערד · פר זיין אטעם פון דעם מול איז דאס וואסר פר גליווערט געווארן וויא אמוער · אונ

אצונד אין דר צייט איז ער גקומן מיט אשטורם . אונ זיין צארן וויא איין פלאם פייער . דיא מלאכים (ענגעל) פון דעם הימל זענן אראפ גפלוגן אויף אשורס מילטער . אונ מיט זייערי פייעריגע פלוגל האבן זיי עס אין גאנצן פר ברענט . גיך זענן זייא איבר גגאנגן . אונ האבן איבר גלאזט נאך זייא אשרעקליכם שטילקייט . איין שלאף פון דעם טוט . אונ איין מינוט האט דאס פייער אין גאנצן אשורס מיליטער אום גבראכט :

קול האט דר מארגן שטערן אשיין גגעבן . אויף צו דעקן דעם סוד פון גאט . וואס ער איז באהאלטן אין דעם פונסטערן מאנטל פון דער נאכט . נאך האלטן צווישן זיך מלחמה דער טאג מיט דער נאכט . וויסן צוא וועסן עס קער גאטס ווינדר צו דער ציילן . אונ דיא פיקעטן (סטראזשעס) . וואס זענן גשטאנען אויף דעם הויכן טערם האבן זיך צוא גהערט צוא אשורס חיל . זייא האבן אבר קיין זאך פון זייא שון ניט גהערט . דא האבן זייא אן גהובן פון דער הייך אראפ צוא זינגן . שטייא אויף . שטארק זיך . הייליגע שטאט . דייני שונאים זענן איין שלאפן גווארן . גאטס האנד הט אונז ווינדר באוויזן וויא אין מצרים . מען הערט פון זייא קיין שארך . ציון ציון . דייני פיינד זענן גווארן צוא שאנד :

מאך זיך יום טוב . ווארום דייני שונאים זענן שון אויף דער וועלט נישט דא :

דיא שרעקן פון דער נאכט זענן איבר גפלוגן . דיא זון האט מיט גאנץ שיינקייט ארום גטרעטן . אונ אירע שטראלן האבן דר קוויקט אלי באזוצר פון ציון . דער קראנקר איז שון אראפ גקראכן פון דעם בעט . איטליכער צוא ציבראכן גמוט . איז דר קוויקט גווארן . אונ זענן אלע גלאפן אקייגן צוא זעהן גאטס ווינדער . וויא זייא זענן צו גקומן האבן זייא דער זעהן . וויא דאס גאנצי חיל וואלגערן זיך אויף דר ערד ט.ט דא האט זיך איטליכר וויא וויט ער האט גקענט . אן גנומן פיל גיטס פון אשורן :

דיא פר זארגטע שטאט איז ווידר פרייליך גווארן . פריליכי גזאנגן ווערט ווידר גהערט אין איר . פר געסן איז גווארן . קלאגן צום זופצן איז איין עק . אונ תמר איז אויך מיט נעמהן אונ פנינהן צו זאמן גגאנגן אין טעמפעל אריין . אונ האט דיא ווערטר פר גאט גבעטן . איך בעט דיך גאט . ווינדערליכר גאט . שיק מיר צוא רוק עמנונן . לאז ער זיך אויך פרייען גלייך מיט דיין ליב פאלק . טרייסט אונ אויך . האט נעמה מיט פנינהן גשרוגן . טרייסט אונז . דוא גאט וואס דוא שיקסט

אטרייסט

אטרייסט צוא ציון :

אונ תרצה איז צוא זייא צו גקומן · אונ האט זיך אן גרופן · האפט אוף גאט · ער וועט אונז נאך אוך עמנונן גווים צו שוקן :

אונ חזקיהו האט צו נוף גנומן דיא איבעריגע גפאנגענע פון מצרים · וואס זייא זענן גגאנגן אשורן צוא היף · אונ האט צוא זייא גזאגט · איר זענט אצונד פרייא פון אשורן גוואורן · ער וועט אייך שון מער ניט צווינגען · נאר עס איז אצונד ניט דיא צייט פון צו דר צייקן גאטס וואונדר · ווען דיא הימלן מיט דער ערד זאגן זיין גרעכטיגקייט · זעהט אונ באטראכט וויא זייא וואלגרן זיך ארום אין דיא גאסן · וואס איז דיר אוונס גשעהן · דוא סטראגר קניג · זו ווי אנאכט רובער האסט דוא זיך אריין גהאפט · אונ איידר דיא זון איז אוף גגאנגן · ביסט דוא פר שווינדן גוואורן · אוך איר חיל העלדן · אזו וויא דיא אדלרס זענט איר פון וויט גפלוגן אהער · קיין מינוט האט איר ניט גריט · אצונד זענט איר פון איין גשרייא פון דעם יודישן גאט איין שלאפן גוואורן · איר ליגט אצונד אוף דער יודישער ערד אין אייביגן שלאף · זעהט אונ באטראכט · איר איבריגע פעלקר · אונ מאכט באקאנט אוף דר וועלט גאטס וואונדר :

נאר אין דיר ציון · האבן זייא אלי מיט אמאל גשרוגן · נאר אין דיר איז דער אמתר גאט · צוא אים קער דאס רעגירונג פון דר גאנצר וועלט · אוסר אים איז קיינר ניט דא :

אוף דר גאנצר וועלט האט אן גהובן צו קלינגן גאטס וואונדר · אלי מלכים פון עק וועלט האבן גשוקט פריזענטן צוא חזקיהון · אוך אפילו צור האט גשוקט זייני פר וואגילטע פר אפריזענט צו חזקיהון איטליכר איז צוא גטאנן צום יודישן גאט · אונ איז קיין ציון גקומן · אוך הדורם איז גוועזן צווישן דיא וואס זענן קיין ציון גקומן · ער האט אפ גטרעטן צוא ידידיהן · צוא פרעגן נאך עמנונן · האבן זייא אים דער ציילט אין גאנצן · וויא אזו עס האט זיך מיט עמנונן פאסירט דיא גאנצי צייט · דא האט הדורם אזש גגאפט · אונ חננאל האט זיך אן גרופן · ווען איינר זאל מיר צוא רוק ברענגן עמנונן · וואלט איך אים מיין גאנץ גוטס אוועק גגעבן · איך בין אום גפארן דיא גאנצי וועלט · האט זיך הדורם צוא אים אן גרופן · האב איך גזעהן וויא עס פארן אלי פר וואגילטע פון ציון שון אהין צו רוק · אונ איך בין פארטיג אין וועג אריין · אצונד וועל איך אוועק לייגן אלי גשעפטן · אונ בעסר אוף זוכן איין מענטשן פון ציון · פיל מער פון פערל · ברילאנטן · אלוואי גאט זאל מיר דארטן צו שוקן עמנונן · וואלט איך אים איבער

גבראכט

גבראכט קיין ציון · ווארום ער איז מיר זייער ליב · אלוואי זאלסט אים צוא רוק ברענגן · האט זיך תמר צו אים אן גרופן · אונ האט זיך דיא טרערן אפ גווישט · אזו וויא דוא האסט אים צוא רוק געבראכט פון נינוה · וויא ווערסט דוא זיך פרייען אזו פיל מענטשן וועלן דיר דאנקן אונ בענטשן פר דיין גוטס :

וויא ווייט מעגליך האט ער אים גענטפערט · וועל איך שון זעהן וואס צוא טאן · אונ דוא תמר בעט גאט ער זאל מיין וועג באגליקן · ער הט זיך מיט אלי אפ געזעגנט · אונ איז אוועק גפארין אין וועג ארין :

28

דער בריעף

שון צוויא חדשים אז עס האט זיך אוועק גרוקט סנחריבס מילטער פון ארום ירושלים · אונ תמרס האפנונג איז אלי טאג מער צוא גרונד גגאנגן · נאר צרות אונ עגמת נפש האבן זיך ביא איר איין געסט אפ גקלובן · אונ אויך תימן אז ער האט געזעהן · אז אויך זיין ארום קוקן אויף פנינהן איז אומזוסט · האט ער אויש פר צרות ניט געקענט וואהנן לעבן איר · אונ זיין ווייט פון איר הארץ · ער האט זיך איין קוואטיר אפ גנומען ביא סתרין אין דארף · אונ תמר איז געזעסן אין דער זימר סאליע מיט דער נייער דינסט (פועה) · וואס ידידיה האט געגעבן צוא באדונגן · זיא פלעגט איר תמיד אום רעדן · אונ טרייסטן זיא נאך עסנונגן · תמר אבער פלעגט איר שטענדיג איין ענטפער געבן · הער אויף פועה · הער מיך אויף צוא טרייסטן · דוא צונדסט נאך מער אן דאס פייער פון מיין הארצן · איין איינציגע ביסט דוא מיר · האט מיר מיין גלובטר גזאגט · פון דער צייט אן איז ער אויך ביא מיר איינר · קיין אנדרר איז אויף דער וועלט נישט דא · אומזוסט איז דיין טרייסטן · דוא גיסט נאך צו בוימל אויף דעם פלאם פון מיין ליבע :

אזו איז אוועק דער זימער · אונ צוא איר קלאגן איז גאר קיין עק · גאנצי טעג פלעגט זיא ארום גיין אויף דיא אלי ערטר וואס זיא פלעגט מיט איר גלובטן ארום שפאצירן · אונ דאס אלס האט איר נאך מער טרויערקייט גמערט · אז זיא פלעגט זיך צו קוקן צוא יעדן ארט · וואס איר גלובטר האט איין מאל ביא דעם אוויזיט גמאכט · פלעגט זיך דאס פייער אין איר הארצן מער צוא פלאמן · איין מאל פלעגט זיא אים זעהן אין גילדענם חלום · דאס האט איר שון דעם מארגענדיגען

טאג

טאג שמערצן גמאכט. איין מאל ווידר פלעגט זיא האבן אצורידירטן שלאף · אונ מחמת איר גרוס טראכטן · האט זיך איר אלי מאל אוס גוויזן וויא זיא הערט איר גליבטענס קול פון צווישן דיא אעל ביימר · דא פרעגט זיא גיך אוף וועקן פועהן מיט דיא ווערטר · מיני אויערן פר נעמן דאס קול פון מיין גליבטן :

וויא פועה האט זיך אבר צו גהערט · איז גאר קיין קול ניט גוועז · אונ פון דעמאלס אן פלעגט זיא זיך שון ניט וועלן צוא הערן צו אירע נארישע חלומות :

אום פופטען טאג ראש חודש אלול הט תמר גפונן דעם בריף ווס עמנון האט איר גשוקט פון בית לחם · אונ וואס ידידיה הט אים פאר איר באהאלטן · זיא איז איינע אליין אריין גגאנגן מיט אים צווישן דיא אעל ביימר . אונ האט אים אוף געפונט אונ האט גליינט :

—דען—טען—

1

פעלדער בית לחם · מיין
יוגענד באוואנונג :
דורך אייך האב איך דם פאר
מיין באלונג :
אליבן אנדענק פון חן ליבע
אונ מארד ·
וויא ביטערי קרייטר הט מיין
ליבע גבלוט ·
פון דענסט מאל אן האט מיין
הארץ ניט גריט :
אומגלוקליך אומגלוקליך איז
מיר יעדר ארט :

2

וויא אפלאם פייער האט מיין
הארץ גברענט .
זינט איך האב זיך מיט דיר
דר קענט :
ביסט גוועז אבאלזאם צוא
מיין גמוט .
אט דאס האב איך גמיינט
איז מיין בעסטר טייל ·
אוי איילענדער · עס וועט זיך
אום לאזן פייל :
אוי מיין שיין האפנונג האט
אפ גבלוט :

3

אונ מיין יונגר צייט האב איך
גזעהן שינות :
שלאנגן פריינד האבן אוף
גזוכט מייני מינים :
אונ דוא תמר האסט מיך אוך
גהאסט :
פון דער גאנצר וועלט איז
גוואָרן איין עק ·
מיין פרייליכע נאכט האסטו
פערוואנדעלט אונ שרעק :
איך בין דיר גוואָרן צוא איין
שווער לאסט :

נא־

4

נאך איידער מיין גליק איז
געוואָרן אַסטריוואַגע ·
מיינע פריינד האבן אויף מיר
געקוקט סטראַגע :
פאר וואס אבער · פאר מיין
וואָשנער זינד ·
מארד אונ טוט · איר ליבן גרובער ·
פון אזא ליבע איז מיר אלין ליבער :
אוי · איך אומגליקליכער · איך
גייא צו גרינד :

5

פאר געסן זענען געוואָרן מייני
יונגע חסדים ·
שמיטציגע הענד האבן צוא
שמאלצן מיט גילדערנעם פאדים :
מייני גדאנקן רושען · מיין
גבורה שרייט ·
וויא זיס האט דער פריהלינג
פר מיר געשיינט ·
אונ וויא מיאוס איז געשעהן דער
ווינטער היינט ·
ענטבלאס · טוט דיין שווערד
פארטוג צום שטרייט :

6

דיא גאנצי וועלט שטייט איין
צוא פאלן ·
פר מיר זענען פאר שטעלט דיא
לעבטיגע שטראלן :
וויא אהין קען איך בלאנקן
אין פינסטערן וועג ·

אונגע זוארטען אומירים
ברענענדיגע צינגען ·
מיך צו דר טאפן · אונ איין
צוא שלינגען :
זייא לאקערן אויף מיר גאנצי
נעכט גאנצי טעג :

7

פארענט איז שרעקין מורא פון
אונטן ·
לינקס איז שלעכטס · רעכטס
שטערם ווינטען :
וועלכע זשע וועג וועט מיין
הארץ קענען שטולן ·
דיא ערד ברעכט זיך איין אין
יעדן טרוט ·
אונ יעדן ארט איז איין נעץ פר
שפרייט :
דאס קלאפוריא פון צונגן וויא
ליבן ברילן :

נאר אין דער גריב · אונ דעם
וויסטן לאנד ·
וועל איך שון ניט ליידן אזא
גרויסע שאנד :
פון פאלטשע מענטשן וואס
זענען אום גלייביג :
נאך איין מאל הער צוא פון
ווייטע ערמער ·
תמר מיין גליבטע · עטליכע
געציילטע ווערטער :
אדיע תמר · אדיע אויף אייביג :
עמנון דר פר טריבענער ·

גנוג פר מיר גאט · האט תמר געשריגן · אונ האט אירע אויגן צום
הי..ל

היסר אוף גהובן · גנוג פר מיר צו קלאגן אין דר היילוגר שטאט ציון
עמנונם זעלע האסט דוא אוועק גרוסן · נעם אוך מייני צוא וועט זיין
איין עק פון קלאג אין ציון · דא אוף דעם פאפיר איז אום גנאסן עמנונם
ביטערי טרערן · אוי דיא טרערן רינן אונ נעצין דורך מיין הארץ · וויא
ליב האסט דוא מיר אום גזעהן ציון · ווען עמנונם זיסע שטומן האבן
דיך באלעבט · אונ וויא אזו זעסט דוא אבר אצונד אום · אזו וויא איין
וויסטער טאל · אונ איך וויא דר שטום פוגל (דאס איז אזא קלאג פוגל ·
וואס ער זיצט אין דער וויסטע אונ קלאגט) · קלאג אין דיר טרויעריג
צוא מאכן יעדר פריילך גמוט · נאר אבר נאך עמנונן וועל איך שון
אין דיר לאנג ניט זיין · זיין ליבע ברענט אין מיר וויא איין פייער ·
אלוואי איך זאל קענן דאס פייער אן שוקן אוף דער ערד · וואס זיא
וועט זיך איין שטעלן עמנונם בלוט איין צוא שלונגן · נאך שטייט זיא
אזו אונ רעט צו זיך אליין · אין ידידיה צו איר צו גקומן · אונ הט זיך
צוא איר אן גרופן · שון אזא צייט איז אוועק גגאנגן · אונ דוא קלאגסט
אלץ נאך עמנונן ביסט דר ווידר דייני עלטרן :

פר וואס אבר האסט דוא פר מיר אזא צייט דעם ברוף באהאלטן ·
האט אים תמר גענטפערט מיט גרוס גוויין · ווען איך זאל אים געווען
דעמאלט לייגן · וואלט שון לאנג איין עק פון מיין לעבן געווען · אונ
דוא וואלסט שון פר שפארט · איך זאל דיר דר ווידער זיין :

האף נאך · מיין טאכטער · צוא גאט · האט זיך ידידיה צוא איר אן
גרופן · ווס (יעקב) האט גרעכינט יוספן צווישן דיא טוטע · דער נאך
אבר איז ער געווען אלעבנס קוואל צום גאנצן הויז גזונד דרובער האף
צו גאט ; וועסט דוא נאך צו רוק באלעבט ווערן :

הער מיך אוף צוא טרייסטן · האט תמר גשרוגן · פר מיר איז פאר
שטעלט יעדר טרייסט · אומזוסט איז מיין האפן · איך וועל כסדר
(אומער) זוצן אונ קראגן · אונ דאס וועט אפשר מיין טרייסט זיין :

29

קול דודי הנה זה בא מדלג על ההרים מקפץ על הגבעות :

שיר ב ח

איטליכע זאך מוז האבן איין סוף ·
וויא בומעל אופען וואסר קומט אלם ארוף :

אונ ידידיהם מנהג פלעגט זיין פון איין לאנגער צייט · אז ווען ער

האט שון דיא תבואה אין שטוב אריין געבראכט · אונ אלי ארבעטן זענן שון געווען געקאנטשעט · פלעגט ער צו זאמן רופן אלי פריינד אין זיין זימר סאליע · אונ הט גפראוועט איין סעודה · אונ דר נאך פלעגט ער זיך ווידר איבר טראגן צו זיך אין דיא דורות · ביז עס האט זיך ווידר באנייעט דער פריהלונג · אוך אפילו דאס יאר · וואס עס איז ניט געווען קיין שנוט · (ווארום דער הונגר האט זיך געשטארקט איבר דיא מלחמות) האט ער גמאכט איין סעודה פון זייני פריינדס וועגן · נאך דעם האט זיך ידידיה אן גרופן צו תרצהן · אונ דר גאנצר שטאט איז היינט דיא פרייליכסטע צייט · איטליכר קומט פון גאנץ ווייט קיין ציון אוף דעם הייליגן לוב הייטע פעסט (סוכות) נאר ביא אונז אין שטוב איז פר שטערט יעדר פרייד · דרובר האב איך מיך באדענקט · איך זאל צוא נוף רופן דיא שענסטע יונגלך · פון ציון · אונ דיא שענסטע יונג פרויען (מיידליך) טאמר וועט זיך אפ שיידן פון תמרן דאס טרויעריקייט · אז זיא וועט זיך צוא קוקן צוא דיא יונגלך · קען זיין אז זיא וועט שון פר געסן אין עמנונן :

ווייס אבר · מיין ליבר מאן · האט אים תרצה געענטפערט · אז איין פרויען צוטר איז ניט אזו וויא איין מאנספארזאהן · איין פרויען צוטר האט פיינט אוף אסך זיך נאך צוא קוקן · זיא קוקט זיך נאר צוא איינעם · אונ אז דער איינר איז אוועק · אזו וועט זיא שון שטענדיג זיצן אונ קלאגן נאך אים · נאר פון דעסט וועגן פריו אפשר וועסט דוא עפים פולן דר מיט :

אוף דעם אנדרן טאג איז סתרי מיט תימנן אן געקומן פון דעם דארף · אוך אבישי איז געקומן פון בית לחם · אונ אלי ציונס קונדר האבן זיך פאר זאמלט צוא ידידיהן אוף איין מאל צייט וואס ער האט געמאכט אוף נעמה מיט פגינהן זענן איין גלאדען · אונ האבן זיך אלי צום טיש גזעצט :

זייער פרייליך איז דארט געווען · דיא יונג פרויען האבן שון גזונגן · אונ דיא שענסטע יונגלך האבן געשפולט אוף הארפען · נאר אבר דאך איז דיא פרייד געווען צוא מישט מיט לייד · אונ דאס גזאנג מיט טרויעריגע שטומן · ווארום תימן האט דר פילט דעם ריח פון זיין רוז · דרובר איז ער געזעסן דעם קאפ אראפ געלאזט · אונ תמר איז אריין גגאנגן צוא זיך אין קאבינעט אונ האט אן געהובן צו וויינען · וויא פיל יונג פרויען עס האבן זיא געטרייסט · האט זיא אלץ קיינם ניט געוואלט הערן · אוף אירע עדלע באקן האבן זיך געקאטשעט דיא טרערן וויא איין שטראם :

תמו

תימן אונ פנינה האבן זיך אויך ניט גקאנט איין האלטן פון גוויין · אויף זיא קוקענדיג האט אויך נעמה אונ תרצה גוויינט · הכלל זיא האבן זיך אזו דעם גאנצן טאג פאר בראכט · דער נאך האבן זיך דיא געסט איינציג ווייס אן גהובן אפ צוא רוקן · נאר נעמה מיט פנינהן האבן גגעבטיגט אין דער זומר סאליע · אונ סתרי · אבישי · ידידיה חננאל · אונ תימן האבן זיך אויך צו גלייגט שלאפן :

אונ פועה (תמרס דינסט) הט אלץ אום גרעט תמרן · וום קלאגנדיג דוא מער פון אלי · דעם אייגענם ווייטוג לייד זיך תימן אויך מיט פנינהן · פאר וואס זשע קלאגסט דוא מער פון זייא · זעסט זיך · אז נעמה · וואס זיא איז עמנונס מיט פנינהם מוטר · פון דעסט וועגן לאזט זיא זיך עס ניט צו צום הארצן :

זיא האט דאך אדר צווייא קונדר גבורן · האט איר תמר מיט גרוס גוויין געגנטפרט · וויא וועט זיא זיך ניט אין איין קינד פרועץ · איך אבר האב נאר איינעם זיך אום גקריבן · אונ ווען דר איינר איז אבר ניט דא · וויא איז אויף דר וועלט דא אזונס וואס עס זאל מיך טרייסטן קענן נאך מיין ווייטוג · טוזענדר מענטשן קומן אן אלי טאג קיין ציון נאר אבר דער איינר פעלט נאך · איטליכר לאז זיך פרייען · איך אבר דארף זוצן אייביג אונ קלאגן · מייני אוגן זאלן ניט אויף הערן צו פר גיסן טרערן :

אזו האט איר תמר גזאגט מיט גרוס זיפצן · בשעת דאס גאנצי הויז גזונד זענן גלעגן אין רוהיגן שלאף · זיא אבר האט קיין אונ ניט צוא גטאן · דיא גאנצי נאכט האט זיא פר בראכט מיט גוויין :

אונ דיא באזוצר פון ציון זענן אויף גשטאנען גאנץ פריא · אונ האבן זיך צו שפרייט · אונ דיא טאלען · אונ לעבן דיא טייכליך צוא שנייצן (הדסים) אויף דעם היילגן יום טוב (סוכות) · דיא נאכט שטערן האבן אן גהובן טינקל צו ווערן פון דעם שיין פון מארגן שטערן וום ער הט גגלאנצט וויא גשמאלצן גאלד · אונ דיא מארגן זייט איז רוט גפארבט דעם העלן פייער וום דיא זון הט גווארפן איידר זיא הט ארוס גטרעטן · דיא טייכלך וום זענן צווישן דיא הויכע בערג · האבן אום גוויזן פון דר זון וויא גדינטע בלעכן גאלד · אונ גרין פון דיא בערג וום זענן ארום · אויף דער בלאווער קאליער פון דעם קלארן הימל · אונ דר גלאנץ פון דיא מארגן שטערן וום זענן גוועזן אין אים איין גפאסט וויא בריליאנטן ·

דאס אלץ האט זייער זיס אום גזעהן אויף דיא טייכליך · דער אדלער הט אויף גוועקט זיין נעסט · אונ אלי פייגלך האבן גזונגן זייער זיס אונ ליב · דיא גאנצי געגענד · איז זייער דער קוויקט גוועזן :

גאנץ פריא איז ידידיה אויף געשטאנען און איז גגאנגן אין טעמפעל (בית המקדש) אריין · און תימן מיט סתרין זענן אוועק גגאנגן שניידן הדסים לולבים אויף יום טוב · נאר תמר וואס זיא איז מיד געווען פון גרוס געוויין · האט זיך ערשט דעמאלט אנודער גלייגט פאר זארגט אויף דעם גלעגר · קום האט זיא נאר דיא אויגן צוא גמאכט (נאר אבר ניט צו אונא פר זארגטע איז זיכו דר שלאף · זיא שלאפט · איהרע אויגן זענן פאר מאכט איהרע אויערן אבר הערן זיך צוא יעדר ווארט) · דיא נאכט חלומות האבן אן גהובן זיך איין צוא פלאנטן אין איר קאפ · פלוצונ האט זיא דער הערט זייער אזים קול פון צווישן דיא אויל ביימר · וואס זיא שטייען לעבן דר זימר סאליע וויא מען זינגט :

וויא ליב זענן דייני וואוינגען ציון · אגזאנג ווערט גהערט אין דייני פאלצען · אפרייד רינגלן ארום דייני טאלן · קום האבן דיך דיא דינערן אביסל איבר גשראקן · נאר אבר זייער גיך האבן זייא איבר גצוגען · אזו וויא אפרישע רוז בליכט דוא אצונד · ווערסט נאך שוקן אשיינם ריח וויא פרוער · דא דר ציילט אפאטר זייני קונדר גאטס ווינדר וואס ער האט גזעהן · און פרייא זיך צוא זאמן · און דארט האלט אמוטר איר איינציג קונד · און לובט גאט · וואס ער האט אומגקערט קינדר צוא זייער מוטר · און אלץ איז רוהיג · דא פרייד זיך דער חתן · ווארום דאס טרויערינקייט איז שון אוועק פון ציין · אגרוסע פרייד רינגעלט ארום זיין הארץ · און דארט ווידר ציען אמענגע מענטשן מיט פרייליכי הערצר גאנץ פריא · ווען דער מארגן שטערן זינגן זייער מארגן ליד · און טעמפעל אריין גאט צו לובן :

בלייב שטיל · עפיס זייער אזים קול הער איך פון דעם טעמפעל ארום · בלייב שטיל · און הער דאס הייליגע גזאנג :

פון ווייטן הערט זיך דאס קול פון דיא לוים · וואס האבן אין דער צייט גזונגן אין דעם טעמפעל :

1

לוב דיין גאט ציון · מיט אלערלייא גזאנגן ·
ניט איינר פעלט. ניט איינר גפאנגן :
פון דעם הימל האט ער דיך גהאלטן אויף זיין משפט ·
עפין אויף דייני טויערן · דיא טירן צוא שפרייט :
אויף צו נעמן דייני קינדר · זיי אצונד גרייט ;
וואס זייא קומן זיך נייען פאר דעם הייליגן גאט ·

2

דיא הימלן טריפן טויא אויף

דייני

דייני ערטר •
פון דעם הימל קוקן אראפ דיא
הייליגע ווערטר :
וואס גאט האט דייני נביאים צו גזאגט
אלי פעלקר ווערן אין איינם
דיין גאז לובן •
ער וועט דורך זיי ווערן דר הובן :
צו רוק ווערן קומן דיא קינדר
וואס זענן פר יאגט :

3

לוב דיין גאט ציון מיט איין
גרוס גטימל •
דיין זין שייגט שון אין מוטן
הימל :
אונ אפינסטר נעבל באדעקט
דייני שונאים •
קלונג אום • שרייא אום • פר
דייני באוצר •
אט דאס איז דער גאט אייער
אייביגר שיצר :
ער איז אומדעם באקאנט
איך קען אים • איך קען אים :

אונ תמר האט זיך אוף גחאפט אונ האט אוף גוועקט פועהן אונ האט זיך צו איר אן גרופן • שטייא אוף פועה • ווארום עפיס זייער אזיס קול האב איך גהערט • וויא דאס קול פון מיין גלובטן • פועה אבר האט ניט גוואלט אוף שטיין • אום זונסט איז מיין אוף שטיין • האט זיא אים געענטפערט • עס איז נאר אחלום • בייא דיא ווערטר האט זיך תמר צוא רוק גלייגט מיט גרוס זיפצן אונ זארגן • קום האט זיא נאר איין אונ צו גטאן • האט זיך ווידר גהערט דאס קול פון צווישן דיא ביימר • וויא מען זינגט נאך אמאל :

4

אזו וויא ריהיג שטייט •
דיא הייליגע שטאט ציון
וויא זיין מאיעסטעט •
מיט פון אייביג רוען :

5

אירע באוצר קלובן •
זיך קיין ציון צו רוק •
אזו וויא דיא טובן •
אונ דיא נעסטן מיט גליק :

6

יעדר חתן גייט •
מיט דעם צורינג גציערט •
זעהט נאר זעהט •
וויא פרייליך עס שפארציערט :

7

נאר מיין בריליאנט
מיין שייני טוב •
איז גווארן היינט •
צו איין אנדרן פאר ארוב :

8

אונ הימל איז דא מיין עדות •
ציון ציון •
אונ איינם האבן מיר גטרונקן
פון

פון דעם ביטערען כוס ׃
פאר וואס זשע זארגסט מיך
אצונד אוך ניט צו ציען ׃
וואס איז דיר אזו שטארק דר
פר דראס ׃

9

זייער פיל גר שעמט ׃
האסטו מיך פר טרובן ׃
איא איינר גליימט ׃
בין איך אזש שטול גבלובן ׃

10

אוך אין די פרעמדי ׃
האב איך זיך גפולט ׃
וואס דיך הט גקלינמט ׃
האט מיך אוך גצילט ׃

11

נעם זשע מיך אוך אצונד צו
רוק אין דייני מוערן ׃
ווארום אזו הט אין דר פרעמד
מיין הארץ גשווארן ׃
אז איך מיז צוא רוק ריך צוא
קענן באדורן ׃
נעם מיך צו רוק ׃ היילינגע ערד
וויא איך בין גבורן ׃

12

נאך זעה איך איצט ׃
דעם בום דעם שיינם ׃
וואס עס זענן גקרוצט ׃
אונזרי נעמן אין איינם ׃

13

זייני בלעטליך גרינן ׃
קיינס האפט קיין שיטל ׃
אוף אים טוטו רינן ׃
דיא טויא פון דעם הימל ׃

14

מיין יוגענד טוי אבר איז אוס
גטריקענט גווארן ׃
מייני בלעטליך פון הצלחה
שטייען צו ביסן ׃
אוף מיר האט דער שטערם
גוויעט מיט צארן ׃
און האט מיך מיטן ווארצל
אוס גרוסן ׃

15

דארט שטייט אקיינן ׃
דער שטן פון מיין פריינד ׃
היינט בוים איבר לייגן ׃
איז מיר נאר אלייד ׃

16

דא פלעגט איך אשפאציר ׃
מאכן מיט מיין קרון ׃
היינט מאכט מיט איר
איין אנדרר שון ׃

17

אלוואי מיין זעלע זאל חאטשי
בלייבן רוען ׃
דא אין דער היילונגר ערד אין
איין ׃

[illegible]

דא יאל נמיר אום גיין מיין יונגע נשמה · דאס וועט זיין צו מייני צרות אשטוקל נחמה :

אין מוטן איז ער שטול גבליבן · וואָרום עס הט אים זייער גקלעמט ביא דעם הארצן · אונ תמר וואס זיא איז נאך ניט גשלאפן · הט עס אין גאנצן אום גהערט · ניין עס איז ניט קיין חלום · האט זיא ביי זיך גטראכט · איך מוז אוף שטיין אונ זעהן · זיא הט זיך גיך אוף גחאפט · אונ איז צו גלאפן צוא דר טיר · שטייא אוף פועה · האט זיא גשריגן · אונ גיב מיר גיך דעם שליסל פון דר טיר · וואָרום טאמיר וועל איך ניט טרעפן מיין גליבטן · זייא מיר מוחל וויר־תהון · האט זיא איר געענטפרט · זייא ניט אזו נאריש צו גלויבן אין חלומות :

אשולר · האט תמר גשריגן · גיב גיך דעם שליסל · עס איז מיר ענג דאס ארט דא צו שטיין · זיא האט גיך גנומן דעם שליסל אונ הט אוף גשלאסן דיא טיר · אונ איז ארום גגאנגן אין אלי זייטן אונ האט גשריגן · עמנון · עמנון מיין גליבטר :

עמנון אבר איז דר ווייל אוועק · אונ זיא הט אים שון ניט גטראפן · אבער עס איז אמת אז עס האט זיך מיר נאר גחאלומת · האט זיא גשריגן אונ האט גבראכן דיא הענד · וויא זיא האט נאר גוואלט צוא ריק גיין · איז איר הדורם אקעגן גקומן אונ האט זיך צו איר אן גרופן · זייא אהין ווייטר צווישן דיא ביימר · דארט וועסט דוא טרעפן דעם יונגם דוא זוכסט · אוך וועסט דוא דארט זעהן אזונס · ווס דוא האסט זיך אוף אים גאר ניט גרעכט · נאר זאלסט ניט זאגן קיינם פון אייך · וואָרום איך בין דר אום לייזר אונ דר בשורה זאגר אין איינם :

מיינע לעזר · שטעלט אייך פאר אליין · מיט וואס פאר אמינעס תמר איז גלאפן אוף דעם ארט · וואס ער האט איר אן גוויזן · אונ הדורם איז דר ווייל אוועק גלאפן צו ידידיהן :

עמנון מיין גליבטר · מיין לעבט אוף דר וועלט · הט תמר גשריגן · אונ איז אים ארום גפאלן אוף דעם האלז · אוך עמנון האט אן גהובן צו שרייען · תמר מיין גליבטע · מיין שייני טוב · ביסט נאך צו מיר · פר גרוס פרייד האבן זייא אזש ניט גקענט רעדן · זייא זענן גשטאנען וויא דיא גשנוצטע געטר · נאר זייערי הענד זענן גוועזן באהעפט צוא זאמן · אונ עטליכי מינוט ארום האט תמר זיך צוא אים אן גרופן · דיא הימלן · עמנון האבן דיין גרעכטוקייט דער ציילט · אונ דיא ערד האט דיין אמת אום גוויזן · זייא מיר מוחל עמנון · איך בין גוועזן

וויא די נארישע טוב · אראפ צו בלאנגן פון דעם וועג · מיינן אזערנע צוא קרוגן · אלאנגע צייט האט געווייגט מיין הארץ · פאר ציה מיר עמנון · דעם הער יורם זון :

אוועק פון מיר תמר · האט עמנון גשריגן · זייער פאר ווינדערט אוף אירע לעצטי עטליכי ווערטער · אוועק תמר · פון עמנון דעם פאסטך · אונ גייא צו יורם זון ווען ער שפילט מיט דיר אליבע · קער זיך אוועק פון מיר · ווארום ווען ניט וועל איך פאר דיינע אוגען מיין לעבן שטרעקן :

ניין מיין הער מיין געליבטער · האט תמר גשריגן · שטרעק ניט דיין לעבן · ווארום אין דעם הענגט אוך מיינס · לעב אצונד אקייגן תמרן וואס אן דיר איז איר לעבן גאר ניט ווערט :

עזריקם הט זיך ער נארבן אריבעטהום · נאר ניט מיט גרעכטיקייט · ווארום ער האט באראביזט דאס גוטץ פון דיין טאטן יורמן · צום סוף אבער איז ער גוועזן (נבל) דר זון פון עכנן · נאר אבר ער הט זיין באלונונג גהאט · אוך זכרי · חפר אונ בוקיה אונ ויא אלי וואס האבן דיר גוואלט שלעכטץ טאן ; האבן קיין האניג נים גלעקט · אונ דוא עמנון יורמס זון · זעה לעבן מיט מיר :

נאך שטיט עמנון פר ווינדערט פון אירע רייד · זענן אים ידידיה תרצה · אונ חננאל אקיינן גקומן · אוך נעמה · פנינה · אונ תימן מיט סתרין זענן פלוצלונג צוא אים צוא גקומן · אונ זענן אים אלי ארום גפאלן אוף דעם האלז · אונ האבן פיל טרערן פאר גאסן אוף זיינע ערדלע באקן :

אך · מיין זון · מיין איינציגר זון · האט נעמה גשריגן · אוך תימן מיט פנינהן האבן מיט גרוס פרייד גשריגן · אוי אונזר ברודר · אט דם איז אונזר לעבט פון אונזר לעבן · האט אוך ידידיה מיט תרצהן פיל מיט פרייד גשריגן · אט דם איז אונזר געסטר פריינד יורמס זון · פון דעם הימל ביסט דוא צו אונז אראפ גקומן · אונ אראפ גשוקט גוואורן · צוא היילן אונזרי ווינדן אפ צו ווישן דיא טרערן פון דיא באקן :

אוי מיין אום לייזר · מיין ערבע (יורש) · הט חננאל גשריגן · גנוג גאנץ גנוג · איך מעג שון שטארבן · מיין חלום איז שון אין גאנצן באשייד געווארן :

דיין חלום איז שון באשייד געווארן · האט עמנון זיך אן גרופן מיט נידריגע שטומן · נאר אבר איך שטייא אצונד וויא א טרוימענדער
בעל

(בעל החלומות) איך ווייס ניט · צו איז אמת דאס אלץ וואס איך זעה פר מיר · צו חלומות זיך עס מיר נאר :

עפין אויף דייני אויגן יורמס זון . אונ באטראכט דיא וואס שטייען ארום דיר · האט זיך סתרי צוא אים אן גרופן · אונ קער זיך או- צוא תמרן דיין גליבטר · אונ זעה ווידר לעבן מיט איר · אלי דייני פיינד זענן גווארן צוא שאנד · שטייא אויף · אונ לעב מיט גליק אונ מיט כבוד :

נאך שטייט ער אונ רעט צוא אים · אין הדורם ארום גקוקן פון צווישן דיא אעל בייטר · אונ הט מיט גפורט אוף יורמן . אונ יורם הט נאך ניט גוויסט אז עמנון איז זיין זון · ווארום איבערן וועג הט אים הדורם דער פון גאר ניט געזאגט · כדי דיא פרייד זאל דער נאך גרעסר זיין :

וויא יורם האט דער זעהן ידידיהן · איז ער ארום גפאלן אוף דעם האלז · אונ האט פאר גרוס פרייד מיט טרערן גשריגן · ידידיה מיין פריינד · מיין בעסטר פריינד :

ווער ביסט דוא עס · וואס דוא ריפסט מיך ביא דעם נאמן · האט אים ידידיה גפרעגט זייער פאר וואונדערט . ווארום ער האט אים גאר ניט דר קענט ווער ער איז :

אונ עמנון אז ער האט עס דער הערט · איז ער זייער דער שראקן גווארן · אונ איז גשטאנען וויא אשטומר · דער נאך האט יורם ארויס גנומן פון זיין האנד דאס פונגעריל · אונ האט זיך צו ידידיה אן גרופן גדענק דייני ווערטר וואס דוא האסט מיר פר אלאנגע צייט גזאגט :

קיין איינצוגע זאך איז ניט טייערר פון דר ליבע · נאר איר אנדענק איז זייער טייער · טייער צו גוטע פריינד :

שון צוואנציג יאר אז דם פונגעריל איז פון דיין פריינד יורמס האנד ניט ארויס גנומן גווארן אוף קיין מינוט · איך בין גפאנגן גווארן צוא דיא פלשתים · איך בין פאר קופט גווארן צו דיא בני יון · אונ נאר דאס פונגעריל איז מיר גוועזן אטרייסט צו מייני צרות · ווען איך האב געגעבן אבליק אוף דעם · האב איך פר געסן · אין מיין גפאנגן ארט · אונ מייני ליידן · מיין הארץ האט נאר גדענקט אין דיר · אצונד זאג מיר · מיין פריינד · איז נאך דא עפיס אצווייגל פון מיין פלאנצן · אודר צוא האט עס דער שטערם ווינד פון דר צייט אין גאנצן אויס גרוסן :

וואס ערבלוקן מייני אויגן · האט געטה מיט שרעק גשריגן הט דען גאט

גאָט גזאָגט צו דר ערד · ברענג ארויס דייני טויטע קערפּער · זיא האָט מער פר גרוס פרייד אונ שרעק ניט געקענט רעדן :

נאָר גאָט אליין הט דעם טאָג אן גצייכנט · הט ידידיה גזאָגט מיט גוויין · בשעת ער איז ארויס גפאלן יורמן אונ האָט אים מיט טרערן גקושט · גאָט האָט אונז ווינדר באוויזן · אונ מיט וואס קען איך אים אָפּ דאנקן · זעה פר דיר שטייט דיין יוגענד פריי נעמה דיין גליבטע אונ לעבן איר דייני קונדר עמנון אונ פנינה · דאס וועט דיר אטרייסט אצונד זיין · פר דיא יאָרן · וואס דוא האָסט זיך מיט גוויין אן גזעט · זעה וואס גאָט האָט גפירט · וויא אונזר ליבע איז גוועזן גרוס · איז אָבר נאָר מער דיא ליבע באקאָנט גוואָרן צו אונזרי קונדר · אונ איך האָב עס גאָר ניט גשפירט · ער האָט אים אום דר צייילט אלס וואס אין דיא פיל יאָרן · וואס ער איז גפאנגן גוועזן איז מיט זייא גשעהן :

דאָ איז יורם ארוס גפאלן בנעמהן אונ הט מיט גרוס פרייד גשריגן · אך מיין גליבטע · שון צוואנציג יאָר הט מיין זעלע גבענקט נאך דיר · אונ אצונד איז אין איין אויגן בליק מיין אלי זיפצן צוא איין אייביגע פרייד אום גביטן גוואָרן · אך מיין יוגענד גמאָל · האָט אוך נעמה גשריגן · פון דיינעט וועגן האָט מיך גאָט גשטאַרקט · צו ליידן שאנדן אונ וויטיגן · נאָר אָבר זעהן אונזר יוגענד איז אַוועק וויא גרינע וואָלקן אונ וויא אנעבל · וועט אונז אצונד פון דעם טויטן טאָג דיא זון אבלאָסן געבן · בייא דיא ווערטר האָט זיא אן גנומן עמנון מיט פנינהן ביי דיא הענד אונ הט זיי צו גפירט צוא יורמן · אונ הט צו אים גזאָגט · נעם ארום דייני קונדר יורם · מיין גמאָל (מאן) זייא האָבן אוך זייער פיל גלוטן · פיל גלוטן טרויער אונ זאָרגן :

דאָ איז יורם ארוס גפאלן עמנונן אונ האָט גזאָגט צוא אים דוא ביסט עס · דוא מיין זון · דוא האָסט מיין הארץ גוויגן נאך אוף דעם אינזל כפתור (ציפּערין) איך האָב דיך גליבט וויא דאס אונ אין קאָפּ · פון דעמאָלט אן האָט מיין זעלע דיך גליבט · אונ ניט גוויסט · וואס איך בין צו דיר · פאָטר גלובטר · מיין רוהם · מיין שוצר · האָט אוך עמנון גשריגן · מיין הארץ האָט דיך אוך גליבט · אונ איך האָב ניט גוויסט פאר וואס :

אונ יורם האָט זיך צו פנינהן אום גקערט · אונ האָט זיך צוא איר אן גרופן · וויא אזו איז דיין נאָמן מיין טאָכטר · מיין עדלע פנינה · הט זיא אים גענטפערט :

פְּנִינָה · האָט יוֹרָם גשְׁרוּגֶן · אוּנ האָט זיא גְקוּשְׁט · וִויא גְרוֹס איז דַיין טְרַייסְטֶן גאָט · וִויא גְלִיקְלַךְ בִּין אִיךְ אַצוּנְד · אַז אִיךְ זֶעה אַזוֹנֶע וָואס אִיךְ האָב מִיךְ גאָר נִיט גְרֶעכְט אוֹף זַייא · אוּנ אַצוּנְד גִיב אִיךְ אַוֶועק מַיינֶי פֶעלְדֶר אִין בֵּית לֶחֶם צוּ אֲבִישַׁי · וַוייל עֶר האָט אַזא גוּטְס מִיט עֶמְנוֹנֶן גְטאָן · אוּנ דִיא אִיבְּרִיגֶע פֶעלְדֶר צוּא סְתְרִין · וַוייל עֶר האָט אוֹף גֶעמֶהְן מִיט פְּנִינָהְן אַכְטוּנְג גֶגֶעבְּן אוּנ צוּא דִיר הֲדוֹרָם וָואס זָאל אִיךְ גֶעבְּן · מַיין גאַנְצִין רַייכְטְהוּם שְׁטֵייעט נִיט דִיר אָפּ צוּא דַאנְקֶן · דוּא האָסְט אוּם גְקֶערְט דָאס פָּאטֶר הַארְץ צוּא דִיא קִינְדֶר · גאַנְץ וַוייטֶע האָב אִיךְ צוּא רוּק גְבְּרַאכְט צוּא זַייעֶרֶי עֶרְטֶר · האָט זִיךְ הֲדוֹרָם אָן גְרוּפֶן · דְרוּבֶּר ווִינְטְשׁ אִיךְ מִיר צוּא זוֹצֶן מִיט אַייךְ צוּא זַאמֶן אִין צִיוֹן · וָוארוּם גאָר עֶר אִיז גאָט אוֹסֶר אִים קֵיינֶער · קוּמְט וֶועלֶן מִיר גֵיין אִין גאָטְס הוֹז אַרַיין · דָארְט וֶועלֶן מִיר אִים אָפּ דַאנְקֶן מִיט אָפְּפֶערֶן :

צוּא אוּנְז בִּיסְט דוּא הֲדוֹרָם · האָבֶּן זַייא אִים אַלֶי צוּא זַאמֶן גֶעעֶנְטְפֶערְט אִין דֶער יוּדִישֶׁער גאָט · וָואס האָט גְשִׁיצְט זַיין פָאלְק זָאל דִיךְ אוֹךְ שׁוּצֶן צְווִישֶׁן זַיין לִיבּ פָאלְק :

דָאס גאַנְצֶי הוֹז גְזוּנְד יוֹרָמְס אוּנ יְדִידְיָהְס · אוּנ אוֹךְ הֲדוֹרָם זֶענֶן אַלֶי צוּא זַאמֶן גְגַאנְגֶן אִין טֶעמְפֶּעל · אוּנ האָבֶּן גֶעאָפֶּערְט · לוֹבּ אָפֶּערֶע אוּנ האָבֶּן גְדַאנְקְט גאָט · פַאר זַיין גְנאָדֶע · אוּנ האָבֶּן זִיךְ צוּא רוּק אוּם גֶקֶערְט אִין דֶעם זִימֶער שְׁטִיבֶּל אַרַיין · אוּנ האָבֶּן גֶגֶעסֶן גְטְרוּנְקֶן אוּנ זִיךְ פַאר גְנוּגֶן גְמַאכְט · דֶער נאָךְ האָט זִיךְ יְדִידְיָה צוּא יוֹרָמֶן אָן גִירוּפֶען · זֶעה · אַז עֶס זֶענֶען גִיקוּמֶן · אַצוּנְד דִיא וֶוערְטֶער · וָואס האָב דִיר פַאר צְוָואנְצִיג יָאהְר גִיזָאגְט · אַז גאָט וֶועט דִיךְ צוּא רוּק בְּרֶענְגֶען מִיט גְלוּק · וָועלִין מִיר זִיךְ צוּא זַאמֶען פְרֵייעֶן אִין דֶעם זִימֶער שְׁטוּבֶּל :

אָךְ האָט חֲנַנְאֵל גְשְׁרוּגֶען · אָךְ מַיינֶי אוֹגֶען זֶעהֶן אַלֶעס פַאר בָּארְגֶענֶעס אָפֶּענְבַּאר אַרוֹס · מַיין חָלוֹם אִיז בַּאשַׁייד גְוָוארֶן :

גֶענִיג פַאר מִיר · האָט אוֹיךְ תֵּימָן גִישְׁרוּגֶען · גאָט האָט מִיר אוּם גִיקֶערְט וָואס עֶר האָט בֵּייא מִיר צוּ גְנוּמֶן ·

בֵּייא דִיא וֶוערְטֶער האָט עֶר פְּנִינָהְן גְקוּשְׁט · דָאס שְׁטֵיינְדִיל האָט עֶר ווִידֶער גְזָאגְט · אִיז שׁוֹן צוּא זַאמֶען גְפַּאסְט מִיט דֶעם פִּינְגֶערִיל אוֹף אֵייבִּיג :

זֶעה נאָר עֶמְנוֹן · האָט אוֹךְ עוֹץ גְזָאגְט צוּא אִים · גְדֶענְק מַיינֶי וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ האָב דִיר שׁוֹן לַאנְג גְזָאגְט · נאָךְ קוּקְט אַרַאפּ

האפנונג

האפנונג פון דעם הימעל · אוך פון דיא [illegible] היטען טריקענען ניט א"ם דיא טרערין פון דיא אונטערדריקטע :

איך מייני ווערטער האט זיך תמר אן גרופן זינן גוועזן · האף עמנון ווארום האפנונג איז בעסער פון לעבן :

אונ עמנון האט אן גנומן תמרס הענד · אונ האט זיא גקושט מיט גרוס פרייד · אונ האט גזאגט צוא איר · גהאפט האב איך מיין זעלען גלויבן · איך האב גהאפט אויף דייני רייד · אונ דיין ליבע איז מיר בעסער פון לעבן :

ענדע